STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06357

# DI BROYNE MESLESN

K. Benek

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ק. בענעק

# די ברוינע מעת-לעתן

ק. בענעק / די ברוינע מעת־לעתן

K. BENEK

Di broine mes-lesn

(Les jours bruns)

© Copyright by K. BENEK (B. KAC)

Printed in France

Imprimerie Abexpress, 72, rue du Château-D'eau, Paris-10e

ק. בענעק

# די ברוינע מעת-לעתן

(ראָמאַן פון די מלחמה-יאָרן)

תשל"ב פּאַריז 1972



פאָרטרעט פון ק. בענעק, געצייכנט פון מאַנע קאַץ

# פון מחבר

איך גיב איצט אַרויס פאַר די לייענער, בסך־הכּל, מיין דריט בוך. עס איז נישט קיין סך; במשך פון קנאַפּע פערציק יאָר ליטעראַרישער טעטיקייט, איז עס אפילו ווייניק, זייער ווייניק, און הגם עס זיינען געווען אַ סך סיבות און איך דער ערשטער ריי, ווייל עס איז כּמעט איינגאַנצן נישטאָ קיין יידיש־פאַרלעגערישער טעטיקייט, האָב איך זיך פונדעסטוועגן דערשלאָגן אַז דאָס בוך זאָל אַרויס אויף דער ליכטיקער שיין.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט וואָס איך מאַך אַזוי צו זאָגן אַן „הקדמה״ צו דעם דאָזיקן בוך, ווייל איך דאָ עפּעס דערציילן:

נאָכן דערשיינען פון מיין צווייטן בוך „אונטער די פאַריזער הימלען״ האָט אַ חבר, אַ קאָלעגע, אַ באַקאַנטער יידישער בעלעטעריסט מיך געפרעגט:

וואָס ביסטו אויסן געווען מיט דעם בוך וואָס דו האָסט אַרויסגעגעבן. פאַרוואָס האָסטו נישט געגעבן קיין הקדמה, אַ פאַרוואָרט אָדער אַן אויפקלערונג וואָס דו האָסט געמיינט דערמיט?

איך האָב מיין פריינט, מיין קאָלעגע גאָרנישט געענטפערט דערויף. איך בין אָבער געבליבן עטוואָס דערשטוינט. איך האָב געוואָרט אַז איך זאָל אים קאָנען עפּנטלעך ענטפערן און איך טו עס איצטער:

עס איז פונקט ווי מען וואָלט געפרעגט דעם ווינט פאַרוואָס ער בלאָזט: ער קילט אָדער גלעט? וואָס איז דער פויגל אויסן וואָס ער זינגט? פאַרוואָס קרייעט דער האָן? אָדער וואָס מיינט דערמיט דער עפּל ווען ער פאַלט אַראָפּ פון בוים?

אויב שוין יאָ „אויסן זיין״ און „מיינען״, מיין איך, אַז דער שרייבער דאַרף דאָס נישט אויפקלערן, זיין ווערק: די דערציילונג, דער ראָמאַן, די דראַמע און דאָס ליד דאַרף עס אַליין טאָן פאַר זיך. נאָר דורך דעם דאַרף דער לייענער זיך דערוויסן און אָפּשאַצן וואָס דער שרייבער האָט געמיינט און וואָס ער איז אויסן געווען.

אָדער ווי האָט געזאָגט דער זיידע מענדעלע:

„נישט דאָס בין איך אויסן!״

מיט מיין איצטיקער הקדמה בין איך דער עיקר אויסן צו דערציילן ווי אַזוי דאָס בוך איז געבוירן געוואָרן און דאָס וויל איך שוין דווקא יאָ אויפקלערן, טראָץ דעם וואָס איך ווייס, אַז צוליב דעם, וועל איך האָבן „צו זינגען און צו זאָגן״.

אין פאַריז געפינט זיך אַ ייד, וועלכער איז גענוג באַקאַנט.

אַ חוץ מיט זיין באַשיידנקייט, גוטסקייט און ערלעכקייט, איז ער אויך אַ באַוווּסטער געזעלשאַפטלעכער טוער, אַ רעדנער און אַליין אַ פּעיִקער פּען־מענטש.

אַט דער דאָזיקער ייִד, וועלכער האָט נישט געקאָנט צוזען מיין „לאַ־יצלחקייט” האָט זיך אונטערגענומען אַרויסצוגעבן מיין בוך.

ער האָט נישט גערוט, דער ייִד, ער האָט כמעט אַוועקגע־לייגט זיינע אייגענע געשעפטן. ער האָט פּשוט „איינגעלייגט וועלטן” אַז דאָס בוך זאָל דערשיינען.

מיט געררירטקייט האָב איך זיך צוגעקוקט, ווי ער האָט דאָס אַלץ געטאָן מיט אַזאַ דינקייט, עמפּינדלעכקייט און איידלקייט, אַז עס איז פּשוט צו שטוינען אין אונדזערע היינטיקע צייטן...

ער האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ קאָמיטעט כמעט... פון זיך אַליין: ער איז געווען דער געבער און דער „נעמער”, דער זאָר־גער און פאַרזאָרגער, דער „לעקטאָר און קאָלעקטאָר” (לויט זיינע ווייַמפּערס אַן אויסדרוק).

דער ייִד הייסט: אברהם־רודי. (לעצטנס עולה געווען קיין ישראל).

ער האָט פונדעסטוועגן אויך געהאַט צו זיך עטלעכע גוטע און געטרייע ייִדן פון דער ייִדישער קולטור, וועלכע האָבן צו ביס־לעך געהאָלפן. דאָס זיינען:

מיין טייערער אַלטער פריינט און יוגנט־חבר, דער היינטי־קער באַקאַנטער געזעלשאַפטלעכער עסקן, מ אַ ר ס ע ל ק אַ ר אַ ל י צ ק י, דער ליבהאָבער און פאַרשפּרייטער פון ייִדישן בוך מיין ליבער חבר ח יי ם ס אַ ד אָ ו ס ק י, דער ערן־מיטגליד, דער באַקאַנטער ייִדישער שרייבער י ו ס ף מ אַ נ י ט ש און פ ר ו י, און אַנדערע פריינט, וועלכע איך דריק אויס מיין האַרציקן דאַנק.

צום סוף וויל איך אייך בעטן מיינע ליבע לייענער, אַז איר זאָלט מיך נעמען אין אייער שוץ, ווייל דאָס וואָס איך האָב אייך דאָ איצט דערציילט וועט מיר אַזוי „גלאַטיק נישט אָפּגיין”.

אברהם רודי, האָט זיך „אויסגערעדט” מיט מיר, אַז איך זאָל אים נישט לויבן, כ׳זאָל אים נישט דאַנקען און אַז איך זאָל נישט פאַרעפנטלעכן זיין נאָמען אינעם בוך.

איך האָב אים דאָס אַלץ צוגעזאָגט און איך קאָן נישט האַלטן מיין וואָרט, ווייל ווי אַזוי קאָן מען פועלן ביי זיך אַז מען זאָל אַזאַ מענטש נישט לויבן, נישט דאַנקען און נישט דערמאָנען זיין נאָמען? סיידן, איך זאָל אים האַלטן פאַר אַ „ל״ו־ניק”. און דאָס, בין איך זיכער, ווייל ער אַליין אויך נישט...

ק. ב.

אַנקען

# קאפיטל איינס

## די היטלער-ארמיי אין פאריז

די „אויסטערלישע מלחמה" וואָס האָט זיך געצויגן גאַנצע ניין מאָנאַטן צווישן די פראַנצויזישע און דייטשע היטלער־אַר־מייען האָט זיך געענדיקט אין דעם ליכטיקסטן חודש פון יאָר; טויזנט ניין הונדערט פערציק — אין די טעג, איידער דער קאַ־לענדאַר האָט אַראָפּגעוואָרפן דאָס לעצטע בלעטל פון פרילינג...

דעמאָלט זיינען אַלע טייכן פון דעם שיינעם פראַנצויזישן לאַנד, געפלאָסן מיט שלווה, מיט רו און מיט מנוחה. אויך די תבואות אויף די פעלדער, די בלומען־בייטן אין די גערטנער און די פרוכטן אין די סעדער — האָבן גישט פאַרשפּעטיקט. זיי זיי־נען געוועזן אין פולער בליִונג און אַרויסגעגעבן פון זיך דעם זעלבן ריח, דעם זעלבן אַראָמאַט און דעם זעלבן דופט, ווי זיי טוען דאָס געוויינטלעך אין דער זעלבער צייט אין אַלע אַנדערע יאָרן.

אין דעם ניינטן טאָג פונעם זעקסטן חודש, האָבן די ערשטע נאַצישע חיילות זיך שוין צעשפּרייט און פאַרפּלייצט כמעט אַלע גאַסן און פלעצער פון דער הויפּט־שטאָט.

זיי זיינען אָנגעקומען צו פוס און מיט אַלע מינים טראַנס־פּאָרט־מיטלען: אויף לאַסט־וועגענער, אויף טאַנקן, אויף פערד, אויף מאָטאָציקלען און אפילו אויף ביציקלעטן.

זיי האָבן מאַרשירט מיט געזאַנג און מיט מוזיק.

ביי אַ טייל פון זיי, האָבן אויף די שפּיצן פון די באַגנעטן,

געפלאַטערט האַקן־קרייצן און עס האָבן זיך געשויבערט פעלד־בלימלעך.

פון די מידע פאַרוואַקסענע און פאַרשטויבטע פּנימער פון די סאָלדאַטן, האָט אַ חוץ מיט שוייס, געקאַפּעט מיט פאַל־שע ערזאַץ־שמייכלען. די לייטענאַנטן און אָפיציר'ן האָבן געוואָרפן צו די נייגעריקע צעשראָקענע איינוווינער, „ליבלעכע" בליקן, הענט־געהויב, אַלא הייל היטלער, און... סיגאַרעטן. צו די צעפּרי־דענע טומלענדיקע קינדער, האָבן זיי געשיט קיכלעך, ביסקוויטן, צוקערקעס און פאַרשידענע אַנדערע נאַשוואַרגן...

דער גרויסער פאַריזער „עקזאָד" פון דער צעטומלטער באַ־פעלקערונג, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן צו ציען שוין מיט טעג און וואָכן פריער, איז מיטאַמאָל פאַרהאַלטן געוואָרן ביי די טויערן פון פאַריז, וואָס די אַנלויפנדיקע אָקופּאַנטן האָבן פאַרשטאָפּט פון אַלע זייטן. די פאָרטן צום אַרויסגאַנג אויף מערב און דרום פון דער שטאָט, זיינען הערמעטיש פאַרמאַכט געוואָרן. די טויערן האָבן זיך צוריק געעפנט נאָר פאַר די, וועלכע זיינען צוריקגע־יאָגט געוואָרן דורך די נידעריק פליענדיקע אַעראָפּלאַנען און אויך פאַר די דאָזיקע, וועלכע זיינען געצוווּנגען געווען אומצוקערן זיך אין דער הויפּט־שטאָט, מחמת דעם, וואָס די וועגן און שאָ־סייען פון אַרום, זיינען בליץ־שנעל אַרומגערינגלט געוואָרן פון דער נאַצישער ווער־מאַכט.

אין משך פון די ערשטע טעג, האָבן אויך אַנדערע אָנגעהויבן זיך אומצוקערן פריוויליק. צו זיי איז דערגאַנגען די ידיעה, אַז די דייטשן האַלטן זיך קאָרעקט און אפילו פריינטלעך; אַז עס געשעט קיינעם קיין שלעכטס: איז צו וואָס זיך וואַלגערן אין דער פרעמד אָן אַ היים און אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ?

אויך אפילו אַ טייל פון די ייִדישע אַנטלאָפענע, וועלכע זיינען געווען פון די סאַמע ערשטע אינעם עקזאָד, זיינען ביסלעכ־ווייז צוריקגעקומען קיין פאַריז. זיי האָבן צו ערשט מיט שרעק

זיך געדרייט אין די ווינקלען, דערנאָך זיינען זיי געגאַנגען עט־וואָס דרייסטער, און שפּעטער האָבן זיי פריי שפּאַצירט איבער די גאַסן און געשטויגט, וויאַזוי זיי קאָנען זיך אומגעשטערט באַוועגן אין אַ שטאָט, וועלכע איז פאַרנומען געוואָרן פון דער היטלער־אַרמיי ?...

אָבער תיכף — ווי נאָר די דייטשן זיינען אַריינגעקומען און פאַרנומען דאָס לאַנד — האָט אָנגעהויבן באַלד אַלץ אויסצו־פעלן. די צוריקגעקומענע, אַזוי גוט ווי די גאַנצע באַפעלקערונג, האָבן באַצייטנס שוין, זיך געמוזט שטעלן אין די רייען נאָך אַ פּאָר קאַרטאָפל, אַ ברויטל, אַ שטיקל מאַרגאַרין און אַנדערע שפּייז־אַרטיקלען. די דייטשע זעלנער און אָפיצירן האָבן אָבער גע־דאַרפט פאַרשידענע לוקסוס־אַרטיקלען, וועלכע מען האָט שוין נישט געקריגן אין די מאַגאַזינען און נישט אויפן פרייען מאַרק. ביי דער אַ לאַגע, האָבן זיך געפונען פראַנצויזן און אויך נישט ווייניק יידן, וועלכע האָבן אָנגעהויבן צו מאַכן געשעפטן מיט די דייטשן.

פאַר אַ סך מאַרקן — וואָס די דייטשן האָט נישט אויס־געפעלט — האָבן זיי צוגעשטעלט אין די קאַזאַרמעס, שאָקאָלאַד־טאָוולען, באַנבאַניערן, געטרוקנטע מאַנדלען און פאַרשידענע אַנ־דערע מינים קאָנדיטאָרייען. זיי האָבן אויך צוגעשטעלט: זייגער־לעך, ליפּן־פּאָמאַדע, פאַרשידענע פּאַרפומען און אַנדערע קאָס־מעטיק־אַרטיקלען. די סאָלדאַטן און אָפיצירן האָבן דערנאָך דאָס אַלץ איבערגעשיקט צו זייערע ווייבער און „מעדכען“ אין דער „היימאַט“.

מיטן צוקומען פון אַלץ פרישע מיליטערישע איינהייטן אי־נעם אָקופּירטן טייל פון לאַנד, האָט זיך דער האַנדל מיט די דייטשן פאַרגרעסערט און פאַרברייטערט. פון די קלייגע הענדלער איז גע־וואָרן גרויסע סוחרים און פאַבריקאַנטן, וועלכע האָבן אָנגעהויבן צו האַנדלען מיט דער דייטשער קאָמענדאַטור דירעקט.

פון די רעקוויזירטע סחורה־סטאָקן, האָט די מיליטערישע האַנדלס־קאַמער, זיי צוגעשטעלט ביליקע רוי־מאַטעריאַלן, פון וועל־כע זיי האָבן אויסגעאַרבעט פאַר דער אַרמיי: וואָלענע פולאָווערן, פוטער־רעקלעך, לעדערנע מאַנטלען און אַנדערע סחורות, וועלכע זיי האָבן שנעל געליפערט אין דער אינטענדאַנס. זיי, די האַנדלס־דייטשן, האָבן נישט מדקדק געווען אויף דער קוואַליטעט; נישט אויף קיין מאָס, נישט אויף קיין לענג און נישט אויף קיין ברייט. אַבי עס איז נאָר געווען צונויפגעניייט, איז עס שוין גוט געווען פאַר זיי. די כיטרע צושטעלער האָבן שוין געוווסט, אַז אַלע בראָקן: פאַרקירצטע, פאַרשמעלטע, אפילו מיט איין אַרבל לענ־גער פאַרן צווייטן: מיט לעכער, מיט אָראָפּגעלאָזטע „אויגן", אַלץ וועט אָנגיין. די אַלע „סאָלדן" האָבן זיי פאַרשטעקט אין דער מיט און אָפּגענומען דעם זעלבן מקח ווי פאַר רעיעלער סחורה.

אוודאי האָבן די עטלעכע זיך „פלינק אָריענטירנדיקע" ייִדן נאָך נישט געקאָנט זיך פאַרשטעלן וועגן די פּיטיוויעס, דראַנסיס, באָן־לאַ־ראָלאַנדס און אַנדערע קאָנצענטראַציע־לאַגערן, דורך וועל־כע די פּאַריזער ייִדן זיינען שפּעטער דעפּאָרטירט געוואָרן. און אוודאי און אוודאי האָבן זיי נישט געאָנט פון אַ מיידאַנעק, און אוישוויץ און אַ טרעבלינקי, ווו צוזאַמען מיט די זעקס מיליאָן, זיינען אויך הונדערט און צוואַנציק טויזנט ייִדן פון פראַנקרייך פאַר־גאַזט געוואָרן אין די דאָרטיקע קאַלך־אויוונס. די דאָזיקע פּאַרנאָר־טע און געלט־גיריקע מענטשן, האָבן סיי ווי אין גאַרנישט געוואָלט אַריינטראַכטן; זיי האָבן קודם פאַר זיך געזען אַ „קאָניעקטור"; אַז מען קאָן מאַכן געלט. אַזוי אָרום, זיינען זיי דאָס געוואָרן, אומ־באַוווסטערהייט, דער פאַרפאַסטן פון די שפּעטערדיקע „גוצלעכע יודען", וואָס די היטלעריסטן האָבן אַזוי נויטיק געדאַרפט האָבן אומעטום.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, זיינען די אַלע אַרטיקלען אויסגעאַ־רבעט געוואָרן פון פאָך־לייט: פון געדונגענע אַרבעטער, אָבער דער גרעסטער טייל פון די פּאַריזער ייִדישע אַרבעטער, האָבן

טאַקע נישט געהאַט דעם טאָג איבערצולעבן; האָבן זיי געמוזט אַרבעטן.

די אומלעגאַלע פּראָפעסיאָנעלע פאַראייגען האָבן דערלויבט צו אַרבעטן בלויז דריי טעג אין דער וואָך, בכדי, כאָטש אַזוי אַרום, אַביסל צו צוימען די פּראָדוקציע וואָס איז געגאַנגען אויסשליסלעך פאַר די דייטשן. זיי, די סינדיקאַטן, האָבן אַרומגעשיקט מענטשן נאָכצוקוקן צי עס ווערט פּינקטלעך אָפּגעהיטן די נישט אַרבעטנ־דיקע דריי טעג.

אַלע, אָדער כמעט אַלע, האָבן אויסגעפירט די באַשלוסן פון זייערע פאַך־אָרגאַניזאַציעס. געווען אָבער איינצלנע, וועלכע האָבן פּרובירט „אַריינגנבענען" אַ נישט דערלויבטן טאָג אָדער צוויי. די דאָזיקע, זיינען עס דווקא געווען אַזעלכע וואָס עס האָט זיי נישט אויסגעפעלט דער גראָשן... צו זיי איז געגאַנגען אויף קאָנ־טראָל דער סאַמע ראַדנער שעף פון די סאַבאָטאַזש־אַקטן, איציק קראַסני, אין באַגלייטונג פון אַ שטאַרקער וואָך היגטער אים.

נאָכן איינטענהן מיט זיי: „עס איז אַ שאַנדע פאַר אונדז ייִדן — צוליבן רייץ פון געלט — זאָלט איר אַרבעטן פאַר אונ־דזערע מערדער וואַרעמע זשאַקעטן און פולאָווערן, כדי זיי זאָלן נישט פרירן אויף די פראָנטן" — האָט ער, איציק קראַסני, מיט זיינע אייגענע הענט, אַראָפּגענומען דעם „פאַדעם־פירער" פונעם „קעפּל" און אויך אַנדערע טיילן פון די שטריקער־מאַשינען און דאָס איבערגעגעבן צו זיינע באַגלייטנדיקע מענטשן.

ערגעץ אויף אַ בערגל פונעם הויכן בעלוויל, דאָרט וווּ די גאַסן פון פּאַריז פאַרנעמען זיך צו די פאַרשטעט, געפינט זיך אַ הויף. ווי אין אַלע הייף פון יענער געגנט, האָט ער עטלעכע היב־טער־הייפלעך; „אייגענע" צעשליסענע פאַסאַזשלעך און אַ היל־צערן בריקל וואָס פאַראייניקט די אָנגעשאָטענע האַלב־איינגע־פאַלענע ווינונגלעך. דאָרט אַהין זיינען דאָס אין אַזאַ פאַרבאַ־

טענעם אַרבעטס־טאָג אָנגעקומען די צוויי פאַרשטייער פונעם שטרי־קער־סינדיקאַט: משה קאַפער און ליפע שמולעוויטש, אויף קאָנ־טראָל.

ווען זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן דורך אַ פינצטערן קאָרידאָר אין אַ כמעט קעלער־שטוב פון דער נידער, האָבן זיי אַנטקעגן זיך דאָס ערשטע דערזען אַ קליין פענצטערל מיט דיקע פאַר־זשאַווערטע קראַטן. דערנאָך האָבן זיי באַמערקט צוויי בעטן וואָס האָבן פאַרנומען כמעט אַ האַלבע שטוב. ביי אַ וואַנט, אונטער אַ פאַרקאַפּטשעט עלעקטריש לעמפּל, האָבן זיי געזען ווי אַ ייִנגל פון אַ יאָר פופצן־זעכצן, גראַבלט זיך ביי אַן אַלטמאָדישער שטאַרק אָפּגענוצטער שטריקער־מאַשין.

איינער פון די דעלעגאַטן האָט מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן זיך געווענדט צום ייִנגל:

— פאַרוואָס אַרבעטסטו היינט, דו ווייסט דאָך אוודאי אַז היינט איז דער טאָג וואָס עס איז נישט דערלויבט צו אַרבעטן, ווייל די אַלע טריקאָס גייען פאַר די דייטשן?

ביי דעם ייִנגל איז דער „דעקער" פון דער האַנט אַרויסגע־פאַלן, און אַ פאַררויטלטער האָט ער געענטפערט:

— ווייל ביי אונדז איז נישטאָ ווער עס זאָל עפּעס פאַרדינען, מוז איך אַרבעטן!

— האָסט נישט קיין טאַטן?

— איך האָב יאָ, נאָר מען האָט אים צוגענומען אין לאַגער אַריין קיין פּיטיוויע!

— און דיין מאַמע ווו איז?

— זי איז קראַנק, איז זי אַוועקגעגאַנגען צו די „שוועסטערן" זיך מאַכן פּיקירן. איך האָב נאָך אַ קליין שוועסטערל אויך, איז זי איצט אין עקאָל!

די צוויי „קאָנטראָלערן" האָבן זיך טרויעריק איבערגעקוקט

איינער מיטן אַנדערן, און ליפּע האָט געוויזן משה קאַפּערן דאָס הענגגנדיקע לענגל אין דער מאַשין, וועלכעס איז געווען פול מיט לעכער מיט „אויגן" און מיט צעריסענע קאַנטן.

דערווייל האָבן זיך די צוויי דעלעגאַטן אַרומגעקוקט אין דער פאַרחושכדיקער אַטעליע־שטוב און אָבסערווירט דעם „אַרבעטער", כמעט נאָך אַ קינד, מיט זיינע טונקל־פאַראיילטע הענט. זיי האָבן באַמערקט, ווי אַ שווייס איז ביי אים אַרויסגעשלאָגן אויפן פּנים; זיי האָבן אויך געזען, אַז ער קאָן זיך גאָר אינגאַנצן נישט קיין עצה געגעבן מיט דער מאַשין.

משה קאַפּער האָט אויסגעטאָן דאָס רעקל, זיך דערנענטערט צו דער מאַשין און אַריינגעקוקט אינעם „קעפּל". ער האָט געזען אַז דער „פּאָדעם־פירער" איז לויז און שאָקלט זיך; דער „שפּאַנער" איז נישט גענוג אָנגעצויגן און דאָס „ניסל" שטייט צו נידעריק און קראַצט די נאָדלען...

ער האָט געכאַפּט דעם שרויפן־ציער — משה קאַפּער — וואָס איז געלעגן אויפן פּעטן מאַשין־ברעט און ער האָט רעגולירט דעם זיך שאָקלענדיקן פּאָדעם־פירער. דערנאָך האָט ער גוט אָנגעצויגן דעם שפּאַנער און אָנגעשטעלט אויף דער געהעריקער הויך דאָס „ניסל".

אויך ליפּע האָט אויסגעטאָן דאָס רעקל : ער האָט געלערנט דעם יינגל און אים געוויזן, ווי אַזוי ער האָט זיך צו באַגיין מיט דער מאַשין... און אַן אַ וואָרט נאָך צו ריידן, האָבן די צוויי ייִדישע „גזלנים", ווי פאַרשעמטע, זיך אַרויסגעשאַרט פון דער שטוב...

לאַנג האָבן די אַלע אַרבעטן און די אַלע קאָנטראָלעס סיי ווי נישט אָנגעהאַלטן. שנעל האָבן זיי זיך געשטופּט — סיי די אַר־בעטער און סיי די צושטעלער, סוחרים און הענדלער — אין די רייען ביי די פּאָליציי־קאָמיסאַריאַטן, צוזאַמען מיט אַלע פאַריזער ייִדן, כדי אַרויסצובעמען די ווייסע קליינע קוויטלעך אין וועלכע מען האָט זיי פאַרצייכנט אַז זיי געהערן צו דער ייִדישער ראַסע...

## „גרינע צעטלען"

בערך מיט אַ קנאַפּ יאָר שפּעטער, כמעט אין דער זעלבער צייט; ווען די פּאַריזער פּאַרקן, וועלדער און גערטענער, זייִנען שוין געדיכט באַשאָטנט געוווען דורך די גרין־גלאַנציקע בלעטער, וועלכע האָבן געשאַרכעט פון די געדיכטע ביימער — האָט עס אויך מיט איינמאָל אַ שאַרף־געטאָן אין אַלע ייִדישע קוואַרטאַלן פון דער צעבליטער פראַנצויזישער הויפּט־שטאָט, מיט גאָר אַן אַנדער מין „גרינקייט": עס האָט זיך צעפּלאַטערט אַ וואַלד מיט פּאַפּירלעך פון אַ שאַרף גרינער קאָליר, וועלכע די פּאַריזער פּאָסט האָט פּאַנאַנדערגעשיקט צו גאָר אַ גרויסן טייל ייִדישע מענער.

די דאָזיקע גרינע צעטעלעך, וואָס האָבן געעפנט דעם ערשטן תהום צום פינצטערן ייִדישן עמק־הבכה פון פראַנקרייך — האָבן אין אַ גאַנץ העפלעכן טאָן „איינגעלאַדן" די אַלע פאַרהעלטעניס־מעסיק נאָך יונגע ייִדן, צו קומען זיך צושטעלן אין די קאָמיסאַריאַטן פון זייערע וווין־ערטער, אין באַגלייטונג מיט אַ משפחה־מיטגליד אָדער מיט אַ נאָענטן פריינט, כדי צו „רעגולירן" זייִן פּערזענלעכע סיטואַציע...

זייער אַ גרויסע צעטומלונג און פאַרביטערונג האָבן די אַלע פאַרהוילן־ריידנדיקע צעטלען אַרויסגערופן צווישן אַלע ייִדן און גאָר באַזונדער ביי די פרויען, קינדער און עלטערן פון די „איינגעלאַדענע".

קיין סך צייט אויף זיך מישב צו זיין, אָדער זיך איבערצו־קלערן, איז נישט פאַרבליבן.

עפּעס ווי אַ מאָדנע אָפּגעשמועסטע זאַך האָבן אַלע דערהאַלטן די גרינע צעטלען באַכמיטאָג און שוין אויף צומאָרגנס, אין די ערשטע פרי־שעהען, האָט מען זיך געדאַרפט צושטעלן, ווען נישט האָט עס „געדראָט מיט סאַנקציעס".

אויף די גאַסן און געסלעך פון די יידישע באַוווינטע קוואַר־טאַלן, האָבן זיך גרופּירט געדיכטע געזעמלעך. מיטאָמאָל זיינען די גרויע יידישע געסלעך פון „פּלעצל", בעלוויל און באַפּרוּאַ, „באַוואַקסן" געוואָרן מיט גרינס... כמעט יעדער יידישער מאַן, האָט געהאַלטן זיין גרין צעטעלע צווישן די פינגער.

שכנים מיט שכנים האָבן זיך באַראַטן וואָס מען האָט דאָ צו טאָן? די מיינונגען זיינען געווען צעטיילטע; די מער האָפּערדיקע; די אָפּטימיסטן האָבן געטענהט:

— ווייסעך וואָס, ס'איז נישט מער ווי אַ פאָרמאַליטעט, מען הייסט קומען, דאַרף מען גיין! — די דאָזיקע — האָבן באַזונדער מורא געהאַט פאַר די אָנגעזאָגטע סאַנקציעס.

אַנדערע האָבן איינגעבויערט די פינגער אין די שלייפן און זיך געמוטשט:

— גיין — האָבן זיי געזאָגט — דאָ איז נישט גלאַטיק, נישט אַנדערש נאָר מען וויל אונדז אַריינכאַפּן אין אַ קלאַטקע, ווען נישט וואָלטן זיי נישט געהייסן קומען מיט אַ באַגלייטער.

אפילו אין די לינקע יידישע קרייזן, וועלכע האָבן געפירט זייער טעטיקייט אומלעגאַל, זיינען די מיינונגען אויך געווען צע־טיילט: יאָ גיין און נישט גיין.

סוף כל סוף, האָט די מורא און שרעק פאַר די פאָלגן וואָס די משפחות קאָנען אויסשטיין, איבערגעוויגן. אַזוי, אַז די גאַר גרעסטע טייל גערופענע האָט זיך צומאָרגנס אין דער אָנגעוויזע־נער שעה, צוגעשטעלט אין זייערע קאָמיסאַריאַטן און טאַקע...

מער נישט אהיימגעלאָזן געוואָרן צו זייערע ווייבער און קינדער.

צווישן דער גאָר קליינער צאָל וואָס האָבן דעצידירט זיך נישט צוצושטעלן, האָט זיך געפונען חיים קאַמינסקי, אַ בחור פון אַן ערך נאָענט צו די דרייסיקער. פון פאַך איז ער געווען אַ „קאַס־קעטער" (היטל־מאַכער) ער איז געווען פון העכערער ווּקס, אַ ברונעטער און מיט אַ טונקל שטריכיק פּנים.

אַ חוץ מיט זיין פּראָפעסיאָנעלער באַשעפטיקונג האָט ער זיך אויך פאַרנומען, אַזוי צו זאָגן, מיט גייסטיקע ענינים. ער איז גע־ווען טעטיק אין פאַרשידענע יִידישע קולטור־קרייזלעך צו וועלכע עס האָט אים שטאַרק געצויגן. אַ חוץ דעם — האָט מען וועגן אים געזאָגט — אַז אין „געהיים" זיצט ער האַלבע און גאַנצע נעכט און „זינדיקט" מיט דער פעדער... און אפשר טאַקע צוליב דעם, איז ער געווען אַזאַ אָפּגעלאָזענער און אַ פאַרטראַכטער.

דער חיים, וועלכער איז בטבע געווען אַ שווייגער און ווי מען האָט אויך וועגן אים געזאָגט: אַ נישט־אויסטויגער — האָט דאָך באַנומען מער פון אַנדערע, אַז מען דאַרף נישט אַריינפאַלן צום „וואָלף אין פּיסק אַריין". ער האָט נערוועז געקנייטשט מיט די פינגער דאָס גרינע שטיקל פּאַפּיר אין דער קעשענע. וועלכעס האָט אים דערמאָנט זיין אַמאָליקן גרינעם אויסוויז.

ער האָט פאַרלאָזן אויף הפקר זיין אָפּגעלאָזן בחוריש צימער און מיט רעש איז ער אַראָפּ די פיר שטאָק שטיגן. ער האָט איי־ליק געשפּאַנט מיט לאַנגע אויסגעצויגענע טריט צו זיין חבר און פריינט, שלום בלומענפעלד.

ביים עפענען זיין חברס טיר, האָט אים אַקעגנגעשיינט דאָס גרינע צעטל, וואָס איז געלעגן אויף שלומס טישל, אַן אויסגע־גלייכטס, ווי פון „דער נאָדל אָוועק", און אים אַליין שלומען, האָט ער געטראָפן זיך פאַרען ביי עפּעס אַן אַלטן קאַמפּינג־געצעלט אין וועלכן זיי ביידע פלעגן אין די פאַרמלחמהדיקע זומערן אָפט פאַרברענגען ערגעץ אין אַ קאַמפּינג־פעלד, ביי די ברעגן פון דער מאַרנע.

## קאפיטל דריי

# דאָס ערשטע באַהעלטעניש

אָן ערך אַ צוואַנציק קילאָמעטער דרומדיק פון פּאַריז, אין אַ שטעטל ווו די סען שלענגלט זיך אונטער אַ באַן־בריק, געפינט זיך אַ האָלב־אינדזל, ווו אויף די ברעגן שטייען און ליגן אויס־געלייגט לייוונטענע און הילצערנע ביידלעך און געצעלטן, וועל־כע ווערן אומאויפהערלעך פאַררוישט פון די לויפנדיקע וואַגאָן־רעדער — ביי טאָג, און געשווענקט און געפּליעסקעט פון די מיל־דע סען־וואַסערן — אין די אָוונטן.

דאָס שטעטל וואָס האָט געווייניטלעך פאַרמאָגט בסך־הכל עטלעכע געציילטע יידישע איינוווינער, איז מיט איינמאָל פאַר־גרעסערט געוואָרן מיט אַן ערך פון אַ צוויי־צענטליק יידישע מענער, פרויען און קינדער פון און פון־אַרום פּאַריז. און כאָטש עס איז ערשט געווען קוים די צווייטע העלפט פונעם פרילינג, זיי־נען זיי, די יידן, באַצייטנס געקומען דאָ מאַכן זייערע וואַקאַציעס, נישט ווייל די פּאַריזער היץ האָט זיי אַרויסגעיאָגט אַהין; קיין היץ איז נאָך ווייט אין פּאַריז נישט געווען. זיי זיינען אויך נישט גע־קומען, אַהער בכדי זיך אָפּצורוען פון דער אַרבעט; כמעט אַלע האָבן שוין לאַנג קיין אַרבעט נישט געהאַט. זיי זיינען פשוט גע־קומען אויף דעם פּריצייטיקן וואַקאַנס, כדי זיך אויסצובאַהאַלטן פאַר די דייטשן און פאַר זייערע משרתים, פעטענס מיליץ, נאָך דעם ווי זיי זיינען אַנטרונען געוואָרן מיט די „גרינע צעטלען", אין די קעשענעס. אַ חוץ דעם אַלעם, האָט מען שוין סתם אָנגעהויבן

פילן אין פּאַריז, אַז די לופט קעגן ייִדן ווערט וואָס אַמאָל אַ הייסערע.

מען קאָן פונדעסטוועגן נישט זאָגן, אַז דאָרט, אין דעם צו־זאַמען־געלאָפענעם שטעטעלע, זאָל נישט האָבן געווען היימיש־לעך, היימלעך און אין די ערשטע צייטן, אַפילו צו ביסלעך פריילעך.

עס זיינען דאָרט געווען כל המינים ייִדן און ייִדענעס:

עטלעכע עכטע „פּראָפעסיאָנעלע" קאָמפּירער, וואָס האָבן זיך דאָרט אַהין סתּם מיטגעכאַפּט; אַ ייִדישער דיכטער פון פּאַריז, וועל־כער האָט אין די שפּעטע אָוונטן, אַרום די קאָלירטע פייערלעך פון די שכונתדיקע וואַקזאַל־ראַמפּעס און אונטער די בלישטשנדיקע פונקען פון די אַדורכלויפנדיקע לאָקאָמאָטיוו־אויגן — געלייענט פון אויסנווייניק זיינע פּאָעמען און דערציילט פריילעכע און אויך מעלאַנכאָלישע מעשהלעך און געשיכטן.

אַנדערע האָבן דערציילט וויצן, גלייכווערטלעך און געהייסן טרעפן רעטענישן...

עס זיינען געווען עטלעכע ווייבלעך מיט שיינע שטימען, וואָס די מענער זייערע האָבן זיך דווקא יאָ צוגעשטעלט אין די קאָמי־סאַריאַטן און זיינען גלייך אַפּגעשיקט געוואָרן אין די פון פריער צוגעגרייטע לאַגערן פון באָן לאַ ראָלאַן און פּיטיוויע האָבן זיי, די ווייבלעך, פון דאָרט־אויס, געשיקט פּעקלעך צו זייערע מענער און דאָ דערווייל איבערגעוואַרט אויף זייער צוריקקומען... דער־ווייל האָבן זיי פונדעסטוועגן אין די שפּעט־צוגעפאַלענע אָוונטן, פאַר אַלעמען געזונגען, טרויעריקע מעלאַנכאָלישע און „מאָראַלישע" לידער.

נאָך איידער שלום האָט צעעפנט זיין געצעלט, האָבן זיך בײַדע דערנענטערט צו אַ קאַמפּינג־ביידל, ווו ביי דער שמאָלער עפענונג איז געשטאַנען אַ מיידל, אָדער אַ ווייבל, מיט אַ צוגע־שנורטן רוקזאַק אויף די פּלייצעס. שלום האָט זיך מיט איר באַ־

גריסט ווי מיט אַן אַלטער באַקאַנטער און ער האָט זי גלייכצייטיק פאַרגעשטעלט פאַר זיין חבר חיים.

דאָס מיידל, אַדער ווייבל, וואָס האָט אויסגעזען בערך פון אַ יאָר דריי אָדער פיר און צוואַנציק, איז געווען עטוואָס העכער פון מיטעלען ווּוקס: זי האָט געהאַט אַ לענגלעך טונקל געזיכט, אַ פיין פאַרמירטע, אַ בויגעוודיקע און מיט אַן אַנגענעמען שמייכל צווישן די לענגלעכע קאַשטאַן־אויגן. פון צווישן די נישט גע־שמירטע פולעכלע ליפּן, האָבן אַרויסגעגלאַנצט צוויי גלייכמעסיקע רייען ווייסע ציין.

אַז זי איז געווען אַ ספּאָרטיווע, דאָס ווייבל אָדער מיידל, האָט חיים באַלד דערזען: זי האָט געטראָגן אַ ברוינלעכע כאַקי־בלוזן אַרומגעצויגן מיט אַ ברייטלעכן פּאַסיק אויף אַ מעשענעם שלאָס און אַ פּאָר ספּאָרט־שיך ווי צו מאַכן דערמיט ווינטער־״סקי״. ביי דעם אַלעם האָט זי אָבער פאַרמאָגט אַ ווייבלעכקייט, וואָס האָט געבלענדט אין די אויגן...

זי האָט אַראָפּגעלאָזן דעם פול־אָנגעלאָדענעם רוק־זאַק אויפן גראָז און מיט געשיקטקייט פאַרפעסטיקט דעם עטוואָס לויזן פראָנט־שטעקן פונעם לייוונטענעם געצעלט. בעתן פאַרן זיך ביים פאַרפעסטיקן דעם שטעקן, איז פונעם ביידל אַרויסגעקראָכן אויף אַלע פיר — מיט אַ העל־האַריק קעפּל אויף פאַרויס — אַ ייִנגעלע פון אַ יאָר זעקס־זיבן, מיט אַ פריילעכן אויסגעשריי אויף ייִדיש:

— מאַמע! ביסט שוין צוריקגעקומען? האָסט מיר עפּעס מיטגעברענגט?

אַזוי אַרום האָט זיך חיים דערוווּסט, שוין אויף זיכער, אַז זי איז נישט קיין מיידל, נאָר אַ ווייבל, אָבער אין זיך האָט ער זיך גע־וווּנדערט חיים, וואָס דאָס ווייבל, וועלכע זעט נאָך אויס ווי אַ יונג מיידל, זאָל שוין האָבן אַזאַ דערוואַקסן ייִנגעלע? ער האָט אויך געהערט חיים, ווי זיין חבר שלום, רופט זי היימישלעך מיטן נאָמען: רחל.

מיטאמאָל האָט חיים אינגאַנצן פאַרגעסן צוליב וואָס אייגנט־לעך ער איז דאָ אַהערגעקומען. ער האָט פאַרגעסן אין זיין נאָר וואָס פאַרלאָזענעם בחורישן צימער; אַז ער איז אַרויס אויף דער שנעל אַ נישט־ראַזירטער. ער האָט פאַרגעסן אפילו אין זיין גרינעם צעטל וואָס קנוילט זיך איצט אין זיין קעשענע...

ער האָט זי גרונטלעכער געוואָלט אָנקוקן — אָבער כדי זיך נישט צונויפצוטרעפן מיט אירע בליקן, האָט ער ווי בגנבה, אָפּט געוואָרפן די בליקן אין אַן אַנדערער ריכטונג...

עס האָט זיך אים אויסגעדוכטן אַז ער האָט זי שוין, די רחלען, ערגעץ־ווו אַמאָל געזען: צי אויף אַ ליטעראַרישער אונטערנע־מונג וואָס ער האָט כמעט קיינמאָל נישט אַדורכגעלאָזן צי גאָר אויף אַ כאָראַלן קאָנצערט צווישן די זינגער, ווו דער פּאַריזער ייִדישער כאָר איז אַרויסגעטראָטן ?

דאָס פאַרהוילענע פּיטאָרעסקע קאַמפּינג־אינדזועלע, דער גע־פּלוס פון דער סען, דער פרישער ריח פון די גרעזער און צווייטן האָט ביי אים געמאַכט אויפשווימען אין דמיון, זיינע ערשטע לי־בעס, וועלכע האָבן זיך פאַרנעפּלט געוועבט, צווישן די בוימער און קוסטן, אויף די פריילעכע זומערדיקע אויספלוגן, אָדער צווישן די בערגלעך און די טאָלן, ביי די ראָוון און טייכן, ווו ער פּלעגט אין די הייסע זומערן פאַרברענגען אויף די קאַמפּינג־פעלדער.

— — — עס איז אים אַדורך פאַר די אויגן דאָס דראָבנע מיידעלע, וואָס איז נאָר וואָס אָנגעקומען פון אַ קליין ייִדיש שטע־טעלע פון לעבן לובלין — די ציפּוירקע — די מיט די גלאַנציק קויל־שוואַרצע אַפּגעצויגענע האָר ווי צוגעפּרעסט. מיטן ווייסן בלוז־קעלע צנועהדיק פאַרקנעפּלט ביז אַרויף. די מיט די האַלב־פאַרגלייזע־טע עטוואָס מרוזשנדיקע אויגן, וועלכע האָט שטיל גערעדט וועגן „מאַראַל" און הויכן „הימל־זאַכן", און מיטאַמאָל אים פּלוצים אַ פרעג געטאָן: צי ער איז נישט אַמאָל אַ קליינבירגער ?...

צום סוף, מיט יאָרן שפּעטער, האָט דאָס לובלינער מיידעלע

וואָס האָט זיך צעוואַקסן אין דער ברייט, גאָר חתונה געהאַט מיט עפּעס אַ דאַמען־קאָנפעקציאָנער, וועלכער האָט געפירט אַן אייגענעם וואַרשטאַט „מיט מענטשן", און אין די זונטיק־טעג און יום-טובים, האָט זי מיט התמדה איר מאַן צוגעהאָלפן ביים מאַכן די „מאַרשעס" אין די שטעטלעך, אין די דערפער און אויף די מערק אַרום פּאַריז...

— — — וואָס פאַר אַ גרויסער קאָנטראַסט עס איז צווישן דער איצטיקער נייער באַקאַנטער רחל, און דער אַמאָליקער ציי־פּוירקע ?...

אויך ער אַליין חיים, איז געווען אַ מענטש מיט קאָנטראַסטן:

אָט האָט ער צוזאַמען מיט אַ נישט־צוגעפּאַסטן חבר זיינעם, פאַרברענגט גאַנצע אָוונטן אין די קאַפעס אויפן מאַנמאַרט, אויפן פּיגאַל, אָדער אין די נעכט ביי די האַלעס, צווישן די טרעגער און „קלאָשאַרן", אַרום די פאַרענדיקע וווּרשטלעך מיט „פּאָם־פריט", „שוקרוט" און „סוף אַלאַ אָניאָן". גאָר שנעל איז אים אָבער דער חבר צוזאַמען מיט דעם אַלעם, פאַרמיאוסט געוואָרן; האָט ער זיך איינ־איינעם מיט אַנדערע „אָרגינעלע" חברים, זיך איבערגעוואָרפן אויפן מאָנפּאַרנאַס און אָפּגעזעסן ביז די פאַרטאָגן, אין „דאָם", „קופּאָל" און אין אַנדערע קינסטלער־קאַפעען. ער האָט זיך פאַר־היימישט מיט דער דאָרטיקער „באָהעמע", מיט אָנפאַנגענדיקע שרייבער, מיט צווייפלהאַפטיקע מאָלער און מיט זייערע ביליקע „מאָדעלקעס". ער איז צוזאַמען מיט זיי געזעסן ביי די טישלעך, פאַר די לעצטע גראָשנס געטרונקען און האַלב־בגלופין, „פילאָ־זאָפירט"...

ווען עס איז אים אויך דאָס פאַרמיאוסט געוואָרן, האָט ער זיך אַריינגעלאָזן אין די יידישע רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־קרייזן. מען האָט אים אַריינגענומען כמעט אָן שוועריקייטן, אַלס מיט־גליד אין אַ יונגער יידישער שרייבער־גרופּע און אַלס אַ פרייער צוהערער, אין דער דעמאָלטיקער מאַרקסיסטישער אַרבעטער־אוני־ווערסיטעט".

די פאַרגאַנגענע און איצטיקע ראָמאַנטיק — אין אָנבליק צו אַט דער רחל, צו וועלכער עס האָט אים ווי אינסטינקטיוו געצויגן — האָט זיך איינגאַנצן נישט אַריינגעפּאַסט, צו דער איצטיקער סי־טואַציע, צוליב וואָס ער און דער גרעסטער טייל ייִדן זיינען דאָ אַהערגעקומען. ער האָט זיך דאָס אַליין אָבער, מיט גאַרנישט גע־קאָנט פאַרענטפערן...

ווייזט אויס, אַז אויך די רחל, איז גאָרנישט געבליבן אַזוי גלייכגילטיק צו אים. אין אַפּוועזנהייט פון חיימען, האָט זי מיט אַ ווייבלעכער פאַראינטערעסירונג אויסגעפרעגט איר פריינט שלומען פאַרשידענע „אינטימע" איינצלהייטן וועגן זיין חבר חיימען...

אין די שפּעטע אָוונט-שעהען, ווען אויף דער בריק האָט זיך ביסלעכווייז איינגעשטעלט דער רעדער־געזשום און אַרום איז געווען אויסגעלאָשן און טונקל, ווען אויף דער רויִק־פליסנדיקער סען, האָט זיך אָפּגעשפּיגלט דער פינקלענדיקער שטערן־שימער, האָבן זיי געפעלט אין דער גרופּע, וועלכע פלעגט זיך כמעט יעדע נאַכט צוזאַמענקומען,ביים זינגען אויף פאַרחלומטע שטילע טע־נער, סענטימענטאַלע און ראָמאַנטישע לידער. זיי, דאַקעגן, האָבן שפּאַצירט אַרום ווייכן געפּליסטער פון די טייך־בוריגן, ווו זיי האָבן אָנגעהויבן אויף רעכט זיך באַקענען.

אָן אָנדערמאָל — ווען רחלס ייִנגעלע איז שוין לאַנג גע־שלאָפן — איז ער לאַנג געזעסן לעבן איר ביידל. די מוטער האָט אין זיך איינגעזאַפּט דעם קינדס אָטעם, און ער, חיים, האָט איר דערציילט פון זיין פאַרגאַנגענהייט און פון זיין לעבן.

ער האָט פאַר איר געשילדערט די עלען: די, מיטן ברייטן הוט, געפּוצטע קליידונג און מיטן כמעט ווייסן קאַלך־פּנים ווי ביי אַ הייליקע. מיט דעם וואָס זי האָט מיט אַלעם מסכים געווען מיט אים, האָט עס אים אָפּגעשטויסן פון איר. זי האָט אים פונ־דעסטוועגן יאָ און נישט צוגעלאָזן צו זיך... זי איז פאַרבליבן פאַר אים ווי אַ רעטעניש...

דערנאָך די רוזשקע, די מיטן מאַטן און טונקעלן געזיכט: די „אַלזשעריאַנערין" — ווי מען האָט זי גערופן — די דינאַמי־שע און „אָריגינעלע", די, וועלכע איז געווען דער היפּוך פון דער עלען. אירע פירונגען זיינען געווען עפּעס אַזוי מאָדנע זעלבסט־שטענדיק ווי ביי אַ מאַנספאַרשוין... זי איז געווען דאָס „שיינדל" אין די אויטאָריטעטע כמעט ביי אַלע זייערע געמיינזאַמע פריינט און באַקאַנטע.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער, איז דאָ אָהערגעקומען, לילי, איינע פון חיימס פּאַריזער שוועסטערן. זי איז געקומען צוזאַמען מיט איר מאַן אהרן, און מיט זייער גיין־יאַריק בן־יחידל, בערעלע. די שוועסטער וואָס האָט געליטן פון אַ שווערן רעוומאַטיזם און צוליב דעם זיך נישט געקאָנט איינאָרדנענען אויפן קאַמפּינג־פעלד, האָט זיך אַריינגעצויגן אין אַ דערנעבנדיקן האָטעל־צימער.

לילי, איז געווען דער ליבלינג נישט נאָר בלויז ביי איר ברודער חיים, נאָר אויך, כמעט אַן אויסנאַם, ביי אַלע אירע באַ־קאַנטע און פריינט.

אַ חוץ וואָס זי איז געווען זייער אַ שיינע, (מען האָט זי אפילו גערופן: „די שיינע לילי") האָט זי געהאַט נאָך מעלות; זי איז געווען אַ פריילעכע, אַ ליבלעכע און די גוטסקייט אַליין. נאָך אין וואַרשע, אין דער „אַרבעטער־היים", אויף קאַרמעליצקע און אין ליטעראַטן־פאַריין, אויף טלאָמאַצקע, ווו זי האָט אָפּט פאַרקערט, איז זי געווען אַ שם־דבר.

כאָטש אַליין איז זי קיין שרייבערין נישט געווען, האָט אָבער דאָך אַ פאַרלאָשענער אָדער אַ נאָכנישט אויפגעייענדיקער פונק פון דער „מוזע" ביי איר געטליעט. אַזוי, אַז זי איז געווען פון די אינטערעסאַנטסטע „ליטעראַרישע ביילאָגעס" מיט וועמען די ליטעראַטן האָבן זיך פאַראינטערעסירט און ליב געהאַט אין איר געזעלשאַפט צו פאַרברענגען.

## ק. בענעק

אין פּאַריז, איז איר שטוב געווען אַ היימיש־אָפענע היים, פאַר אַלע אירע באַקאַנטע און פריינט. ווער עס האָט עפּעס גע־דאַרפט אַ טובה, אָדער אַן עצה, איז מען געקומען צו לילין. אין איר באַשיידענער דירה, האָט מען אויך זייער אָפט געטראָפן, כמעט די גאַנצע פאַרמלחמהדיקע ליטעראַרישע עליטע.

ווען לילי האָט באַמערקט אַז איר ברודער, וועלכן זי האָט אומגעהויער ליב געהאַט, פירט זיך אַרום מיט אַ ווייבל און עפּעס אַ קינד ביי דער זייט... האָט זי עפּעס מאָדנע געבליקט, ווי געשיקלט, מיט אירע מרוזשנדיקע האַלב־פאַרחלומטע אויגן... עס האָט אויס־געזען: אַז עס געפעלט איר יאָ, און עס געפעלט איר נישט... אָבער נאָך דעם ווי די צוויי יינגעלעך, בערעלע און שימע־לע האָבן זיך קינדעריש באַקענט און זיך אָנגעהויבן צו שפּילן צווישן זיך, און נאָך דעם ווי זי אַליין, לילי, האָט זיך מיט רחלן נענטער באַפריינדעט — האָט זי אָנגעהויבן קוקן אויף זיי — אויף חיימען און רחלען — מיט אירע מילדע בליקן, וועלכע זיינען געווען אַזוי צוגעפּאַסט פאַר איר געמיטלעך פּנים. זי האָט גע־קוקט און געקוקט, מיט ליבע צום ברודער, מיט אַן אויסדרוק, ווי איינער זאָגט:

— נו, חיים! ווי לאַנג איז טאַקע דער שיער צו זיין אַן אַלטער בחור?...

אין די שפּעטערדיקע טעג און וואָכן, האָבן שוין אַלע פיר, פאַרברענגט צוזאַמען. די צוויי פרויען, זיינען איינאיינעם געגאַנגען איינקויפן אין די מאַגערע געוועלבלעך און אויף די מערק. זיי האָבן זיך אויך איבערשפּאַצירט צו די פּויערים אויף די פערמעס, כדי צו קריגן אַ ביסל מילך אָדער אַן איי פאַר די קינדער. אַזוי אַרום, האָבן זיי זיך נאָך מער צוגעבונדן צווישן זיך, לילי און רחל.

פון צייט צו צייט, האָבן זיך אַלע געטראָפן אין „בלויען רעסטאָראַן". איבער דער בריק, ווו מען האָט פאַר ווייניק געלט

און אַן טיקעטן געקאַנט אָפּעסן אַ מאָגערלעכן מאָלצייט. אין די דאָנערשטיקס אָדער אין די זונטיקס נאָכמיטאָג, פלעגן די צוויי פּרויען, פון צייט צו צייט, גיין מיט די קינדער אין שטעטלדיקן קינאָ זען אַ פילם.

די צוויי זיך שוין גוט איינגעלעבטע פאַמיליעס, צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע יִידן וואָס האָבן זיך געפונען דאָ אויף דעם וואָס זיי האָבן אָנגערופן: „וואַקאַנס־פּאַרסע" (געצוווּנגענער וואַ־קאַנס), האָבן געפילט אַז גאַנץ לאַנג וועט עס שוין סיי ווי נישט געדויערן; ווייל אויך דאָ, האָבן זיך שוין אָנגעהויבן צו באַווייזן דייטשן און פאַרשידענע פאַרדעכטיקע „ציווילע" פראַנצויזן... זיי האָבן געשפּירט אין דער לופטן, אַז אַט, אַט וועלן זיי מוזן אַנט־לויפן פון דאַנען. זיי האָבן אויך ווי אינסטיקטיוו פאַרגעפילט און באַנומען, אַז דאָס איז שוין אוודאי זייער לעצטער וואַקאַנס...

אין די דאָזיקע טעג — פריער, שפּעטער און צווישנצייט — זיינען יִידישע מאַמעס מיט די זעקס־שפּיציקע געלע לאַטעס אויף די מלבושים און מיט זייערע נאָך נישט דערוואַקסענע קינדער ביי די הענט, פאַרבייגעלאָפן ווי פאַר אַ בראַנד, פאַר די האַלב־אָפענע און צעוויגטע טירלעך פון די שטאָטישע פּאַרקן, סקווערן און גערטענער. זיי זיינען געלאָפן מיט פאַרפּלאָמטע פנימער, פאַר־צאַרנטע און פאַרשמאַכטע, צו די קרעמלעך און געוועלבלעך זיך איינקויפן אויף די שפּייז־קאַרטן די מאָגערע ראַציעס, וואָס איז באַשטימט געווען פאַר יִידן אין געוויסע שעהען פון טאָג דאָס זיך איינצוהאַנדלען.

אין די יִידישע געגנטן — פאַרן „סקוואַר די טאַמפּל", פאַרן „זשאַרדען וואַזש" און גאָר באַזונדער פאַרן באַרימטן וואַלדיקן און טייכיקן, באַרגיק און טאַליקן עקזאָטישן פּאַרק „ביטשאַמאָן", ווו עס האָט באַהערשט די עלטערע באַזוכער מיט רו, שלווה און מנוחה; ווו עס האָט געשוועבט און געפלייצט אין

## ק. בענעק

די זומערדיקע אָפּגעקילטע אָוונטן אויף די פֿאַרחלומטע געזיכטער פֿון יונגע בחורים און מיידלעך מיט ליבע, פֿאַרבענקטקייט און ראָמאַנטיק; און פֿאַרן קליינוואַרג האָט עס געשטראַלט מיט פֿריי־דיקע שפּילערייען, מיט געלעכטער, רעש און געפּילדער — אַט־אָ פֿאַרן דאָזיקן שמעקנדיקן לופטיקן גאָרטן האָבן די געפּירטע קינ־דער אויסגעדרייט די קעפּלעך און געוויזן מיט די פֿינגערלעך, אַז די מאַמעס זאָלן זיי דאָרט אַהין אַריינפֿירן.

דאָס קליינוואַרג האָט בשום אופֿן נישט געקאָנט פֿאַרשטיין, פֿאַר וואָס עפּעס פּלוצים אין מיטן דערינען, טאָרן זיי זיך מער נישט שפּילן דאָרט?

די מאַמעס האָבן פֿאַרשטעלט מיט די פֿאַרשוויצטע דלאָניעס די קינדערשע אייגעלעך און אַריינגעהעשעט מיט ווייטיק אין די קינדערשע אויערלעך, אַלץ, וואָס עס איז זיי געקומען אין קאָפּ אַריין...

צו די גאָר קליינטשיקע האָבן זיי געזאָגט: אַז אַ „באַבוק" איז דאָרט מיטאיינמאָל אָנגעקומען. די פּיצלעך, האָבן שוין אַ סך מאָל געהערט וועגן אַ „באַבוק", און טאַקע מורא געהאַט פֿאַר אים, האָבן זיי אַרויסגעלאָזן אַ געוויין. די גרעסערע, וועלכע האָבן שוין עטוואָס פֿאַרשטאַנען, האָבן די מאַמעס פּרובירט זיי איינרעדן, אַז די יינגלעך פֿון „ביטשאַמאַן" זיינען לאָבעסעס, שלעכ־טע. אַז זיי וואַרפֿן שטיינער און זיי וועלן זיי שלאָגן.

די גרעסערע, פֿיר־פֿינף־יאָריקע, האָבן זיך אָבער נישט גע־לאָזט איינרעדן, זיי האָבן ווידער און נאָכאַמאָל אויסגעדרייט די קעפּלעך צו די אייזערנע שטאַכעטן און צו די אָפֿענע ביטשאַמאַן־טויערן און אויפֿסניי געוויזן דער מוטער:

— זעעסט מאַמע — האָט איינער געוויזן מיט אַלע פֿינגער — דאָרט, נעבן „גיגניאַל", 1) לויפֿן איצט אַדורך פֿראַנס און מאַר־סעל מיט אַ געלן באַלעם. זיי שפּילן זיך שטענדיק מיט מיר. זיי

---

1) מאַריאָנעטן־טעאַטער פֿאַר קינדער

זיינען נישט קיין לאַבעסעס. זיי זיינען גוטע קאַמעראַדן. פראַנס האָט מיר אפילו אַמאָל געגעבן בחינם אַן אַוויאַנדל, און מאַרסעל האָט מיר געגעבן צו לעקן פון זיינס אַ גלאָס („ליאַדע״ — אייז־קרעם) וואָס זיין מאַמע האָט אים געקויפט.

ווען די פאַרצערטע און צעטומלטע מוטער האָט אייגגעזען אַז עס איז נישט געלונגען איבערצוצייגן דעם גרעסערן, האָט זי אים אויסדערציילט דעם „סוד״: — — — אַזביים טויער פון ביטשאַמאַן שטייט היטלער און לאָזט קיין ייִדישע קינדער נישט אַריין.

דאָס קינד האָט שוין עפּעס יאָ און עפּעס נישט געוווּסט פון אַ היטלער; ער האָט געוווּסט, אַז עפּעס אַ שלעכטער מענטש וואָס הייסט היטלער, האָט געהייסן אָנטאָן אַ געלע לאַטע, און אַז אויך ער מוז זי גיין צוגעניית צום מאַרנאַרקעלע, ווייל ער איז שוין אַלט פיר יאָר; האָט ער נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה — און אויך אַרויסגעלאָזן אַ געוויין...

דער גרעסטער טייל פונעם פראַנצויזישן איידעלן פאָלק, האָט מיטגעפילט מיט די ייִדישע מאַמעס און קינדער. טייל האָבן מיט־גענומען די שפּייז־טיקעטן פון זייערע שכנים; אייגגעקויפט פאַר זיי, און די פּראָדוקטן זיי געבערענגט אין שטוב אַריין. אַנדערע, האָבן מיט־גענומען די ייִדישע קינדערלעך אין די סקווערן און גערטלעך און אַנגעזאָגט זייערע אייגענע קינדער, אַז זיי זאָלן זיי גוט באַהאַנד־לען, אַז זיי זאָלן זיך שפּילן מיט זיי. אַזוי אַרום האָבן זיי מיט דעם דאָזיקן מיטלייד־געפיל אויך אויסגעדריקט זייער האַס און עקל צום שונא און גלייכצייטיק אָפּגעווישט אַן איבעריקע טרער און עטוואָס פאַרמילדערט דעם צער און ווייטיק פון די אַזוי האַרץ־פאַרקלעמטע ייִדישע מאַמעס.

אויך אויף אַנדערע שטאָטישע עפנטלעכע ערטער האָט מען זיך געקאָנט צוזען צו אַזעלכע סצענעס.

אין פאַרשידענע אַמטן: אין די „מעריס״, ביי די אויטאָבוס־סטאַציעס און אין די פּאָסט־ביוראָס, האָבן די וואַרטנדיקע פראַנ־

צוזיזן אין די רייען, אָפּגעטרעטן זייערע פּלעצער, פאַר די ייִדישע אָריינקומענדיקע.

ווען דאָס פּאָרפּאָלק חיים און רחל מיט זייערע געלע מגן־דודן אויף די לאַצן האָבן איינגעשטיגן אין דעם פול־באַזעסענעם לעצטן וואַגאָן פון דער מעטראָ, (ייִדן האָבן געמעגט פאָרן, בלויז אינעם לעצטן וואַגאָן) האָט דער וואַגאָן ביי זיי אויסגעזען, ווי אַ שנעל־לויפנדיקע לוויה... אָבער באַלד זיינען זיי איבערראַשט און פאַרוווּנדערט געוואָרן, זעענדיק, ווי אַ גרויסער טייל פון די פּאַ־סאַזשירן האָבן זיך אויפגעהויבן פון זייערע געזעסן און העפלעך זיי פאַרגעלייגט זיך צו זעצן אויף זייערע זיץ־פּלעצער.

די צוויי יונגע מענטשן, האָבן געשטויגט, צוזעענדיק, ווי נישט נאָר בלויז די ייִנגערע פון זיי, נאָר אויך עלטערע און אפילו גאָר אַלטע, כמעט זקנים, האָבן דאָס זעלבע געטאָן. יעדער פון זיי, זעט אויס, האָט געוואָלט מיט עפּעס פאַרגיטיקן, פאַר דער שאַנדע וואָס דער דייטש טוט אָן די ייִדן און האָבן דעם כבוד צו זיין דערביי פון די ערשטע.

ווילד־פרעמדע מענטשן האָבן אויסגעשטרעקט און זיי דער־לאַנגט די הענט. אַנדערע, וועלכע זיינען געשטאַנען ווייט פון זיי און צו זיי נישט געקאָנט דערגרייכן, האָבן זיי באַגריסט מיטן נייגן מיט די קעפּ און מיטן וויגן מיט די הענט אין דער הויך אָריינפלעכטנדיק זייערע פינגער איינעם אין דעם אַנדערן.

דאָס פּאָרפּאָלק, חיים און רחל, האָט זיך געפילט זייער זשע־נירט זעענדיק דאָס ערשטע מאָל זייט זיי פאָרן אויף דער פּאַריזער מעטראָ, די מאָדנע אויסטערלישע סצענע, ווי מען שטופּט זיך צוליב זיי און מען דרענגט זיך, אין דעם אָנגעהויפטן וואַגאָן, אַרום אומבאַזעסענע בענקלעך...

אַ וווּנדערבאַר־רירנדיק געפלעכט, איז אָנגעגאַנגען צווישן אַ יונגער שוואַנגערנדיקער פרוי און אַן עלטערן גלח, וועלכע זיינען געווען כמעט פון די ערשטע, וועלכע האָבן זיך פאַר זיי אויפגע־שטעלט פון זייערע זיץ־פּלעצער.

די מעוברתדיקע פרוי האָט דווקא געוואָלט אַז איינער פון די צוויי ייִדן זאָל פאַרנעמען איר פּלאַץ, אגב, וועלכעס אַן אַנדערער פּאַסאַזשיר האָט איר געהאַט פון פריער אָפּגעטראָטן; ווי עס פּירט זיך אין פראַנקרייך.

דער גייסטלעכער וועלכער איז געזעסן אויף זיין פּלאַץ אַרייג־געטאָן אין זיין קורצן דיקן שוואַרצן סדורל, האָט דאָס באַמערקט און איז אויף דעם נישט איינגעגאַנגען. ער האָט זיך גלייך אויפ־געהויבן פון זיין אָרט און אויך פאַרגעלייגט צו פאַרנעמען זיין פּלאַץ.

אַנדערע פּאַסאַזשירן האָבן דערווידערט: אַז נישט דער גלח און אוודאי נישט די שוואַנגערנדיקע פרוי דאַרפן דאָס טאָן.

דער הייליקער מאַן האָט אַריינגעשטעקט אַ פינגער צווישן די דינע בלעטעלעך פון זיין געבעט־ביכל און זיך געבעטן, פּשוט מיט טרערן אין די אויגן, אַז ער אַלס פּריסטער, וויל האָבן דעם כּבוד און די מצווה; ווען נישט וועט ער נישט יוצא זיין פאַר גאָט און פאַר לייט.

די שוואַנגערנדיקע האָט אָבער געטענהט: אַז זי טראָגט אַ פריש נפש אין איר אינווייד און אַז זי וויל איבערגעבן דאָס ניי־געבוירענע באַשעפעניש ווען עס וועט דערוואַקסן ווערן, אַז אויך זי אָדער ער האָט אַ חלק אין עטוואָס לינדערן די פּיין און ליידן פון די אומשולדיקע מענטשן ווייל זיי זיינען ייִדן...

די ביידע אַרגומענטן: אי פונעם גלח און אי פון דער שוואַנ־גערנדיקער פרוי, האָבן שטאַרק געווירקט אויף די פּאַסאַזשירן, וועל־כע האָבן זיך שוין פון פריער געהאַט אויפגעשטעלט. דער וואַגאָן האָט מיטאיינמאָל אָנגענומען דעם אויסזען פון אַ... גריכט־זאַל.

עס איז געפּסקנט געוואָרן: אַז די צוויי צעטומלטע געל־באַ־לאַטעטע ייִדן, זאָלן זיך טאַקע זעצן אויף די פּלעצער פונעם גלח און פון דער שוואַנגערנדיקער פרוי.

אַזוי האָט זיך געדרייט ווי אַ פאַרגיפּטעטע שלאַנג, דאָס

## ק. בענעק

יִידישע לעבן אין פראַנקרייך; ביז ווידער מיט אַ יאָר שפּעטער: אין איינעם פון די ליכטיקסטע חדשים פון יאָר, איז דער יִידישער הימל פון פּאַריז געוואָרן אַזוי פאַרכמאַרעט, אַז די פינצטערניש האָט דערגרייכט ביזן טיפסטן אָפּגרונט:

דאָס איז געווען, ערב דער שוידערלעכסטער אָבלאַווע אויף די פּאַריזער יִדן, פון זעכצנטן יולי, טויזנט ניין הונדערט צוויי און פערציק!

## קאפיטל פיר

## דער „שווארצער דאָנערשטיק"

ווי אַ שטורעם, נאָך שרעקלעכע דונערן און ווי אַ פייערדיקע לאַווע, האָט זיך צעגאָסן און צעפּלייצט אין ייִדישן פּאַריז, אַן אַנאָנימע ידיעה — אַ בת־קול, וואָס האָט געקלונגען ווי אַ בייזע נבואה

— אַז די נאַכט, פון פופצנטן אויפן זעכצנטן יולי, וועלן די דייטשן באַפאַלן און צונעמען אַלע אויסלענדישע ייִדן פון דער הויפּט־שטאָט...

צו יענער צייט, זיינען שוין אַלע ייִדן פון פּאַריז, געווען רע־גיסטרירט אין די קאָמיסאַריאַטן און באַקליידט אויף זייערע לאַצן מיט דעם וואָרט „זשוויוו" (ייִד), וואָס איז געווען ווי העראַלדי־פירט, אויף דער זעקס־שפּיציקער געלער לאַטע.

די פאַרצווייפלונג, דאָס קרעכצן, די אָכצן און דאָס זיפצן, זיינען געווען נישט פאַרגלייכלעך, פיל גרעסער ווי אין די אַמאָ־ליקע פוילישע שטעטלעך, ביי די פרומע ייִדן אין אַן ערב יום־כפור פאַר כל־נדרי.

קיינער האָט נאָך אָבער נישט געוווסט פון וואַנען די גרויליקע ידיעה האָט זיך גענומען ?

טייל, האָבן עס מיט געצוימטע נערוון, לחלוטין, אָפּגעמאַכט מיט דער האַנט:

— מען האָט שוין אַ סך מאָל פאַרשפּרייט אַזעלכע קלאַנגען !

— האָבן זיי געטענהט.

ק. בענעק

אַנדערע האָבן דערווידערט: — אַז מען קלינגט איז חגא!
— האָבן זיי געזאָגט.

די ערשטע, ווי די צווייטע, האָבן זיך פונדעסטוועגן גע־טרייסט: אַז נישט אַלע וועלן זיך דאַרפן באַהאַלטן: „פרויען און קינדער, אַלטע און קראַנקע, וועלן זיי דאָך זיכער נישט נעמען"
— זיינען זיי געקומען צו דער זעלבער מסכנה.

ווידער אַנדערע — האָבן געוואָרנט:
— איר קענט נאָך נישט די דייטשן, זיי וועלן שלעפּן פון רעכטס און לינקס; אפילו קראַנקע פון די בעטן, אויך!

אָבער אַלעמענס פּנימער האָבן צוזאַמען מיטן דאָזיקן הייסן זון־אונטערגאַנג, געגליט. די ליפּן האָבן ביי זיי געציטערט און די אויגן האָבן זיך געדרייט, ווי ביי וואַנזיניקע.

צום אָוונט צו, האָט זיך די ידיעה שוין באַשטעטיקט פון זיכערע קוועלן:

באַקאַנטע פראַנצויזישע פּאָליציי־אַגענטן פון יידן, האָבן אין געהיים צוויסן געגעבן, אַז זיי זיינען באַשטימט געוואָרן זיך צו פאַרזאַמלען אין זייערע קאָמיסאַריאַטן, אויף דריי אַזייגער פאַרטאָג... זיי האָבן געראָטן זייערע יידישע פריינט און באַקאַנטע, אַז קיי־נער זאָל נישט בלייבן נעכטיקן ביי זיך אין די וווינונגען.

דעמאָלט, איז דער רעש און די בהלה געוואָרן ווי פאַר אַ פּאָגראָם; יעדער האָט געזוכט עפּעס אַן אָרט ווו זיך אויסצובאַהאַלטן.

טייל זיינען געלאָפן אין זייערע אייגענע קעלערן.. אנדערע, אויף בוידעמער, אָדער אין האַלב־איינגעפאַלענע נישט־באַוווינטע חורבות. אַ גאַנץ גרויסן טייל, האָבן פראַנצויזישע שכנים אריינ־גענומען צו זיך אויף איבערצונעכטיקן. געווען אָבער אַזעלכע — און דאָס אפשר די גרעסטע מערהייט — וועלכע האָבן דאָס אַלץ נישט געהאַט; זיינען זיי באַין ברירה און מיט האָפענונג ווי אויף אַ נס, געבליבן אין זייערע היימען.

אויף דער גאַס פון דער הייליקער עליזאַבעט, — אינעם סאַמע

הארץ פון דעם בארימטן פאריזער פלאץ רעפובליק, אין א לאנגן שפּיציק־שטיינערדיקן צעהויקערטן הויף — האָט זיך געפונען אַן אָפּגעלאָזענע און אָפּגעשיילטע האַלב־איינגעפאַלענע טריקאָטאַזש־אַטעליע. דאָס פאַבריקל האָט געהערט צו חיימס יינגסטער שוועסטער שיינדל, בשותפות מיט דער שוועסטער לילי, ווו זייערע מענער האָבן פאַר דער מלחמה דאָרט געאַרבעט „פאַסאָן" (אַרויס־געגומען אַרבעט). איז אַט אין דער דאָזיקער אַטעליע, זיינען ווי פאַריאָגטע און פאַרוואָרלאָזטע הינט, אַרייגעלאָפן כמעט אין דער לעצטער מינוט פון דער פאַרבאַט־שעה פאַר יידן: חיים, רחל און איר זיבן יאָריקער שימעלע. מיט סעקונדעס שפּעטער, איז אָנגעלאָפן שיינדל, ווען מען האָט זיך שוין געפונען אינעם לאַגער פון באָן לאַ ראָלאַנד. זי איז געקומען צוזאַמען מיט דער דריטער שוועסטער חנהלע. אויך איר מאַן איז שוין געווען פאַרנומען אין לאַגער פון פּיטיוויע. עס האָט זיך אויך ווי אומבאַמערקט, צוגעשטעלט, די קוועקזילבער־רירעוודיקע, קליינע מאַשעלע: א חברטע פון די שוועסטערן, וועמענס מאַן איז שוין לאַנג געווען א קריגס־געפאַנגענער אין דייטשלאַנד. עס האָט זיך ווי אַראָפּגעקאָלערט פון אַ שטאָק העכער, אַ שכנה פונעם הויף, מיט א פאַרצווייפלטן אויסגעשריי: „אוי ווי איז מיר!" דער „אוי ווי איז מיר", איז איצטער ביי איר געווען אַ טאָפּלטער: עס איז איר נאָר וואָס אַוועקגעקומען איר איינציק פינף־יאָריק יינגעלע, וועלכער האָט זיך אַרויסגעגנבעט אויף דער גאַס, כדי זיך צו שפּילן מיט זיינע חברימלעך, מיט דער געלער לאַטע אויף זיין קלאַפּקע... צום סאַמע סוף, האָט זיך אין דער טונקלקייט אַריינגעשאַרט, שוין א פאַרשפּעטיקטער, חיימס אַ יונגער פריינט, דער דיכטער גראָנעטשטיין.

לילי, וועלכע איז געלעגן אין איר וווינונג אַ קראַנקע, איז נישט מיטגעקומען. מיט אַ טאָג אָדער צוויי פריער, האָט זי באַקומען אַזאַ שמערצלעכע קריזיס־אַטאַקע, אַז זי האָט זיך כמעט נישט געקאָנט רירן פון אָרט. פאַרן אַנטלויפן אין דער באַהעלטע־

ניש, איז רחל געזעסן ביי איר בעט און זיך ביי איר געבעטן, פשוט מיט טרערן אין די אויגן:

— לילי, האָב רחמנות אויף זיך און אויף אונדז אַלעמען, קום מיט אונדז, בלייב נישט איבער, די סכנה איז גרויס! טייערע לילי, גיי מיט די לעצטע כוחות!

לילי האָט אַרויסגעשטעקט אַ ציטערדיקע האַנט צו רחלען און מיט פאַרמרוזשעטע פייכטע אויגן האָט זי זי גענומען טרייסטן:

— ווי איז דאָס מעגלעך אַז מען זאָל מיך נעמען, רחל, איך בין דאָך אַזאַ קראַנקע, באַזונדער, האָב איך דאָך אַ קינד לעבן זיך, ס'וועט מיר גאָרנישט געשען רחלע, גייט און נעמט מיט אהרנען, און זייט אַלע מצליח!

אין דעם אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן פאַבריקל, ווו עס איז שוין לאַנג קיין גאַז און קיין עלעקטרישע באַלויכטונג נישט געוועזן, האָט מען די פענצטער נישט געדאַרפט צו פאַרשטעלן. די שויבן זיינען געווען אַזוי דיק באַוואַקסן מיט גרין־גרויען מאָך, אַז פון דרויסן, וואָלט מען סיי ווי גאָרנישט געקאָנט זען.

קיין בעטן, בעט-געוואַנד, שעניקעס אָדער מאַטראַצן, איז, דאָרט קיינמאָל נישט געווען. אַנשטאָט די אַלע זאַכן, וועלכע וואָלטן זיי איצט אַזוי צונוצגעקומען, האָט זיך דאָרט געוואַל־גערט פאַרזשאַווערטע צעבויגענע נאָדלען, פון די הפקר־פאַרבלי־בענע שטריקער־מאַשינען; פאַרלאָזענע פאַרפלאָנטעטע ביסלעך וואָל, וואָס האָבן זיך געקנוילט צוזאַמען מיטן ליימיקן פּוד, אויף דער אויסגעריבענער ציגל־פּאָדלאָגע. דאָ און דאָרט, האָבן זיך אויך געוואַלגערט, אויסגעטריקנטע צעקנייטשטע קענדלעך פון נאַפט און אייל, אינאיינעם, מיט פאַריתומטע נאַקעטע מאַשין־שפּולקעס.

ווי פאַר צולאָג, האָט זיך אויך דאָרט געפונען אַ „לעבעדיקער אינווענטאַר": די מייז און שטשורעס פונעם גאַנצן שמוציקן הויף,

האָבן זיך דאָ אָפּגעזוכט זייער נעסט. זיי זיינען ווילדע און זיכער הונגעריקע, חוצפּהדיק געלאָפן און געשפּרונגען, אַהין און צוריק, אָן שום מורא פאַר זייערע „קאָנקורענטן" — די נייע לאַקאַטאַרן.

אַזוי האָבן זיי פאַרברענגט אין דער פינצטער, מיט אָפענע אויגן, זייער ערשטע וואָך־נאַכט, ביזן פריען באַגינען.

ביי די ערשטע פאַרנעפּלטע טאָג-שטראַלן, האָבן זיי דער־הערט אַ פאַרדעכטיקן אומהיימלעכן טראָטעוועז און דרעפּטשען אַרויף און אַראָפּ, אויף די קראַכנדיקע צעריבענע טרעפּ. דאָס בלוט איז ביי יעדן פאַרגליווערט געוואָרן.

דער ערשטער פרימאָרגן־בלוי, וואָס האָט זיך דאָך אַדורכ־געדרענגט דורך די פאַרקאָפּטשעטע שויבן, האָט זיך געלייגט אויף אַלעמענס פּנימער, מיט אַ פאַרבלאָזע קאָליר, ווי ביי גוססדיקע. אַלע צוזאַמען האָבן שוין פון געוווינהייט איינגעהאַלטן די אָטעמס און זיך „איבערגערעדט" דורך פינגער־זשעסטן און קלאַנגלאָזע באַוועגלעכע ליפּן — ווי טוב־שטומע — נישט צו עפענען די טיר.

אָבער באַלד האָבן זיי דערהערט פון די אויבערשטע שטאָקן, אַ געטראַסק אין די טירן.

מוראדיק האָט עס אָפּגעקלונגען אין דער פאַרטאָג־שטילקייט!

מיט צעשויבערטע קעפּ און מיט פאַרחידושטע נאָך פאַר־שלאָפענע שרעקזאַמע אויגן, אַרומגעהילטע אין שלאָפרעק און דערעס, האָבן פראַנצויזישע שכנים געקוקט מיט אומרו דורך די דין־צעשפּאַרטע פענצטער פון די אַנטקעגנדיקע אָפּיצינעס. מיט באַדויער האָבן זיך ביי זיי געוויגט די קעפּ אין דער ברייט, אַהין און אַהער, ווי ביי הילפלאָזע.

גלייך האָבן די גליווערנדיקע ייִדן פון דער אַטעליע דער־הערט שלאַבערדיק־צעטשאַפּעטע טריט, באַגלייט, מיט פאַרחלשטע שלוכצן, פון די אַראָפּגעפירטע ייִדישע שכנים. זיי האָבן לאַנגזאַם געגנידערט מיט קולות, ווי אַרויסגעטריבענע קעץ, וועלכע רייסן זיך אויף צוריק...

צוזאַמען מיט די פּאָליצײַ־לײַט האָבן די אַרױסגעפּירטע ייִדי־שע שכנים, פֿאַרפּולט די שמאָלע קאָרידאָר־שטיגן און מיט זײערע קערפּער געװױשט די װענט און באַרירט די אױסנװײניקסטע טיר פֿון די באַהאַלטענע ייִדן. די דינע פּרוכנע טיר, האָט זיך באַװעגט מיט אַ לײכטן טרײסל...

דער קלײנער שימעלע, איז נאָך געשלאָפֿן „אױסגעבעט" מיט מלבושים, אױף צוזאַמענגערוקטע צװײ אַלטע בענקלעך. אָבער די מײז און די שטשורעס, זײנען שױן „אױף" געװען. זײ זײנען װי פֿריער, װי תּחילת נאַכט, געלאָפֿן און געשפּרונגען אָן אַ ציל, איבער דער לענג און ברײט פֿון דער אַטעליע. די באַהאַלטענע, האָבן צו זײ געגראַזשעט מיט די פּױסטן, זײ „געװאָרנט" און גע־װאָלט זײ אײנשטילן. מיט זײער פּישטשען און קראַצן, האָבן זײ מיט אײנמאָל געקאָנט אַלע ייִדן אױסגעבן... אין דעם מאָמענט האָבן די ייִדן זײ באַטראַכט פֿאַר זײערע גרעסטע דם־שונאים...

אָבער אין זײער טיר האָט מען נישט אָנגעקלאַפּט: בײַ די דײַטשן, װי עס איז שױן פֿון לאַנג באַקאַנט, גײט אַלץ צו מיט אַ פּינקטלעכער אָרדענונג: אַזױ װי דאָס פֿאַבריקל איז שױן פֿון אָנהײב אָן געװען פֿאַררעגיסטרירט װי אַ נישט־באַװױנטע אַטעליע, האָט עס אױף דער ליסטע נישט פֿיגורירט. אַזױ אַרום, זײנען די קנאַפּע צענדליק ייִדן, דערװײל אָפּגעראַטעװעט געװאָרן.

אינעם זעלבן ערב זון־אױפֿגאַנג, האָט מען װי כמעט אין אַלע ייִדישע שטובן, אױך אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פֿון דער קראַנקער לילי. זי איז די גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפֿן. און דערײ־בער, מיט מינוטן פֿריער, שױן געהערט דאָס פֿאַרצװײפֿלטע געאָמ־פּערײ פֿון איר טיר־שכנה, די מאַדאַם גאָלדפּאַרב, מיט די אָנגע־לאָפֿענע מחבלים.

איר אַכט־יאָריקער זון, איז נאָך טיף געשלאָפֿן און זי אַלײן לילי, האָט זיך כמעט נישט געקאָנט רירן פֿון אָרט כדי אַראָפּצו־גײן עפֿענען די טיר.

פון דעם וואָס אַמאָל שטאַרקערן פּוס־געטראַסק, האָט זיך דאָס קינד אויפגעכאַפּט און מיט אַ פאַרשלאָפן קול, צו דער מוטערס בעט אויסגעשריגן:

— מאַמאַ, מען איז אונדז טאַקע געקומען נעמען?

דערווייל האָט זי ווידער דערהערט און דערפילט, לילי, ווי מען שלעפּט פון די שטיגן, ווי אַ שווערן זאַק, איר שכנה וועלכע האָט פרייוויליק נישט געוואָלט גיין: זי האָט זיך איינגעביסן מיט ציין און נעגל, אין די הענט פון אירע מערדער.

אָבער לילי האָט נאָך אַלץ געהאָפט און געגלויבט, אַז זי אַזאַ שווער קראַנקע וועלן זיי נישט טשעפּען, דעריבער האָט זי גע־הייסן איר איינציקן באַשיצער בערעלען, אַרויסגיין פונעם בעטל עפענען די טיר.

דריי פּאָליציי־לייט, אָדער גאָר פּעטען־מיליציאַנערן, מיט אַ ליסטע פון די יידישע איינוווינער פונעם הויז, האָבן זיך אַריינגע־לאָזן מיט רוגזה און געפרעגט דעם יינגל אַ טאָפּלטע פראַגע:

— דאָ וווינט בערזשער? ווו איז דער פּאַפּאַ?

דאָס קינד אַ דערשראָקנס, וואָס האָט געציטערט ווי אַ בלעטל אויף אַ יונגביימל, האָט געענטפערט ווי אַ דערוואַקסענער:

— דער פּאַפּאַ איז אַוועקגעפאָרן זוכן אַרבעט!

— און די מאַמע ווו איז?

— די מאַמע ליגט דאָרט אין צווייטן צימער אַ קראַנקע!

איינער פון די דריי, דער שעף אוודאי, איז מיט פאַרשייטע שווערע שפּרייזן, אַריינגעדרונגען אין ליליס צימער און איר באַ־פוילן אַז זי זאָל זיך גלייך אָנטאָן.

די אויסגעלאָשענע אויגן און די בלייכע ליפּן וואָס האָבן זיך באַזעצט אויף איר נאָך שיין אָבער בלוטלאָז פּנים, האָט מיט אַ שוואַכער שטים געענטפערט:

— איך בין קראַנק און קאָן זיך נישט ריִרן פון בעט, ערשט נעכטן געהאַט דעם דאָקטאָר, נאָך אַ גרויסן און שווערן קריזיס!

זי האָט זיך נישט געבעטן, לילי, זי האָט שטאָלץ און מיט האַס געֶרעדט צו זיי. זי האָט נישט געשריגן און נישט געליאַרעמט, ווי נאָר וואָס איר שכנה די פרוי גאָלדפאַרב. זי האָט קיין כוח נישט געהאַט דערצו, זי האָט אונטערן צודעק פאַרביילט אירע שוואַכע פויסטן און די גרויסע בראָך אויפגענומען מיט פאַרביסענע ליפּן, ווי אַ געבונדענע העלדין.

— — — און נאָך דעם ווי דער עלטסטער פון די דריי רוצחים האָט קאָנטראָלירט דעם סערטיפיקאַט פון איר דאָקטאָר, בכדי זיך איבערצוצייגן, צי עס איז אמת וואָס זי זאָגט, האָבן די אַנדערע צוויי פּאָליציי־לייט — אַראָפּגעטראָגן פון די שטיגן אין אַ טראָגע, ווי מען טראָגט אַראָפּ אַן ארון — די שיינע שטילע און שטאָלצע לילי, וועלכע איז באַגלייט געוואָרן מיט אַ פּעקעלע היבּ־טערן אָרעם, פון איר נאָכגייענדיקן אַכט־יאָריקן זון פון הינטן...

צומאָרגנס, אין די ערשטע פאַרמיטאָג־שעהען נאָך דער שווידערלעכער וואָך־נאַכט, האָט זיך חיים צוגעשפּיליעט די געלע לאַטע אויף זיין רעקל, און זיך געלאָזן צום „פּלעצל", צו אַ געסל, וווּ זיין שוועסטער לילי האָט געוווינט.

אַלע ייִדישע געסלעך פון אַרום, האָבן אין דעם דאָזיקן זוניקן פרימאָרגן אויסגעזען ווי אבלים; ווי זיי וואָלטן געזעסן שבעה. די געוועלבער, קרעמלעך און קלייטן, זיינען געווען פאַרהאַקט. דער גאַנצער ייִדישער פּלעצל־געגענט האָט אויסגעזען ווי נאָך אַ ריזיקע שׂרפה פון וועלכער עס איז שוין מער גאָרנישט פאַרבליבן...

ער איז געגאַנגען חיים, ווי מבולבל, ווי ער וואָלט געווען שיכּור.

אַריבערגייענדיק דעם וועג, האָבן זיך ביי אים די פיס געגומען פּלאָנטערן. ער איז שיער נישט אַרויפגעפאַלן אויף אַ שטייענדיקן

פלאַטפאָרמע־וואַגאָן, אויף וועלכן עס האָבן זיך געפונען פולע זעק־לעך מיט קוילן.

דער „בוניאַזש״, דער קוילן־הענדלער — מיט אַ שוואַרץ פאַר־סמאַליעט פּנים ווי ביי אַ קוימען־קערער, וואָס בלויז די ציין און די ווייסלען פון די אויגן האָבן זיך ביי אים אַרויסגעזען — דער־זעענדיק חיימס געלע לאַטע, האָט מיט אַ שוואַרצער איראָניע, ווי זיין פּנים און זיינע הענט, זיך צו חיימען אָנגערופן:

„טיע־ע, טיע־ע, טי אַנקאָר לאַ ?״ (אַזוי, אַזוי, דו ביסט נאָך אַלץ דאָ ?)...

אַלע אברים האָבן ביי חיימען געציטערט בעת ער האָט זיך אַ צעבראָכענער אַרויפגעדראַפּעט צו דער טיר פון דריטן עטאַזש צו זיין קראַנקער שוועסטער, לילי.

ווען ער האָט זיך שוין ענדלעך דערשלאָגן צו איר שוועל, האָט ער, אָנשטאָט דעם לעבעדיקן אָטעם, וואָס ער פלעגט שטענדיק פילן שוין פאַר דער אויסנווייניקסטער טיר — געזען איצט, לעבן דער מעשענער קלאַמקע, אַ גרויסע ברוינע וואַקס־חתימה, ווי אַ טונקעלער רויב־פויגל, מיט אַן איינגעדרוקטן האַקן־קרייץ אין דער מיט...

אויך אויף אַלע אַנדערע ייִדישע טירן פונעם הויז, האָט ער דאָס געזען...

די אַלטע הויז־וועכטערין, וועלכע האָט בשעת־מעשה געמוזט זיין דערביי, האָט אים איבערגעגעבן, חיימען, דעם גאַנצן פאַרלויף פון דער אַבלאַווע. זי האָט פאַר אים געשילדערט די גרויזאַמע סצענעס, ווי אַזוי עס איז צוגעגאַנגען דאָס אַראָפּטראָגן פון זיין שוועסטער, ווי מען טראָגט אַ טויטן — מיט דעם ארון און אייג־ציקן באַגלייטער, איר געליבט טייער בערעלע — מיט אַ פּע־קעלע הינטערן אָרעם...

ווען חיים איז צוריקגעקומען אין דער אַטעליע, האָבן זיינע געשוואָלענע אויגן און זיינע ציטערנדיקע ליפּן, אָן ווערטער, שוין

אַלץ דערציילט, וועגן דעם גורל, פון זייער אַלעמענס באַליבטער און אומפאַרגעסלעכער לילי.

אין איינע פון די שפּעטערדיקע טעג — ווען די פּאָליציי און מיליץ, האָט נאָך אַלץ געראַיעט אַרום די ייִדישע טירן — האָט זיך דערהערט אַ שאַרכן און אַ געקראַץ אויף דער אויסנווייניק־סטער זייט פון דער אַטעליע־טיר.

די באַהאַלטענע איינוווינער פון דער חורבה, האָבן קודם ווי אינסטיקטיוו, אַלע אינאיינעם איינגעהאַלטן דעם אָטעם. זיי האָבן זיך מיט טויטשרעק, „אַדורכגערעדט", מיט אויגן און מיט פינגער־זשעסטן:

צי איז עס נישט אַמאָל די אַלטע הויז-וועכטערין, וואָס באַזאָרגט זיי מיט די נויטיקע שפּייז־אַרטיקלען; די וואָס וואַכט אַרום זייער טיר, אַז עס זאָל זיי קיין בייז נישט געשען ? : אָדער אפשר גאָר דער שכן, דער הינקענדיקער גרויער פראַנצויזישער שלאָסער־אַרבעטער, וואָס האָט אַנומלטן צו זיי זיך „קונציק" אַריינגעקריגן, זיך באַגאַסן מיט טרערן, אויף דעם: „וואָס מיינע אויגן האָבן דערלעבט צו זען !" און צום סוף זיך געבעטן ביי די באַהאַלטענע ייִדן, אַז זיי זאָלן זיך באַנוצן מיט אים צו אַלץ וואָס נאָר זיי באַדאַרפן ?

די „רייד־זשעסטן" האָבן זיך געאייניקט, אַז עס איז נישט די הויז־וועכטערין און עס איז אויך נישט דער הינקענדיקער שלאָסער־אַרבעטער...

נאָך אַ גענויער חקירה ודרישה, האָט זיך דערהערט אַ געדעמפּט קול מיט אַ פּאַראָל — וואָס עס איז צו יענער צייט אַלס אַ פאַרשלייערטער סימן באַנוצט געוואָרן — פון אַ פרוי, וואָס אַ טייל פון די באַהאַלטענע האָבן דערקענט.

די שטים איז געווען באַגלייט, מיט אַן אַרונטערגערוקט צעטעלע אונטער דער טיר־שפּאַרע, געשריבן מיט אַ טינט־פען, נאָך מיט פייכטע ייִדישע אותיות.

ביים פאַרקאָפּטשעטן פענצטער לעבן דער אינעוויייניקסטער זייט טיר, איז געבליבן שטיין אַ פרוי אין די רייפע מיידל־יאָרן — אַ פאַרשטייערין, פונעם ייִדישן הילף־קאָמיטעט פון דריטן אַראָנדיסמאַן:

אַ בלאָנדע און אַ שלאַנקע — איז דער קאָפּ ביי איר געווען קאָקעטיש פאַרנומען מיט קורץ־פאַרשוירענע קאַרבן. איבער אירע פּלייצעס, האָט זיך מיט ווייניק רעגלמעסיקייט, געוויגט, אַ פּאָר לענגלעכע באַגילדעטע אויערן־רינגלעך. אויפן שפּיציקן טיפּלעכן האַרץ־אויסשניט, האָט זיך לייכט באַוועגט, אַ מאָט באַזילבערט צלמל...

די כמורנע פאַרבלאָזע אַטעליע־שטוב, איז דורך איר אויסזען, דורך איר הולך און דורך איר שטיל־דיסקרעטער אָבער אָנטשלאָסענער מונטערער שטים — ווי מיטאַמאָל באַהעלט געוואָרן. זי האָט געוואָרפן אַ בליק אויף דעם פאַרשטויבטן קליינעם שימעלע, וואָס האָט זיך בעת מעשה געשפּילט מיט די ברוך־טיילן, פון דער פאַנאַנדער־געפאַלענער שפּול־מאַשין.

די עלעגאַנט־פאַרשלייערטע פאַרשטייערין, האָט אין נאָמען פון דעם אומלעגאַלן פּרוי־ען־קאָמיטעט ביי דער הילף־אָרגאַניזאַציע, פאַרגעשלאָגן דער מוטער, צוצונעמען דאָס ייִנגל, און עס אַרויסצופירן אויפן דאָרף, צו אַ פראַנצויזישער משפחה, אויף אַ זיכערער באַהעלטעניש.

כמעט אַ גאַנצע וואָך נאָך דער ריזיקער אָבלאָווע, האָבן שוואַרצע פאַרקראַטעוועטע פּאָליציי־קעטשלעך, געפירט פון די קאָמיסאַריאַטן און פון אַנדערע פאַרזאַמל־פּונקטן, די פאַרהאַלטענע, צו דער מעכטיקער געביידע פון דער ספּאָרט־האַלע — „וועל־ד׳היוער״.

ווי גרויס און ריזיק די האַלע זאָל נישט האָבן געווען — האָט זי אין זיך נישט געקאָנט אַריינגעמען די צענדליקער טויזנטער ייִדן, וואָס מען האָט אין יענער שוידערלעכער נאַכט פאַרהאַלטן.

מען האָט זיי אָבער דאָך מיט געוואַלד אַריינגעשטופּט איינעם אויפן אַנדערן — ווי שפּעטער אין די בהמות־וואַגאָנען, בעת מען האָט זיי אָפּטראַנספּאָרטירט קיין בוכענוואַלד, מיידאַנעק, טרעב־לינקי, נאָך אוישוויץ און אין אַנדערע פאַרניכטונג־לאַגערן.

דער דאָזיקער גרעסטער פאַריזער ספּאָרט־פּלאַץ, וואָס האָט אַלעמאָל פון זיך אַרויסגעגעבן פרייד און פאַרווייליגונג, איז מיט־אַמאָל געוואָרן דער עמק הבכה און דער גיהנום פאַר אַ גרויסן טייל ייִדישע איינוווינער פון דער הויפּט־שטאָט.

ווי אין אַ מדבר, איז דאָרט נישט געווען קיין טראָפּן וואַסער, זיך אָפּצופרישן דעם פאַרחלשטן גומען אָדער זיך אָפּצושווענקען דעם שווייס פונעם ברענענדיקן פּנים. אויך די היץ און דער שטויב איז דאָרט געווען ווי אין אַ מדבר. מען האָט זיך געדישעט און גע־פּאָרעט ווי אין אַ קעסל־גרוב.

טויזנטער מענטשן האָבן זיך געדרענגט ביי די פּאָר גע־ציילטע קלאָזעטן, און באין־ברירה, האָבן זיי סוף כל סוף געמוזט מאַכן זייערע נאַטירלעכע באַדערפענישן, אין זיך גופא...

דער געשטאַנק און עיפּוש, דאָס יאָמערלעכע קרעכצן פון די פרויען, דאָס פאַרשטיקטע צער־געבריל פון די מענער און דאָס געוויין און געשריי פון די קינדער, האָט זיך דערטראָגן ביז צו די גאַסן פון אַרום.

מענטשן, פון זייער כאַראַקטער שטילע און רויִקע, זיינען מיטאַמאָל ווילד געוואָרן. זיי האָבן געטראָטן אויף יענעמס קערפּער: אויף הענט, אויף פיס, אויף בייכער און אויף פּלייצעס. אַנדערע זיינען פּלוצים אַראָפּ פון זינען: זיי האָבן זיך געוואָרפן פון די אויבערשטע גאַלעריעס און געשעדיקט זיך און יענעמען.

אַ ייִדישער דאָקטאָר פון אַ פאַריזער פאָרשטאָט, וועלכער האָט געהאַט ביי זיך זיין וויזיטן־רענצל, האָט אַרויסגענומען די איינשפּריץ־גאָדל, און אַריינגעשטאָכן טויטלעכע פּיקירן, אין די פיס און אין די הענט פון זיין פרוי; פון זייערע קינדער און צום סוף... אין זיך אַליין.

# די ברוינע מעט־לעתן

ווי מען פרוווט אויס אַ גיי־דערפונדן שרעקלעך געווער צו אַ פריש־פאַרגעזענער מלחמה, אַזוי האָט מען דאָ, אין דעם צייט־ווייליקן לאַגער פון „וועלעדראָם ד׳היווער", אויספּרובירט די אַק־ציעס, די מעטאָדן און דעם מאָראַל פון די קרבנות; צו די פאַרגע־זעענע גרעסערע און נאָך שרעקלעכערע „סטאַבילע" לאַגערן, וועל־כע זיינען שוין, אגב, געווען צוגעגרייט: די שפּעטערדיקע אַזוי טרויעריק באַרימטע: מיידאַנעקס, טרעבלינקיס און אוישוויצס.

פון דאָרט אויס — פון דער דאָזיקער ספּאָרט־האַלע — האָט חיים און רחל, באַקומען דאָס ערשטע און... לעצטע בריוול, גע־שריבן אויף ראַנדן פון צייטונג־פּאַפּיר, מיט בערעלעס קינדערי־שער, שיינער, אָבער שוין ציטערנדיקער האַנטשריפט:

„ליבע און טייערע חיים און רחל,

מיר געפינען זיך אין וועלאָדראָם ד׳היווער, דער זאַל זעט אינגאַנצן אַנדערש אויס ווי דאָס לעצטע מאָל בעת איך האָב זיך געפונען מיט מיין עקאָל (שולע) אויף אַ ספּאָרט־פאַרמעסט. מען שיקט אונדז אַוועק אינעם לאַגער פון באָן לאַ ראָלאַן. מיר האָבן אַ גוטן מאָראַל.

די מאַמע און איך, קושן אייך טויזנטער מאָל!

אייערע, לילי און בערטאָן" (בערעלע).

## קאפיטל פינף

# דאָס צווייטע באַהעלטעניש

אַ געסל ווי אַ שפּעלטל, וואָס איז געדרייט ווי אַן אויפגע־בונדענער באַנדאַזש ביי אַ פאַרוווּנדעטן.

אַ סטעזשקע — ווי אַן אונטערגעוואָרפן קינד אונטערן מע־נילמאַנטאַנער הויכן קלויסטער, — די ברייט פון צוויי דיקע מענטשן, בעת זיי קומען זיך צונויף פּנים־אל־פּנים, ווו איינער מוז אָפּ־טרעטן פאַרן צווייטן.

אַ רינשטאָק, ווו צווישן די בלינדע ווענט באַווייזט זיך אויך אַ פאַרקאָפּטשעט און פון טיפן עלטער, האַלב־איינגעשרומפּן הייזל, מיט אַ פאַרזשאַווערט שטאָכעטן־פּלויטל אויף אַ ציגעלנעם און ליימיקן פונדאַמענטל.

אַ פּאַסאַזשל, ווו מיטלוווּקסיקע, צוויי־פאַרביקע קעץ — און שוין באַלד נישט קיין קלענערע פון זיי שטשורעס — פּלעגן אין די רויִקע לבנהדיקע נעכט זיך שפּילן אין „יאַגעלעך”, אין „באַהעלטעניש” און צום סוף גאָר אין אָפענע מלחמות ווי אין די פאַרטאָגן האָט מען אָפט געקאָנט טרעפן „געפאַלענע” פון ביידע צדדים.

אָט, אין דעם דאָזיקן נעסטל, וואָס טראָגט דעם אָריגינעלן נאָמען „פּאַסאַזש־ד'עפּאַטאַריאַ” — האָבן זיך איבערגעקליבן אין די פינצטערע פאַרנעפּלטע ווינטער־אָוונטן פון יאָר טויזנט־ניין־הונדערט־צוויי און פערציק אַ צוויי־צענדליק איבערגעבראָכענע

יידישע פאַמיליעס, צעשטויבטע, צעוואָרפענע און פאַרטריבענע פון זייערע היימען; פון כמעט אַלע יידישע קוואַרטאַלן, פון און אַרום, דעם גרויסן און אַמאָל אַזוי ליכטיקן פיל־פאַרביקן פּאַריז. צווישן זיי האָט זיך אויך געפונען אַ טייל יידן פון דעם אַנטרונענעם באַ־העלטעניש, וועלכע האָבן ביז איצט געלעבט אויף דעם לאַנגן הויף פון דער גאַס; דער הייליקער עליזאַבעט.

אין אַ נידעריק שטיבל, — לעבן די פיר שייבלעך, — האַרט אַנטקעגן אַ פאַררויכערטער מויער, — זיצט אַ ברייטלעך פאַר־גרינטע פרוי מיט אַן איינגעשפּיזלטן זאַק אין די הענט און שאָקלט זיך ווי אַ היימישע יידענע.

זי קוקט אויף דער קאַרבן באַלייגטער מויער, בליקט גיריק אַריין אין אַ בלוי אָפּגעשפּאָלטן טעפּל, וואָס קאַכט זיך אויף אַ דריי־קאַנטיק אייוועלע, פון וועלכן עס גייט מער רויך, ווי פון טעפּל פּאַרע... זי זיפצט און שטריקט אַן חשק מיט די פינגער, די פאַרלעגענע, פאַרבלאָזע וואָל, ווי אייגער, וואָס קייט אַן איבער־געשטאַנען עסן...

ביים עפענען די טיר פאַרטשעפּעט זי זיך אין די פאַרפלאָנ־טערטע דרימען, זי טוט אויס די דין־דרעטלדיקע בריל און די קנייטשן פון איר אָפּגעמאַגערט פּנים פאַרפילן זיך מיט שמייכלען:

— אַ, זייער גוט — ווענדט זי זיך צו איינעם פון די צוויי אַריינקומענדיקע — דער איז אודאי דער נייער לאָקטאָר, וואָס איר האָט מיר צוגעזאָגט אַהערצוברענגען — מאַכט זי אַ האַלבן קרייז מיטביידע הענט — דאָ, אין מיין פּאַסאַזשל, וועלן זיי קיין צוטריט נישט האָבן. אַ, ביי דער באָבע זשאַרזש וועט זיי אַזוי לייכט נישט אָנקומען, די שמוציקע באַשן! (יעקעס).

זי טוט ווידער אָן די ברילן אויף דער אויסגעצויגענער נאָז, כאַפּט ווייטער אַ בליק צום אָפּגעשפּאָלטענעם טעפּל, עפנט דאָס שמאָלע שויביקע טירל און לאָזט זיך מיט די געקומענע אין קאָ־רידאָרל צו די העכערע טרעפּ.

## ק. בענעק

אויף די שטאָקן — דאָס איינציקע הויז אין פּאַסאַזשל, וואָס ציילט אַזש ביז דריי — הערשט אַ מוראַדיקע שטילקייט. דער איינציקער סימן פון לעבן אַרום די פאַרמאַכטע טירלעך ביז צו דער דינסטער שפּאַרע, הערט זיך בלויז דורך אַ זשומענדיקן געפּליסטער פון די דינע וואַסער־שנירלעך, וואָס פליסן מאָנאָטאָן פון די אויפגעפּראַלטע קלאָזעטן־טירלעך און פון צווייטן שטאָק, הינטער דער עטוואָס אויפגעלענטער טיר פון פאַרפאַלק אַנטואַן, וואָס צעווערטלט זיך איבער עפּעס אַ נישט גערעכטענעם מאכל, וואָס קריכט אים — אַנטואַנען — לגמרי נישט אין האַלדז אַריין...

דאָס אַרבעטסלאָזע פאַרפאַלק, וואָס זיינען אויך פאַרצווייפלט פון דעם, וואָס מען קירצט אַזוי אָפּט די ווייַן־ראַציע פון זייערע שפּייז־קאַרטן, האָבן איינגאַנצן נישט קיין אַנונג, וואָס עס טוט זיך הינטער די פאַרהאַמערטע טירלעך פון זייערע יידישע שכנים... נישט מער, ווי ביים דערהערן דעם גרילץ אינעם שליסל־לאָך ביי דער לייַדיקער טיר אויפן דריטן שטאָק, דורך דער הויז־וועכטערין, די באַבע זשאַרזש, פאַרמאַכן זיי די אָפּגעלענטע טיר און קריגן זיך ווייטער...

די באַבע זשאַרזש, דערזעענדיק די צעשראָקענע אויגן פון דעם נייעם געפּירטן לאָקאַטאָר, פּרוּווט האַמעווען זיינע אומרויִקע בליקן, מיט ווייכע מילדע ווערטער, מער געווענדט צום היימישן באַגלייטער, ווי צום קינפּטיקן פרישן שכן:

— עס איז גאָרנישט זיך וואָס צו שרעקן, זיי זיינען גאַנץ ווילע מענטשן! איר ווייסט דאָך, מעסיע פּיערקאַל, אַז זיי טשעפּען נישט קיין פליג אויף דער וואַנט, נישט מער — ווענדט זי זיך שוין צום פרעמדן מיט אַ דינער פאַרטרויליכער שטים — ווי פון צייט צו צייט, באַפאַלט אים, דעם אָרעמען, אַ קאַפּ־צעמישונג פון די גאַזן, וואָס ער האָט אין פערצנטן יאָר אויפן פראָנט אין זיך אַריינגעזאַפּט, און דעמאָלט לאָזט ער אויס זיין גאַנצן כעס צו דער אומשולדיקער פרוי, נעבעך; איי, די פרויען, די פרויען — שעפּטשעט זי אַריין אין איר גאָמבע, וואָס איז אָנגעלענט אויף אַ

פויסט, צוגעדריקט מיט אַ בינטל שליסלען פון אינעווייניק — שטענדיק זיינען זיי די ערשטע כּפּרה, אַלץ לאָזט מען אויס צו זיי!...

מיטאַמאָל שפּירט זיך פון אונטן אַ פּאַרסמאַליעטער ריח אַזש ביזן לעצטן שטאָק אַרויף; און צוזאַמען מיט די שנעלע דריבנע טריטעלעך, אַראָפּלויפנדיקע פון די פלאַכע טרעפּלעך, הערט זיך נאָך אויף דעם אונטערשטן טייל שטיגן ווי אַן איכה־ניגון, דאָס אויסגעהונגערטע קול פון דער באָבע זשאַרזש:

— איי, די פרויען, די פרויען, שטענדיק זיינען זיי די ערשטע כּפּרה! קיין ביסל שמעלצעכטס, קיין פּיצל פּאַרבראָקעכטס, זיך פּאַררעדט. ס׳איז מיר מיאוס, ס׳איז מיר נודנע, ס׳איז מיר איבלדיק!

צומאַרגנס איז געקומען דער הויז־ווירט זיך זען מיטן נייעם לאָקאַטאָר, כּדי אים אַרויסצוגעבן דאָס אָפיציעלע פּאַפּיר אַלס זיין איינוווינער.

די אויסגעקאַלכטע שטוב, האָט איצט, צוליב דער ליידיקייט, אויסגעזען שענער און גרעסער ווי פריער.

אַ מעשענער אָפּגלאַנץ פון אַ שטיקל נאָוועמבער־זון האָט זיך אומגעריכט אַריינגעגנבעט דורך אַ פענצטער־ווינקל און אָפּגע־בראָנדזט אַ שפּיץ פון דער פּאַרסאַזשעטער גאַז־מאַשינקע, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ צוגעקלאַפּט ברעטל.

אין דער שטוב, וווּ עס האָט זיך געפונען אַן איין־און־איינ־ציק בענקל, וואָס איז איבערגעגאַנגען בירושה פון איין צוגענומע־נעם לאָקאַטאָר צום צווייטן, איז געזעסן דער נייער איינוווינער און געדריקט נערוועז אַ „גויאישע” „אידאַנטיטע־קאַרטע” אין קעשענע. ער האָט זיך געחזרט אין דער שטיל פּאַרן הויז־ווירט זיין פרישן נאָמען, געבוירן־אָרט, דאַטע און דאָס זעלבע פון טאַטנס און מאַמעס צד... דערווייל האָט ער אַראָפּגעקוקט דורכן בידעריקן פענצטערל, צו זען ווו ער געפינט זיך דאָ, כּדי אויסצו־זוכן עפּעס אַ באַהעלטעניש אויף יעדן פאַל, ווי עס מאַכט זיך...

דאָס הייפּל ווו דאָס פענצטערל איז אַרויסגעגאַנגען, איז גע־וועזן פון איין זייט אַרומגעצוימט מיט אַ פאַרזשאַווערט אייזערן שטאַכעטן־פּלויטל. אין דער מיט פון הייפּל האָט זיך געפונען אַן אויסגעקראַכן ביימל, צוגעבונדן מיט אַ שטריק ביז צום פּלויטל, ווו עס האָט זיך געלופטערט אַן אויסגעריבענער צודעק, ביי וועלכן די הויז־וועכטערין האָט זיך פלייסיק אַרומגעפּאָרעט.

אויפן הייפּל, אין די קאָרידאָרלעך און אויף די שטאָקן — כאָטש עס איז שוין געווען אין די לעצטע פאַרמיטאָג־שעהען — האָט נאָך געהערשט אַ גאַכטיקע שטילקייט; אַ שטילקייט, וואָס האָט אַרויסגעשפּאָרט פון די פאַרהאַמערטע יידישע שטובן... אפילו די דריי־פיר יעריקע קינדער האָבן שוין געוווּסט, אַז ביים שפּילן זיך מיט זייערע צאַצקעס, מוז מען אונטערלייגן אַן אַלטע קאָלדרע און אַז ריידן טאָר מען נישט הויך, ווייל היטלער קאָן נאָך הערן... פונדעסטוועגן האָט זיך דערהערט אַ באַוועגונג אויף די טרעפּ און אַ פאַרזיכטיק אָנקלאַפּן אין דער טיר.

דער הויז־ווירט — אַ מאַן אין די מיטעלע יאָרן, מיט אַ היימישן שמייכל אויפן העל גוטמוטיקן פּנים, וואָס איז געפירט געוואָרן פון דער באָבע זשאַרזש ביז צו דער טיר — איז אַריינ־געקומען:

— נו, ווי געפעלט אייך אייער נייע וווינונג, מעסיע ? — ציט ער דאָס לעצטע וואָרט, ווי ער וואָלט געוואָרט אויפן נאָמען.

דער נייער איינוווינער האָט דאָס דערפילט און דערלאַנגט זיין אידאַנטיטע־קאַרטע דעם באַלעבאָס.

דער הויז־ווירט האָט גענומען לייענען אין זיך אַריין, מיט אַ געלאַסענעם ניגון ווי פון אַ בריוו אַרויס:

— „ביאַלי עטיען, נאַציאָנאַליטעט — פראַנצויזישע, גע־בוירן — טויזנט־ניין־הונדערט־פינף אין וואַרשע, אַרויסגעגעבן די קאַרטע — אין ווערסאַיל, דעפּאַרטאַמענט סען אואַז“.

ער דערלייענט נישט ביז צום סוף. ער גיט בלויז אַ צוויי־דייטיקן שמייכל און רופט זיך אָפּ:

— איר ווייסט, מעסיע ביאַלי, אייער קאַרטע איז נישט שלעכט געמאַכט! דאָרט אין ווערסאַיל קאָנען זיי נאָך עפּעס... הלוואי וואָלטן אַלע מיינע לאָקאַטאָרן געהאַט אַזעלכע גוטע פּאַ־פּירן — באַדויערט ער — פונדעסטוועגן — קערט ער זיך צוריק אום ביים פאַרלאָזן דאָס צימער — דרייט זיך נישט אומגויטיק אין די גאַסן. איך ראָט אייך!

נאָכן אַריבערברענגען פון היימען און רחלען אין די טונ־קעלע סכנהדיקע אַוונטן אַ זעקעלע קוילן, אַ פּאָר מלבושים, אַ וואַש־קעסל, עטלעכע ביכער, אַביסל געשיר און אַנדערע שטוב־חפצים — האָט דאָס שטיבל זיך אָנגעהויבן ביסלעכווייז באַ־וועגן און געגנומען אָטעמען מיט דעם שטילן לעבן, ווי אַלע אַנ־דערע יידישע שטיבלעך פון פּאַסאַזש ד׳עפּאַטאַריא — מיט דער הסכמה פון דעם תמיד שמייכלענדיקן הויז־ווירט מעסיע פּיער לעקאָק, און אונטער דער מוטערלעכער שוץ פון דער רירעוודיקער און אַפּט פאַרביטערטער הויז־וועכטערין די מאַדאַם באַבע זשאָרזש.

גאָר שנעל איז איבערגעגעבן געוואָרן דער „פּאַראָל" צום נייעם שכן, מיט וואָס עס באַנוצן זיך דאַ די צוזאַמענגעלאָפענע איינוווינער פון דעם פאַרמאַסקירטן יידישן הייפל:

דאָס איז אַ קראַץ לעבן שליסל־לאָך מיט צוויי פינגער, וואָס מען דאַרף איבערחזרן אַזש דריי מאָל, ענלעך, צו דעם קראַצן פון אַ קאַץ, וואָס וויל זיך אַריינקריגן אין אַ פאַרמאַכטער שטוב... און אַזאַ קראַץ האָט זיך טאַקע באַלד נאָכדעם דערהערט.

נאָכן נאָך מוראַדיקן עפענען און צוריק פאַרמאַכן די טיר דורך היימען, איז געבליבן שטיין אין האַלבער פאַרלעגנהייט, אַ הויכער און שלאַנקער יונגערמאַן אין עלטער פון די דרייסיקער — דער עלטסטער לאָקאַטאָר פונעם הייזל, וואָס זיין אמתדיקער נאָמען איז געוועזן, רענאַנטשיק, איינער פון די נישט יידישע באַוווינער פון דעם הייפל.

## ק. בענעק

אַ נישט לאַנג געקומענער פון פוילן, פון וואַנען ער איז אַנטלאָפן פון די מזרח־קרעסן פאַר אַנפירן מיט דער דאָרטיקער פויערים־באַוועגונג. באַלד האָט ער אָנגעפילט דאָס צימערל מיט העלער דאַרפישקייט צוזאַמען מיט אַ טונקעלן שימער, וואָס האָט זיך געפינטלט פון די איינגעגעסענע פינגער־צייכנס, פון די קוילן־גרובן פון צפון־פראַנקרייך, ווו ער האָט שוין באַוויזן צו אַרבעטן און ביים מלחמה־אויסברוך, פון דאָרט אויך צו אַנטלויפן.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע ווינקעלעך פון דעם שוין עטוואָס איינגעאָרדנטן צימערל און מיט פשטות זיך געוואָנדן אויף „דו", צו חיימען:

— הער אויס, חבר! — איך בין דער איינציקער אויף די שטאָקן, וואָס קאָן זיך דערווייל פריי באַוועגן. זאָג, וואָס דו דאַרפסט? הער אויס! איך האָב אַביסל שפּייז, וואָס איך ברענג פון די דערפער, איך האָב עטלעכע גוט נאָכגעמאַכטע ברויט־קאַרטן, וועלכע איך ברענג פון ערגעץ־אַנדערש־ווו... איך האָב אַ פאַרשטעקטן ראַדיאָ־אַפּאַראַט! הער אויס, חבר! איך וווין אויפן לינקן פליגל אַ שטאָק נידעריקער!

צומאָרגנס שפּעט אין אָוונט, שוין באַלד פאַר האַלבער נאַכט, האָבן זיך כמעט אַלע איינוווינער פון די שטאָקן געפונען אינעם ענגן צימערל פון רענאַנטשיקן.

דאָס שטיבל איז געווען איינגעהילט אין שטאָק־פינצטערניש.

דער איינציקער ליכטיקער פונקט, וואָס איז געפלאָסן מאַט אויף די דערוואַרטנדיקע פּנימער, איז געקומען פון פאַרביקן ראַדיאָ־שייבל ביי וועלכן אַלע זיינען געווען אַרומגעזעצט... מען האָט געוואַרט אויפן קלאַנג פון קרעמל־זייגער און אויפן לאַנדאַנער ניגונדל, אַלס אָנהויב פון די אויסלענדישע עמיסיעס פאַר פראַנקרייך.

דערווייל האָבן זיך די שכנים פאַנאַנדערגעשמועסט מיט אָטעם־שטימען, וועגן די געשעענישן אויף די שלאַכט־פעלדער, וועגן צווייטן

פראַנט וואָס וויל נישט קומען, וועגן די לעצטע פּאַסירונגען פון דעם פאַרגאַנגענעם טאָג און וועגן פאַרשידענע היימישע ענינים, וואָס אינטערעסירן אַזוי אַלעמען.

די פרוי פון אַ קריגס־געפאַנגענעם, מאַדאַם ווינטער, האָט צוגעטוליעט אירע בלאָנדע לעקעלעך צום רעכטן אויער פון ברייט־פּלייציקן אַנאַרכיסט טונקעלמאַן און דאָרט אַריינגעשושקעט דעם אינהאַלט פון דעם בריוו, וואָס ער דאַרף שרייבן פאַר איר אין דער דייטשער שפּראַך, צו איר מאַן, ערגעץ אין אַ „סטאַלאַג" פאַר קריגס־געפאַנגענע אין נידער־זאַקסן. טונקעלמאַן האָט זיך גע־מאַכט נישט הערנדיק און נאָך שטייפער צוגעדריקט זיין וואַגיקן קערפּער צו איר אַפּגעצויגענער טאַליע און אַריינגעצייכנט ביים בלאַסן פלעמל, מיט אַ פּיטשינקע שטיקל בליי־שטיפט, אין זיין צעריבענעם נאָטיץ־בוך...

רחל־לאה — די עלטסטע יִדישע שכנה פון די קאָרידאָר־לעך, די איינציקע פון די פרויען, וואָס האָט נישט געטוישט די פאַרב פון אירע גרינלעך־שוואַרצע האָר, וואָס זיינען שטענדיק געווען פאַרלייגט ווי אַ פּויליש־יִדיש שייטל — האָט אַריבער־געריידט צו איר מאַן, מיט באַוועגונגען ווי פון ליכט־בענטשן.

און דער דיכטער גראַנאַטשטיין — וואָס לויט זיינע אַרישע פּאַפּירן רופט זיך איצט פּיערעקאַל — איז געווען פאַרטאָן מיט אַ נייער סטראָפע פון זיין לעצטער פּאָעמע איבער דער העראָ־אישער שלאַכט ביי סטאַלינגראַד.

אַלע צוזאַמען האָבן זיי אָפּגעשטעלט די הויכע מחשבות און דאָס שטילע שעפּטשען, בעת זיי האָבן דערהערט דאָס סימבאָלישע זמרל, אַלס אַנהויב, וואָס איז געפלאָסן דירעקט פון מאָסקווע, אַרום די גרילצענדיקע טענער פון די דייטשע שטער־אַפּאַראַטן...

ווען עס איז שוין געווען טיף אין דער האַלבער נאַכט אַריין, ווען אַלע האָבן שוין גערוט אויף די געלעגערס אין זייערע צי־מערלעך; האָבן זיך נאָך געטוליעט — ווי קינדער ביי דער מאַ־

מעס בריסטן — די צוויי שוואַרץ־בלאָנדע קעפּ, פון רענאַנטשיקן און גראַנאַטשטיינען, ביים האַרטן גלאָז פון נאָך וואַכנדיקן ראַדיאָ־אַפּאַראַט. זיי האָבן פון דאָרט „אַרויסגעצויגן" מיט „געוואַלט" אויף עפּעס אַן אומבאַקאַנטן לשון, וואָס זיי האָבן דווקא און עקשנות־דיק „געמוזט" פאַרשטיין — די סאַמע לעצטע ידיעה פון סטאַ־ליגנראַדער פראָנט:

„אַז די רויטע אַרמיי האָט אָפּגעשטעלט די אַטאַקעס פון די דייטשן און אַליין איבערגעגאַנגען אין אַ שטאַרקער קאָנטר־אָפּענ־סיווע אויף דעם דאָזיקן פראָנט!"

ביי טאָג האָט דאָס הייפל אָנגעהויבן זיין „נאָרמאַל" לעבן.

די גאָלע ריטער פון אויסגעצופּטן ביימל, האָבן זיך איבער־געצויגן מיט ווייסע פליטערלעך, פון דעם דינעם טרוקענעם שניי, וואָס איז געפאַלן אַן אויפהער פון פאַרטאָג אָן. דאָס ביימל האָט אויסגעזען ווי אַ נישט באַלויכטענער קריסטוס־בוים אויף אַ ביליק געדרוקטער אָנזיכט־קאַרטע.

אַחוץ דער באָבע זשאַרוש, האָט מען אויפן הייפל גאַנצע שעהען קיינעם נישט געזען.

פון צייט צו צייט האָט מיט שטילע טריט, ווי אַ שטן, זיך אַדורכגעשלייכט דורכן שטאַכעטן־טירל אַן אַנדערער איינוווינער פונעם הייפל; אַמאָל איז עס געווען דער שטילער יאַקוב — רחל־לאהס מאַן — דער איינציקער וועמען מען האָט נישט געדאַרפט צו דערמאָנען אין די כסדרדיקע פאַרהאַקטע שטיבלעך, אַז ער זאָל נישט רעדן הויך. ער איז געלאָפן אין אַ פאַבריק פון ראַדיאָ־אַפּאַראַטן, צו זיין אַרבעט, וואָס ער האָט אַלץ כסדר אָנגעהאַלטן.

אַ צווייט מאָל איז עס געווען הינדעלע — די לאַכנדיקע שוואַרץ־חנעוודיקע „פּריזאָניערקע" (פרוי פון אַ קריגס־געפאַנ־גענעם) — פון וועמען דאָס הייפל האָט געהאַט אויסצושטיין בעת די צוזאַמענטרעפן, צוליב איר הויכן רעדן און פּלוצימדיקן זיך

צעלאַכן אָן שום טענה־מענה; אויך זי איז געלאָפן צו דער אַרבעט אַלס „האַנט" ערגעץ אין אַ פֿאַרבאַרגן געהיים אַטעליעלע.

אַביסל שפּעטער איז עס געווען רעגינקע, וואָס מען האָט זי גערופן — די מאַטעסן — זי האָט זיך געגנבעט אַרום די מויערן פֿון דער אַלטער, שווייגנדיקער קירכע, צו די „סטראַגאַנעס" (הענדלער אויף וועגעלעך) אויף דער גאַס מענילמאָנטאַן, כדי עפּעס איינצוקויפן צום עסן פֿאַר איר אויסגעהונגערט ייִנגעלע.

זיי אַלע זיינען, צוליב זיכערקייט, אָפּט געפֿירט געוואָרן אונטערן דרייסטן און שטאַרקן אָרעם פֿון דעם „אַרישן" בלאָנדן רענאַנטשיקן און אויך נישט זעלטן אונטערן שוואַכן, אָבער זיכערן אָרעמל פֿון דער טריי־באַשיצנדיקער באָבע זשאַרזש.

צום סוף האָט אויך רויִק געמיטלעך, נישט קיין געפֿירטער דורך קיינעם, זיך אַדורכגעשפּאַנט דער אַנאַרכיסטיש־געשטימטער טונקעלמאַן, וועלכער האָט געטראָגן אַ ברייט צוויי־בלעטערדיקן טאָוול אונטערן אָרעם, פֿון דער גאַנצער לענג אויסגעצויגענער האַנט. ער איז געגאַנגען זיך אָוועקשטעלן אויף אַ באַרגיקן ראָג פֿון דער לאַנגער בעלוויל גאַס, כדי צו מאָלן מיט גרויס התמדה דעם סילועט פֿון דעם קוים זעבאַרן אייפֿל־טורעם, אונטערן שלייער פֿון פֿאַרנעפּלטן שפּעטן פֿאַרמיטאָג...

אַחוץ פֿאַר זיינע „סטאַלע" איינוווינער, איז דער פּאַסאַזש ד'עפּאַטאַריאַ אָפּט געווען אַ מקום־מקלט פֿאַר פֿאַרשידענע פֿרעמדע גערודפֿטע ייִדן — באַקאַנטע פּריינט, פֿון די פּאַסאַזש־איינוווינער — אַזעלכע, וואָס די ווישי־פּאָליציי אָדער געשטאַפּאָ־אַגענטן האָבן זיי, מער ווי אַנדערע, אַרומגעזוכט אָדער פֿאַרפֿאָלגט, אָדער גאָר אַנדערע, וואָס האָבן זיך די סאַמע לעצטע מינוט אָפּגעראַטעוועט פֿון אַן אַבלאַווע און באַלאַגערונג, פֿון זייערע אייגענע אומלעגאַלע דירהלעך.

צווישן די דאָזיקע „גערודפֿטע געסט" — ווי רענאַנטשיק האָט

זיי אָנגערופן — האָט זיך צוממערסטן אַרויסגעזען דער שטאַרק פּאַרעלטערט געוואָרענער שטילער און צאַרטער פּאַריזער קינדער־ריכטער דייוו פּאַלעצקי צוזאַמען מיט זיין זיבעציק יאָריקן שוואָגער אברהם־לייבעלע, וועלכער האָט געלויכטן מיט זיין הדרת־פּנימדיקן אויסזען. ווי נישט ווען, איז אויך די רירעוודיק־באַוועגלעכע מאַ־שעלע, אָנגעקומען צו לויפן הענדום־פּענדום און זיך אַריינגע־שטעלט מיט פּעקלעך און קוישלעך איןביידע הענט, גאַרנישט אַזוי ווי פון אַ געפּאַר...

די דאָזיקע אַלע מענטשן האָבן אין די טעג אויסגעפּילט די ליידיקע פּלעצער פון די אַוועקגייענדיקע און אין די נעכט נאָך מער פאַרענגט די שמאָלע געלעגערס פון די צוריקגעקומענע. זיי האָבן זיך פונדעסטוועגן, שנעל איינגעפּלאַכטן מיט זייערע פריינט און באַקאַנטע און אויסגעמישט זייערע איינגעהאַלטענע אָטעמס צוזאַמען מיט זיי.

אין די לאַנגע שעהען, ווען רחל־לאה איז געבליבן אַליין, בעת דער מאַן האָט זיך געפונען ביי זיין אַרבעט, איז אויפן שמאָלן בעטל, וואָס האָט אויך געדינט פאַר אַ טישל, פאַנאַנדערגעפּאַקט געוואָרן די קלומיקלעך און פּעקלעך, וואָס מאַשעלע האָט מיטגע־בראַכט. מאַשעלע האָט עס צעלייגט מיט אַן אָרדענונג אויף דער גאַנצער לענג און ברייט פון בעטל.

אויף דער לינקער זייט האָט זי אַוועקגעלייגט אַ קילאָ צוקער, אַ פּעקל ביסקאָט און אַ געטריקנט ברויטל, דאָס האָט זי באַקומען פון פראַנצויזישן „רויטן־קרייץ". אויף דער רעכטער זייט האָט זי פאַנאַנדערגעלייגט צוויי טאָוועלעך שאָקאָלאַד, אויסגעצויגן איינס נאָכן אַנדערן, צוויי פּעקלעך „גאָלואַז"־ציגאַרעטן, אויך אין אַ לענג אויסגעצויגן, אַ שאַכטל קאָנסערווירטע מילך און אַ פיין פאַרפּאַקט פּעקל לאָקשן. — דאָס האָב איך נאָר וואָס לויפנדיק, צווישן איין אַבלאַווע און דער צווייטער — האָט זי אַריבערגע־דערט צו רחל־לאהן — באַקומען פון הילף־קאָמיטעט ביים ניינצנטן

רעוויר, זאָל ער דאָרט, מיין שיעלע, אין פינצטערן דייטשן קריגס־לאַגער, אויך וויסן פון אַ טעם. זי האָט גענומען דאָס פעקל לאָקשן איןביידע הענט אריין, עס צוגעלייגט צו דער נאָז, געשמעקט פון אַלע זייטן און ווידער צו רחל־לאהן אַריבערגערעדט:

— ווער ווייסט ווי לאַנג ער האָט שוין קיין ביסל לאָקשן נישט פאַרזוכט? אָרעמער שיעלע — האָט זי זיך געווענדט צו אים, ווי ער וואָלט געשטאַנען דערביי — האָסט דאָך נעבעך אַזוי ליב געהאַט לאָקשן!...

ווען זי האָט שוין דאָס אַלץ געהאַט פאַנאַנדערגעלייגט, האָט זי אין ליידיקן מיטן פונעם בעטל, אַריינגעפּאַסט איר אייגענעם צושטייער — אַ געדיכט וואָלענעם סוועטער, וואָס זי האָט מיט אירע אייגענע הענט אויסגעשטריקט, אַ פּאָר לעדערנע הענטשקעס, צוויי פּאָר געשטרייפטע שקאַרפּעטן, וואָס זי האָט געקויפט אויפן „שוואַרצן״ מאַרק. אויף דעם אַלעם האָט זי אַרויפגעלייגט, די לעצטע פאָטאָגראַפיע זייערע, ווי יעדער פון זיי — מאַשעלע און שיעלע — זיצט מיט אַ קינד אויף דער שויס...

אין אַ צווייט צימערל, וואָס איז דאָס מאָל געהיטן געוואָרן מער ווי געוויינלעך, האָט עס שיער נישט אויסגעזען ווי אַ רע־דאַקציע־צימער.

חיים — אַדער לויט זיינע פאַלשע פּאַפּירן, עטיען ביאַלי, — דער לעצט־געקומענער איינוווינער אויפן הייפל — האָט זיך אויסגעטאָן די שיך, זיך דערנענטערט פאָרזיכטיק צו דער טיר, צו־געלייגט דאָס אויער צום שליסל־לאָך און אַרויסגעצויגן פון אַ טיפער בוזים־טאַש אַ בינטל בלאַס־העקטאָגראַפירטע אומלעגאַלע אויפרופן מיט אַ לאַנגן אויבער־טיטל:

„יידן, לאָזט אייך נישט נעמען, גיט זיך נישט אונטער, שטעלט אַ ווידערשטאַנד, עין תחת עין!״

ער האָט ווידער געכאַפּט אַ בליק צו דער טיר חיים, אַרויס־

## ק. בענעק

געצויגן אַ פּריש פּעקל און עס קונציק אַריינגעפּאַסט אין אַ אויס־געהוילטן פיר־פונטיקן לאַבן ברויט...

דערנאָך האָט ער זיך דערנענטערט צו זיין חבר דעם דיכטער גראַנאַטשטיין — וואָס האָט איצט געהייסן, פּיערקאַל — וועל־כער איז געזעסן אויף אַ וואַליז ביי אַ בענקל, אַנשטאָט אַ טישל, ווו עס זיינען געלעגן אַן אָרדענונג אַ שפּאַר ביסל צעקנייטשטע פּאַפּירלעך. גראַנעטשטיין האָט געהאַלטן אויף דער שויס אַ קורץ און דיק העפטל מיט אָפּגעריבענע גרויע טעוועלעך, ער האָט דאָרט אַריינגעשריבן פון די פּאַפּירלעך אַרויס, זיינע לעצטע גע־שאַפענע לידער.

שפּעטער האָבן זיי זיך ביידע געפונען אינעם קעלערל, מיט דער שטענדיק אָפענער טיר, דורך וועלכער עס האָט סיי ווי זיך נישט קיין ליכט אַדורכגעשפּאַרט, צוליב די געדרייטע שמאָלע טרעפּעלעך, וואָס האָבן געפירט אַרונטער־צו. חיים האָט געהאַלטן אַ ליכט אין דער האַנט, און גראַנעטשטיין האָט געדריקט אַ הער־מעטישע פאַרמאַכטע בלעכענע שאַכטל אונטערן אָרעם, ווו עס האָבן זיך געפונען אין אַ צעראַטע אַרומגעוויקלט — זיינע לידער. זיי זיינען אָפּט אַרויפגעפאַלן אויף די פייכטע קויטיקע ווענט ווי לונאַטיקער און האָבן אויסגעזען ווי די אַמאַליקע אנוסים, וואָס זוכן ערגעץ אַ באַהעלטעניש אָפּצוריכטן זייערע תפילות...

נאָכדעם ווי זיי האָבן אויפגעזוכט אַ פּאַסיק אָרט, האָבן זיי ביידע גענומען גראָבן מיט די צוויי לעפל, וואָס זיי האָבן געהאַט מיט זיך און באַגראָבן דאָרט די בלעכענע שאַכטל, מיט צער און ווייטיק, ווי מען איז מקבר אַן איין־און־איינציק קינד... מיט דעם אַרויסגעגראָבענעם זאמד האָבן זיי מיט די גאָלע פינגער פאַרשאָטן דאָס אָפענע גריבל, עס פאַרגלייכט, אַז עס זאָל אויסזען ווי פריער און יעדער פון זיי האָט זיך געמאַכט אַ גענויעם סימן, אין פאַל אַז עס וועט פון זיי ווער לעבן בלייבן...

צום סוף האָבן זיי פאַרלאָשן דאָס ליכט און זיך געלאָזן צום

אָפּענעם אַרויסגאַנג פונעם קעלערל. ביים אַרויסגיין, האָט זיך גראָ־נעטשטיין נאָכאַמאָל אויסגעדרייט צום „באַגרעבעניש" און מיט אַ צעבראָכענער שטים דאָרט אַהין אַריינגעפּליסטערט:

— וועל איך אייך ווען עס איז נאָכטמאָל זען?

אויף רעכטס פון פּאַסאַזשל — דאָרט ווו דאָס געסל האָט אַריינגעשטאָכן דעם לעצטן שפּיץ אין נאָך אַ שמעלער ליקל, וואָס האָט געפירט מיט טרעפּ אַראָפּ צו דער אַלטער גאַס, קוראַן — האָט זיך געפונען אַ „גאָרטן":

אַ ברייט שטיק פאַרהויקערט פעלד, מיט אַן איבערגעבלי־בענער וואַנט פון אַ געוועזן הויז אויף וועלכער עס האָט זיך נאָך אָנגעזען סימנים פון אויסגעקאַלכטע שטובן — פון איין זייט און אַן אָנוואָרף פון שטיינער, צעקרישלטע ציגל, שמוציקע גריבלדיקע־בערגלעך, באַדעקט דאָ און דאָרט מיט אויסגעדאָרטן גראָז, ווי האַלב־פּליכעוואַטע קעפּ — פון דער צווייטער זייט.

דאָרט, ווו עס האָט זיך אַרויסגעזען דער העכסטער שפּיץ פון דער מעגילמאַנטאַנער קירכע און פּיראַמידן פון דעכער און דעכלעך פון אַרום — האָבן זיך די ייִדן פון פּאַסאַזש ד'עפּאַטאַריאַ אין די זונטיקדיקע און יום־טובדיקע רויִקערע טעג זיך פאַרגנבעט אויף לופט...

ווען עס האָט אויפגעשיינט די זון, האָט מען זיך צוגעזעצט אויף די משופּעדיקע אַרויסשטאַרצנדיקע שטיינער.

כדי נישט צו ציען די אויפמערקזאַמקייט, זיינען זיי נישט געגאַנגען אַלע צוזאַמען, מען איז געזעסן אויף „שיכטן": איין גרופּע אַרויף, די צווייטע אַראָפּ, דערביי כמעט קיינמאָל נישט, אַן די וואַכזאַמע אויגן פון רענאַנטשיקן פון איין זייט און פון דער באַבע זשאַרזש צוזאַמען מיט איר אויסגעדאָרט גרוי קעצל, פון דער צווייטער זייט.

די „עפּיסירי" — דאָס שפּייז־קלייטל, וואָס דער דיכטער גראָבעטשטיין האָט עס גערופן דאָס „קלאָשאַרן־געוועלבל" — וואָס האָט זיך געפונען אויפן סאַמע ראָג צווישן סטעזשקעלע און „גאָרטן", איז געווען אָפן אויך אין די זונטיקס.

דאָס געוועלבל — מיט אַ ליימיק־צעאַקערטן באָדן און פאַרחושכטע אָפּגעריבענע ווענט, ווו עס האָט שטענדיק געבלאָזן אַ ווינט דורכן האַלב־אויסגעהאַקטן „שוי־פענצטער" — האָט ביי דער מינדסטער געפאַר שנעל אין זיך אַריינגענומען די אַלע לופט־לעכצנדיקע ייִדן, וועלכע זיינען שוין פון דאָרט ליידיק נישט אַרויס־געגאַנגען, אַבי עס האָט נאָר ווער געהאַט אַ שפּייז־טיקעט האָט ער שוין געקריגן פאַר צוויי.

אַ באַזונדער מזל האָט ביים „מלאך מיט די לאַנגע וואָנצעס" — ווי די ייִדן פון פּאַסאַזש האָבן גערופן דעם אייגנטימער פון „קלאָשאַרן־געוועלבל" — געהאַט דער איינוווינער פון שכנותדיקן גאָרן — דער קראַנקער מאַטעס.

מאַטעס, וועלכער איז צוליב זיינע אָפּטע רעוומאַטישע אָנ־פאַלן כמעט קיינמאָל נישט אַראָפּגעקומען אין „גאָרטן" אויף לופט, איז שטענדיק געבליבן אינעם שטיבל אַרום זיין דריי־יאָריק ייִנ־געלע. אָדער ער האָט אים געקאָרמעט פון די מאָגערע שפּייז־ראַציעס, וואָס זיין רעגינקע האָט צוזאַמענגעשלעפּט, אָדער ער האָט דאָס קינד געלערנט ווי אַזוי מען דאַרף שטיל זיין, ווייל היטלער קאָן נאָך הערן...

דערפאַר טאַקע, האָט דער געוועלב־אייגנטימער יעדעס מאָל אַריינגעשטופּט הינטער דער פאָלע אַן אַנדערן פּאַסאַזש־שכן צו־ביסלעך פון זיינע אָפּגעשפּאָרטע שפּייז־פּראָדוקטן: אַ ביסל רייז, אַ שטיקל מאַרגאַרין, אַ טיטל בעבעלעך — נאַט, באַהאַלט! — האָט ער מיט זיין קאָרסיקאַנער אַקצענט צוגעשאָקלט מיט די לאַנ־גע וואָנצעס — גיט דאָס איבער די מאַטעסן! די מענטשן האָבן נעבעך נישט קיין שטיקל פלייש צו עסן! בעבעלעך און רייז זיינען נאַרהאַפטיק, זיי קאָנען אָפּט פאַרטרעטן פלייש!...

פאַרנאַכט, ווען די קילע זון האָט שוין געהאַט פאַרלאָזן דעם העכסטן הויך פון מעגילמאַנטאַבער קלויסטער, האָבן אַלע ייִדישע איינוווינער זיך שוין צוריק געפונען אין די שטיבלעך. די מענטשן האָבן זיך געפילט ווי אויפגעפרישטע. די שנעל־לויפנדיקע נער־ווען בליקן האָבן לאַנגזאַם זיך צוריק איינגעשטעלט. איינער ביים צווייטן האָט געמאָסטן מיט די אויגן אויף די פּנימער די מראה, ווי יענער וואָלט נאָר וואָס צוריקגעקומען אַן אויסגערוטער פון אַ פיינער זומער־וווינונג...

מיטן צופאַלן פון דעם אָוונט — נאָכדעם ווי די קליינע פענצ־טערלעך זיינען שטרענג פאַרהילט געוואָרן מיט געלאַטעטע, גע־צירעוועטע דיקע קאָלדרעס, האָבן זיך די ייִדן אין די שטיבלעך עפּעס ווי געפילט היימישער און כאָטש עס איז געווען זונטיק, האָט זיך דאָך כמעט יעדער עפּעס וואָס עס איז אויסגעזוכט צו טאָן.

אָבער אַלע צוזאַמען האָבן געוואַרט אויפן צוריקקומען פון רענאַנטשיקן, וועלכער איז געפאָרן, ווי יעדן זונטיק, צו זיינע פוי־לישע לאַנדסלייט, ערגעץ אין די צפון־דערפער פון פראַנקרייך, כדי אריבערצושמוגלען אַביסל שפייז פאַר זיינע אויסגעהונגערטע ייִדישע שכנים.

דערווייל האָט הינדעלע צוזאַמען מיט מאַשעלען זיך גע־נומען צוגרייטן זייער אָוונט־ברויט, פון דעם לעצטן רעשט קאַר־טאָפל, וואָס איז זיי פאַרבליבן פון דער וואָך.

די צוויי פרויען — כאָטש זיי האָבן געוווינט אינעם זעלבן שטיבל אונטער איין דאַך האָבן זיך עפּעס מאָדנע נישט פאַרטראָגן איינע די צווייטע; מאַשעלע האָט געהאַט אַן „אויג" אויף הינדע־לען, פאַר וואָס זי גיט אָוועק שרייבן די בריוו צו איר קריגס־גע־פאַנגענעם מאַן, פונקט אַזוי גוט ווי די מאַדאַם ווינטער, צו דעם אַנאַרכיסטל טונקעלמאַן און זי אַליין איז צומאָל נישט דערביי... איצטער ביים צוגרייטן די וועטשערע, איז עס אויך נישט אַדורכ־געגאַנגען אָן איבערווערטלען זיך.

ווען מאַשעלע האָט דערזען ווי איר מיטוווינערין, אויסוואַשנ־דיק אַ טעפּל, וואַרפט אַריין די שוין איינמאָל אויסגעקאָכטע ביינער אין דעם געלעכערטן מיסט־קעסטל אַריין, האָט עס זי „אונ־טערגעהויבן":

— מען דאַרף זיך נישט אַזוי לייכטזיניק וואַרפן! — האָט מאַשעלע מיטביידע אויגן איראָניזירט אין טעפּל אַריין, שווענקנ־דיק בעת־מעשה די נאָך־נישט אָפּגעשיילטע קאַרטאָפל — אַ ביין דאַרף מען אין אַזאַ ביטערער צייט איבערקאָכן נאָך אַמאָל און ווער שמועסט אַ מאַרך־ביין, אַפילו דריי און פיר מאָל, ס'איז דאָך מאַרך־ביינער!

זי האָט איבערגעוואָרפן מיט באַדויער אירע בליקן צום מיסט־קעסטל, וווּ עס זיינען געלעגן די אויסגעריסטע ביינער, ווי צע־בראָכענע טעלער, וואָס מען קאָן שוין גאָרנישט אויפטאָן מיט זיי...
— פון מאַרך־ביינער — האָט מאַשעלע פאַרענדיקט, שוין מיט אַ מער איינגעהאַלטענעם טאָן — קאָן נישט אַרויסגיין מיט איינמאָל דער גאַנצער תוכן, וואָס עס געפינט זיך דאָרט!

הינדעלע פון איר זייט האָט איר אָבער דירעקט נישט גע־ענטפערט. זי האָט בלויז ווי צו זיך אַריינגעשעפּטשעט אין דעם זעלבן טעפּל, וואָס זי האָט נאָך געהאַלטן אין ווישן:

— אוודאי, אַז דאָס איז אַזאַ „יעניקע"! אַ גילגול! עס ווייסט נישט מער, ווי טאָג און נאַכט צו מאַכן פּעקלעך פאַרן מאַן, וואָשן אָפּגעשיילטע קאַרטאָפל און צען מאָל איבערקאָכן די זעלבע ביי־נער, אַזאַ חיה!...

דאָס איבערוואָרטלען זיך פון די פרויען האָט זיי אינגאַנצן אָפּגעטיילט פון דער אַלגעמיינער זאָרג, וואָס האָט ווי אויף אַ טערמאָמעטער, שטופּנווייז, אַרומגעכאַפּט אַלע איבעריקע צימערלעך פונעם הייזל:

— ...רענאַנטשיק איז נאָכנישט צוריקגעקומען!...

קיינער האָט איצט נישט געטראַכט פון די געשמאַקע מאכלים, פון וועלכע מען פלעגט שוין פון פאַראויס דערפילן, בעת זיינער אזא זונטיק־רייזע. דאַקעגן, האָט כמעט יעדער נערוועז געקוקט אויף זיין האַנט־זייגערל און אַנגעשטעלט דעם בליק אויפן מינוטן־ווייזער מיט געבעט:

— לויף נישט אַזוי שנעל! רענאַנטשיק דאַרף שוין צוריק זיין! האַלט זיך איין! רענאַנטשיק איז נאַכנישטאָ!...

ס'איז אַנגעגאַנגען אַ געפלעכט פון ציטערנדיקע ווערטער. טרויעריקע געדאַנקען און אויסטערלישע מיינונגען:

— ער האָט ביי זיך זיינע דאָקומענטן און ער איז דאָ איינ־געמאַלדן — האָט מיט פאַרצווייפלונג אַרויסגעזיפצט רחל־לאה:

— מען דאַרף אַרויפלויפן צו מאַטעסן מיטן קינד! — האָט רעגינקע צו זיך אַריינגעקרעכצט:

— ער זאָל נאָר נישט קומען מיט „נאָך וועמען", רבונו של עולם! — האָט די מאַדאַם ווינטער אונטערגעכליפעט.

דערווייל איז דער שטילער יאַקוב אַראָפּ צו דער באַבע זשאַרזש, אַז זי זאָל צוגרייטן די קעלער־קעמערלעך צו באַהאַלטן זיך...

די באַבע זשאַרזש וואָס האָט פאַרווישט איר אייגענע אומ־רויִקייט צווישן די צעפּלאַצטע גלעזלעך פון אירע געדרעטלטע ברילן, האָט געפּרוווט איינגעמען, טענהנדיק, אַז עס האָט שוין אַמאָל געטראָפן, אַז ער איז געקומען אַ פאַרשפּעטיקטער! פונ־דעסטוועגן, זאָלן אַלע זיין גרייט אַראָפּצוגיין אין קעלער און זי וועט שוין פאַרמאַכן דאָס הויף־טירל פריער ווי געוויינלעך — האָט זי פאַרזיכערט.

— — — — און ווען יעדער האָט געשפּאַנט מיט איינגע־האַלטענעם אָטעם אויף די פינצטערע טרעפּלעך, ווער מיט שטעק־שיך, ווער אין די זאָקן, מיט די שיך אונטערן אָרעם, צום וועג אין

קעלערל אַריין — האָט מען מיטאַמאָל דערהערט אַ פּאַרקען זיך ביי די דורכזיכטיקע שטאַכעטעלעך פונעם פאַרמאַכטן הויז־טירל.

און אַזוי ווי דער ווײַנאַכט־פאָטער, וואָס קומט — לויט דער פאַנטאַזיע פון די קינדער — אַראָפּ פון הימל, מיט אַ זאַק אויף די פּלייצעס, ברענגענדיק פאַר זיי פרייד און גליק; אַזוי האָט זיך רענאַנטשיק צוגעשטעלט און אויך מיט אַ זאַק אויף די פּלייצעס און אָפּגעווישט מיט זיין דערשיינען די ביטערע געמיטער און די פינצטערע מחשבות פון די אַלע טויט־דערשראָקענע ייִדן אויפן וועג צום קעלער אַראָפּ...

## קאפיטל זעקס

# דער ארעסט פון מאטעס דעם שניידער

אין אַ שפּעט צוגעפּאַלענעם אָוונט פון סוף חודש אַפּריל טויזנט־ניין־הונדערט דריי־און־פערציק, האָט זיך דערהערט אין געשלענגלטן פּאַסאַזש ד'עפּאַטאַריאַ אַ טויבער עכאָ פון אַ רעוואָלווער־שאָס. דער קנאַל פון פּיסטאָלעט און דער אָפּהילך אין דעם פרי־אָפּגעשטאָרבענעם פּאַסאַזש, איז געקומען אַזוי אומגעריכט, אַז די איינוווינער — די באַהאַלטענע ייִדן אין די צימערלעך — האָבן זיך מאָמענטאַל נישט געקאָנט אָריענטירן, פון וואַנען אַזאַ שאָס האָט געקאָנט קומען.

די באַהאַלטענע ייִדן וועלכע זיינען געווען, אָנגעשטרענגט און פילבאַר אויפן מינדסטן שאָרך וואָס האָט זיך אָפּט צעזשומעט אויף די סקריפּנדיקע טרעפּ פון די פאַרבינדונגס־שטאַקן, האָבן אויך נישט געהאַט קיין אָנונג, צי עס איז בכלל געווען אַ שאָס, אַ ריכטיקער, אָדער בלויז אָפּצושרעקן?

אינסטינקטיוו, זיינען אָבער אין דעם אַלטן שוואַרצן חושכדיקן געסל אַלע פענצטערלעך — וועלכע זיינען געוועזן ווי פאַרקלעבט מיט בונטע טונקלע טיכער און שמאַטעס, כדי ס'זאָל זיך קיין ליכט נישט באַווייזן — געוואָרן נאָך חושכדיקער, עס איז מיט איינמאָל, ממש געוואָרן וימש חושך. עס איז איינגעהאַלטן געוואָרן דער אָטעם און אויך דער מינדסטער קלאַנג איז נישט אַרויסגעלאָזן געוואָרן.

ביי דער אַ, טויטער שטילקייט, האָט זיך נאָך אַ טעמפּן פעסטן

קלאַפּ, צעעפּנט מיט אַ קראַך, דאָס שוואַרצע פּרוכנע טירל פון צווייטן עטאַזש ווו עס האָט געלעבט באַהאַלטן מאַטעס דער שניי־דער — אָדער ווי מען האָט אים אויך גערופן: דער קראַנקער מאַטעס — מיט זיין ווייב און קינד.

דאָס דריי־יאָריק ייִנגעלע האָט זיך געהאַלטן אין שפּילן און זיך משמח געווען מיט אַ קליינטשיק גלעזעלע פּראָסט־וואַסער, מיט וועלכן ער האָט כסדר געקלאַפּט אין די ליידיק־אויסגעטרונ־קענע טיי־גלעזער פּישטשנדיק מיט זיין דין שטימעלע:

— „איך טריענק פּאַר די כ׳העלדן פון וואַשעווע קהעטאָ!":

אַן אויסרוף וואָס ער האָט געהערט ביי זיך אין שטיבל פון פאָטער און פון עטלעכע שכנים, אַן אָוונט פריער, בעת זיי זיינען זיך צונויפגעקומען אויף אַ „גלעזל", לכבוד די העלדן פון וואַר־שעווער געטאָ־אויפשטאַנד...

באַלד האָט אַ בלענד געטאָן אַ שאַרפע ליכט פון אַן עלעקטרי־שער טאַשן־לאָמפּ אויפן בלייכן פּנים פון טויט־דערשראָקענעם מאַ־טעסן — פון איין מאַן, און אַ שוואַרצער ווי די נאַכט בלישטשנדיקער אויסגעשטרעקטער רעוואָלווער — פון אַ צווייטן מאַן.

אַלע צימערלעך האָבן זיך ווייטער געדעמפּט אין חושך און אין אומבאַוועגלעכקייט, נאָר בלויז פון מאַטעסעס אָפענעם טירל, האָט אַרויסגעשיינט דאָס קאַרגע געלע פלעמל ווי אַ יאָרצייט־ליכט פון אַן אָנגעצונדן עלעקטריש סופּיט־לעמפּל, אויף די שמאָלע שמוציקע טרעפּלעך אַרויס — דורך וואַנען, די מענער, האָבן אונ־טער די אָרעמס, געשלעפּט פאַרחלשטע און אָוועקגעפירט מאַטעסן מיט זיין פרוי אין דער שוין דעמאָלט באַקאַנטער „אומבאַקאַנטער ריכטונג", פון וואַנען, זיי זיינען שוין קיינמאָל נישט צוריקגעקומען...

עס איז געבליבן פאַריתומט, דאָס הפקרדיק־אויפגעפּראַלטע שטיבל; עס איז געבליבן פאַריתומט, די אָפּגענוצטע ניי־מאַשין, מיטן שטיקל געוואַנט אונטערן „פיסל", פון וועלכע מאַטעס דער שניידער האָט אין די רויִקערע שעהען — אונטער אַן אויפזיכט פון דרויסן — געצויגן עטוואָס חיונה פאַרן ווייב און קינד; עס איז

געבליבן פאַריתומט, די גוטע הויז־וועכטערין, די באָבע זשאַרזש און עס איז דער עיקר געבליבן פאַריתומט, דער קליינער, פריילעכער און זאַרגלאָזער, דריי־יאָריקער אבראַמעקל, וועמען אַן אָרעמע גוט־האַרציקע פראַנצויזישע שכנה האָט אים בעת־מעשה אַרויסגעגנבעט און גענומען אויף זיך דעם עול אים אויפצוהאָדעווען.

ווען דאָס קליינע יִנגעלע האָט זיך אין דער פרי אויפגע־כאַפּט און זיך דערזען אינעם ברייטן בעט, ביי דער זייט פון דער דיקלעך־צעוואַקסענער שכנה מאַדאַם בערט, האָט דאָס קינד אויס־געגלאָצט אַ פּאָר פאַרוואונדערטע אויגן, זיך ווילד אַרומגעקוקט, פאַרקרימט ווי פון ווייטיק די ליפּלעך און אַרויסגעלאָזט אַ געוויין...

די מאַדאַם בערט האָט אַריינגענומען אבראַמעקלען אין אירע ברייטע אָרעמס, אים פעסט צוגעדריקט צו איר אויסגעוואַרעמטער ברוסט, אים געקושט אין די הערלעך, אין די ליפּעלעך און אין די אייגעלעך, צום סוף האָט זי אים געוויגט אין איר שויס און שטיל מיט דעם יִדישן קינד מיטגעוויינט...

לאַנג, לאַנג האָבן די פאַרשטאַרטע באַהאַלטענע יִדן געט־רויערט איבער די לעבעדיקע מתים וואָס מען האָט אַרויסגעפירט פון זייער הייפל, זיי האָבן זיך אָבער כאָטש געטרייסט מיט דעם נס וואָס עס איז געשען, מיט דעם יונגן, שוואַרץ־האָריקן פּאָעט גראַ־נעטשטיין, וועלכער איז ווי אַלע, געווען פאַרשטעקט אין איינעם פון די אומלעגאַלע צימערלעך.

דער דיכטער, וועלכער איז אויך געווען אַ שניידער, האָט זיך באַזונדער געחברט מיט זיין עלטערן פאַך־קאָלעגע, מיט דעם קראַנקן מאָטעסן. ווי אַ צרה, איז ער אָפּט געלאָפן צו אים, אַזוי, אַז ער האָט כמעט מער פאַרברענגט אין מאָטעסעס שטיבל, ווי אין זיין אייגן צימערל.

דאָס מאָל, איז די „צרה" באַשטאַנען, איבער אַ פּשוטער לאַטע; נישט איבער דער שוין דעמאָלט און אויף אייביק טרויעריק־באַ־רימטער זעקס־שפּיציקער: געלער לאַטע; אַזעלכע, האָט ער גע־האָט גענוג און איבעריק און ווי ער האָט זיך געווינצלט: „אויף

יום־טוב און אויף דערוואַכנס!" אָבער דאָס וואָס עס האָט אים דאָס מאָל באמת געפעלט, איז געווען אַ פּראָסט פשוטע לאַטע צו זיינע אויסגעריבענע איינציקע פּאָר הויזן...

בעת חיים האָט אויפגעפּאַסט אויף דער צוגעשטעלטער זופּ וואָס האָט זיך געזידט אויף די צעזשאַווערטע פייער־רינגען, אין דעם נייעם באַהעלטעניש, האָט זיין ווייב רחל, געבלאָנדזשעט צווישן די נאָך אומבאַקאַנטע צימערלעך, כדי איינצולאָדן זייער פריינט גראָנעטשטיינען, נהנה צו זיין פון דעם גוטן געקעכטס וואָס עס גרייט זיך דאָ צו פאַר זיי אַלע.

דאָס איז געווען מיט געציילטע מינוטן פריער, איידער עס האָט זיך דערהערט דער אויסטערלישער זאַלפּן־שאָס.

רחל האָט געטראָפן דעם דיכטער צווישן די עטאַזשן, מיט אַ שטיקל צוגעשניטענעם ברוינגלעכן שטאָף אין דער האַנט, מיט וועלכן ער האָט געאיילט אַרויפצוכאַפּן זיך צו מאַטעסן, כדי אַליין אויף דער מאַשין אַריינצוזעצן די צוגעשניטענע לאַטע אין זיינע שוין פון לאַנג דורכזיכטיקע הויזן.

זי האָט אים פאַרהאַלטן, רחל, און אים פאַרחשקט מיט דער געשמאַקער זופּ וואָס וואַרט אויף אים אין איר צימער, אים גע־בעטן, פשוט באַפוילן, אַז ער זאָל תיכף־ומיד מיטגיין מיט איר, ווייל דאָס געקעכטס ווערט קאַלט ווערן.

ער האָט זיך געוועהרט גראָנעטשטיין, ער האָט פריער געוואָלט אַריינניייען די לאַטע און דערנאָך קומען עסן די זופּ.

ווען ער האָט סוף־כל־סוף נאָכגעגעבן און געקומען אין זייער שטיבל — האָבן אינעם זעלביקן מאָמענט די צוויי פינצטערע מע־נער, אויפגעבראָכן דאָס טירל פון מאַטעסעס צימערל...

נאָכן אַרעסט פון מאַטעסן מיט זיין פּרוי, האָט דאָס הייזל אָנגעהויבן אויסצוזען ווי אַ געלעכערטע שיף, פון וועלכער די פאַר־צווייפלטע פּאַסאַזשירן זוכן הילפלאָז אַ רעטונג.

ווער מיט די לאַטעס אויף די קלאַפּעס און ווער אָן דעם, האָבן זיך די ייִדישע איינוווינער אַנגעהויבן צוצעקריכן אין אַנדערע באַהעלטענישן; אין פאַרשידענע לעכער, קעלערס, בוידעמער און ווינקלען ביי די פאַרשטעט פון פּאַריז. געבליבן זיינען די לעצט־געקומענע לאַקאַטאָרן חיים און רחל, וועלכע האָבן דערווייל נישט געפונען קיין אַנדער באַהעלטעניש.

מיטן אויסליידיקן זיך פון די שטיבלעך, האָבן זיך אָנגעהויבן יאַוועץ, אין די קאָרידאָרלעך און אויף די שטיגן, מייז און שטשורעס, וועלכע זיינען געשפּרונגען פון די שטאָקן און האָבן אויך אַריינגעדרונגען אין דעם נאָך באַוווינטן צימערל פון חיים און רחלען. עס האָט ביי זיי אויסגעזען, ביים פאַרפאַלק, ווי די מייז און שטשורעס פון דער פריערדיקער אַטעליע־באַהעלטעניש, זיינען געקומען „צו גאַסט", נאָך אַ לענגערער צייט ווי ז'האָבן זיך מיט זיי נישט געזען און זיך פאַרבענקט צו זיי...

אויב עס איז זיי געוואָרן, חיימען און רחלען, טרויעריק און אומעטיק, איבערהויפּט אין די אָוונטן, נאָכן פאַרלאָזן די צימערלעך פון זייערע פריינט, חברים און באַקאַנטע, איז זיי אָבער געוואָרן צוריק„ „היימלעך" נאָך דעם ווי די אומגעבעטענע „געסט" זייערע האָבן זיך גענומען אויף רעכט צו „פאַרהיימישן" מיט זיי. אַ היימישקייט, וואָס האָט זיי פאַרביטערט דאָס שוין אַזוי אויך ביטערע לעבן. אויך צוליב זיי, איז שוין געוואָרן אומדערטרעגלעך צו בלייבן אויפן הייפל: ווי זיי וואָלטן געמאַכט יד אחת מיט די דייטשע פאַרפאָלגער און פייניקער...

די זלידנע באַשעפענישן, האָבן פּשוט אַרויסגעיאָגט פונעם צימערל און זיי אויסגעשטעלט אויפן באַראַט פון די געוויִמלטע און געשווימעלטע אַגענטן, וואָס האָבן כסדר גראַסירט אויף די גאַסן. פונדעסטוועגן, באין ברירה, האָבן זיי באַשלאָסן איינצושטעלן, צו ריזיקירן, און זיך דעצידירט צו צוכאַפּן צו דעם שוין פון לאַנג פאַרלאָזטן בחורישן צימער פון חיימען כדי קודם דאָרט איבערצוקומען די נאַכט.

## ק. בענעק

עס איז געווען די קאַרגע לעצטע פערטל שעה פאַרן ייִדן־פאַרבאַט צו גיין אויף די גאַסן. זיי האָבן געאײַלט מיט האַרץ־קלאַפּונג אָפּגערוקט אויף אַ ווייטלעכן דיסטאַנץ איינער הינטערן אַנדערן, ווי פרעמדע. זיי זײַנען דאָך בשלום אָנגעקומען צום ברייטן פאַרוויאַנעטן הויז־טויער, וועלכער איז שוין פון תחילת נאַכט אָן געווען פאַרמאַכט אויפן האַק־שלאָס.

חיים האָט אַרויסגענומען זײַן שליסל. דער שליסל האָט געגרילצט און געסקריפּעט אינעם שליסל־לאָך וואָס האָט געמאַכט די צוויי יונגע מענטשן אויפשוידערן און זיי דערמאָנט, אַז עס איז שוין די לעצטע מינוטן פאַר דער פאַרבאַט־שעה...

דער שלאָס האָט זיך צום שלים־מזל פאַרהאַקט... אויך זייערע אָטעמס האָבן זיך פאַרהאַקט... עס איז געקומען; — באו מים עד נפש...

און אפשר ווײַל עס איז געווען פסח־צייט, איז עפּעס מאָדנע ביי חיימען אַדורכגעלאָפן דער געדאַנק פון „שפוך חמתך", — אָבער נישט דער שפוך חמתך, ווו עס שטייט דאָרט אין דער הגדה, — „אל הגויים", נאָר — האָט ער געטראַכט — אל יהודים...

און ווידער אפשר ווײַל עס איז געווען פסח־צייט, איז דאָך געשען אַ נס... דרייענדיק אַזוי כסדר האַסטיק מיטן שליסל, האָט זיך דער שלאָס עטוואָס אָפּגעטיילט פונעם געהילץ, און כמעט אין דער סאַמער לעצטער סעקונדע פון דער פאַרבאַט־שעה פאַר ייִדן, האָט זיך דער טויער פון זיך אַליין צעעפנט...

# קאפיטל זיבן

## אויפן וועג צו דער „פרייער זאָנע"

אין אַ באַגין, פונקט אין דעם זעלבן טאָג ווען מען האָט מיט אַ יאָר פריער — נאָך דער שוידערלעכער אַבלאַווע — אַריינגע־וואָרפן ווי קופּעס מיסט, אַן ערך אַ דרייסיק טויזנט ייִדן, אין דער פּאַריזער ווינטערדיקער ווילגאַטנער ספּאָרט־האַלע — זיינען ווידער אַרויסגעפירט געוואָרן אונטער די אָרעמס, אַ פּאַרפּאַלק, פון פּאַ־סאַזש ד׳עפּאַטאַריאַ.

די געפירטע זיינען דאָס מאָל מאָל געווען, די לעצטע געקו־מענע לאַקאַטאָרן פונעם הייפל, חיים קאַמינסקי און זיין פרוי, רחל.

געפירט זיינען זיי געוואָרן, נישט דורך צוויי שוואַרץ־גע־קליידטע גרויזאַם־טייוולאַנישע מענער, — ווי דעמאָלט ביי מאַטעסן; זיי זיינען געפירט געוואָרן, דורך דעם שלאַנקן העל־בלאָנדיקן פּאַ־ליאַק רענאַנטשיקן און דורך דער אַלטער פראַנצויזישער האַלב־איינגעשרומפּענער הויז־וועכטערין, די באַבע זשאַרזש.

זיי זיינען באַגלייט געוואָרן — אויף די פּאָר ייִדן נישט זיכע־רע גאַסן, פון די צוויי „אַריער", צום ליאָנער וואָקזאַל — כדי נישט געשטרויכלט צו ווערן אין זייערע ערשטע טריט, אויפן גע־גאַרטן וועג וואָס פירט צו דער אַזוי גערופענער, פרייע זאָנע.

אויפן וועג, — פירנדיק זיי דורך באַהאַלטענע הינטער־געס־לעך — האָט חיים זיך דערמאָנט אין רענאַנטשיקס ווערטער בעת

ער האָט זיך באַקענט מיט אים, באַלד צומאָרגנס נאָכן אָנקומען אין פּאַסאַזשל:

„הער אויס! איך בין דער איינציקער אויף די שטאָקן, וואָס קאָן זיך דערוויייל פּריי באַוועגן. זאָג וואָס דו דאַרפסט? הער אויס! איך האָב אַ ביסל שפּייז, וואָס איך ברענג פון די דערפער, איך האָב עטלעכע גוט־נאָכגעמאַכטע ברויט־קאַרטן וועלכע איך ברענג פון ערגעץ־אַנדערש־ווו... איך האָב אַ ראַדיאָ־אַפּאַראַט! הער אויס! איך ווין אויפן לינקן ווינקל אַ שטאָק נידעריקער".

אויף דער הויז־וועכטערינס קוויטשנדיק שטימעלע האָט נאָך אָפּגעקלונגען אין חיימס אויערן:

— „דאָ אין מיין פּאַסאַזש, וועלן זיי קיין שליטה נישט האָבן! אָ, ביי דער באַבע זשאַרזש, וועט זיי אַזוי לייכט נישט אָנקומען, די שמוציקע באַשן!"

די באַבע זשאַרזש, האָט זיך אָבער ביי איר גוטמוטיקייט און נאַיִוויטעט טועה געווען, זי האָט נישט באַגריפּט אַז די שמוציקע באַשן זיינען שטאַרקער פון איר און אַז דערפאַר פּירט זי איצט דאָס פאַרפאַלק אַוועק פון זיך...

דער שיינער ליאָנער וואָקזאַל, איז אין דעם דאָזיקן פריען פרי־מאָרגן געווען ווי נישט אויסגעשלאָפן, די קאַסע־פענצטערלעך זיי־נען מערסטנטייל געווען פאַרמאַכט, פאַרלאָשן און פאַרטונקלט ווי אין אַן אומרויִקן דרימל. קיין שפּאַר פון פרידלעכן און פריילעכן געליאַרם, וואָס מען פלעגט דאָ הערן פון די פאַר־דער־מלחמהדיקע, האַפערדיק־צעשטראַלטע פּאַסאַזשירן, בעת זיי זיינען געפאַרן, מיט געמיטלעכקייט, נאָך זייער האַרעוואַניע, אויף זייערע שווער־פאַר־דינטע וואַקאַציעס.

ביים פאַרפאַלק — וואָס פלעגט ס'רוב פונעם זעלבן באַן־הויף כמעט אין דער זעלבער צייט, יעדער מיט זיין גרופּע חברים און פריינט פאָרן צו זייערע זוניקע און לופטיקע קאַמפּינג־פעלדער:

מיט רוק־זעק,ביידלעך און מעטאַלענע שטעקנס אויף די פּלייצעס — האָט איצט אויפגעטויכט דאָס בילד, בעת זיי האָבן זיך מיט גוט־מוטיקייט און שמייכל, אָפט אָנגעשטויסן און שיער זיך נישט איינ־געפּלאָנטערט אין די אַנדערע זיך איילנדיקע קאַמפּינג־פּאַסאַזשירן. אָבער איצט, איז בכלל געווען זייער ווייניק ציווילע רייזנדיקע, און אָנשטאָט זיי, האָבן איצטער געשריגן, געריטשעט, געכאָרכלט און געקלאַפּט מיט זייערע גראָבע געטשוועקעטע שטיוול — היטלער־זעלנער, שווער אָנגעלאָדענע מיט זייערע האַמטנע רוק־זעק, אַרומ־געדרייטע מיט גרויע קאַצן, רעזערוו־שטיוול, מיליטער־וועש, בלע־כענע מענאַשקעס און מיט טונקעלע גרין־געשפּריצטע העלמען אויף די קעפּ. ביי יעדן פון זיי, האָט זיך שאַרף אַרויסגעזען די שיף־אַרויסגעשטאַרטע ביקסן־לופעס ביי די זייטן. טייל פון זיי, האָבן אויך געטראָגן האַקן־קרייצן אויף די אַרעמס.

זיי אַלע צוזאַמען, זיינען געלאָפן אַ הין און אַ הער, ווי ווילדע און באַנומענע. מיט זייערע מאַשין־געווערן און שפּיציקע באַגנעטן, האָבן זיי זיך אויך אָנגעשטויסן איינער אויפן אַנדערן... זיי האָבן אָנגעוואָרפן אַ פחד און אַן אימה אויף די איינצלנע ציוויל־גע־קליידטע פּאַסאַזשירן, וועלכע האָבן זיך אין אַנגסט, ווי שאָטנס, אויף די שפּיץ פינגער, אַדורכגעשלייכט צו די ראַמפּן און צו די באַן־רעלסן.

אין באַן־וואַגאָן, כאָטש איינער לעבן צווייטן, זיינען רחל און חיים געזעסן ווי פרעמדע. זיי האָבן כמעט קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט צווישן זיך.

זי, מיט אַ בלאָנד־געפאַרבטער הויכער פריזור און מיט אַ זילבערן צלמל אויפן האַלדז, האָט זיך געצוווּנגען כסדר צו שמייכ־לען און זיך באַמיט אַריינצוקוקן אין עפּעס אַן אילוסטרירטן פרוי־ען־זשורנאַל, ווו די שורות און בילדער האָבן זיך אויסגעמישט צו־זאַמען און אַדורכגעפלאָסן דורך אירע אויגן ווי פאַרוואָלקנטע כמאַ־רעס...

## ק. בענעק

ער, אַ שטרענג־ראַזירטער און אַ קורץ־געשוירענער, אַזש ביז צום שאַרבן, אַנגעטאָן אין אַ העל־עלעגאַנטן קאָסטיום, איז מערסטנ־טייל געשטאַנען און אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער, אויף די פוסטע אָפּגעליידיקטע פעלדער וועלכע זיינען געוועזן פאַרלאָזן פון די פּוי־ערים און אָפּגעסמאַליעט פון דער שטאַרקער זון, וועלכע איז געווען דאָס דאָזיקע יאָר באַזונדער ברענענדיק.

ער האָט זיך איינגעקוקט מיט אַ געמאַכטן נייגער אויף יעדןביימל, אויף יעדן גרעזל און אויף יעדן טייכל און סאַזשלקע, וואָס איז מיט אימפּעט דורכן וואַגאָן־פענצטער שאָטנדיק, פאַרבייגעלאָפן.

פון צייט צו צייט, האָבן זיי זיך באַגעגנט מיט די בליקן און זיך שטיל און פאַרזיכטיק אָדורכגעוואָרפן מיט עטלעכע ווערטער, וועלכע זיינען צעריבן און צעמאָלן געוואָרן, אינעם קלינגענדיקן געררויש פון די וואַגאָן־רעדער.

ווען דער צוג האָט זיך דערנעענטערט צו דער „לין־דעמאַר־קאַסיאַן״ (גרענעץ־ליניע), ווו די דייטשע וואַך־שוץ קומט אַרויף קאָנטראָלירן די דאָקומענטן, האָבן זיי זיך אינגאַנצן אָפּגעטיילט: זי, רחל, איז געבליבן אויף איר פּלאַץ און ער, חיים, האָט פאַרנומען אַ ליידיק געזעס אין אַ שכנהדיקער קאַיוטע.

דאָס ברוטאַלע הוצפּהדיק־פאַרשייטע אויסגעשריי פון די דייטשע וואַך־פּאָסטנס: „פּאַפּירע, פּאַפּירע! יודען, יודען!״ וואָס עס האָט זיך געהערט איבערן גאַנצן צעשראָקענעם וואַגאָן־שטח, בעת זיי האָבן אַנטדעקט עטלעכע ייִדן מיט שלעכט־אויסגעפּאַרטיקטע פאַלשע פּאַפּירן — האָט נאָך מער צעפּלאָנטערט רחלס געדאַנקען און איר געמיט, בשעת זי האָט זיך ווידער און ווידער אַמאָל גע־חזרט ווי אַ תפילה, איר פראַנצויזישן נאָמען, פאַרנאָמען, עלטער און געבוירן־אָרט — פראַגן, וואָס די דייטשן האָבן געשטעלט און פאַרלאַנגט אַ שנעלן ענטפער אויפן אָרט.

אוודאי, האָט זי דערביי אויך כסדר געטראַכט וועגן דעם גורל פון חיימען און געקוקט מיט האַרץ־קלאַפּונג צו די פאַרהאַל־

טענע אַדורכגעפּירטע ייִדן... אָבער זי האָט פונדעסטוועגן נישט אויפגעהערט צו שמייכלען...

נאָך דער לאַנגער קאָנטראָל, וואָס האָט זיך ביי די נישט־אַנטדעקטע ייִדן איינגעשניטן ווי ביי אַ שווערער אָפּעראַציע, ווען די דייטשן האָבן שוין געהאַט פאַרלאָזן די וואַגאָנען און ווען דער צוג האָט זיך שוין געפונען אויף דער טעריטאָריע פון דער „פריי־ער זאָנע" — האָט זיך דאָס פאַרפאַלק ווידער צוזאַמענעזעצט. זיי האָבן זיך שוין דרייסטער אָנגעקוקט איינער דעם אַנ־דערן און מיט טרערן אין די אויגן האָבן זיי זיך צעקושט, ווי זיי וואָלטן זיך שוין לאַנגע, לאַנגע יאָרן נישט געזען...

דאָס מאָל האָט רחל מער נישט געשמייכלט, און ווי מאָדנע עס זאָל נישט האָבן אויסגעזען, איז אַנשטאָט שמייכלען, אָדער אפילו פרייען זיך, האָט זי זיך גאָר שטיל און האַרציק צעוויינט.

חיים האָט איר איבערגעגעבן, אַז עפּעס דורך אַן אויסטערלישן גליקלעכן פאַרזען, האָט מען ביי אים אינגאַנצן נישט געפאָדערט זיין אידענטיטע־קאַרט, וועלכע איז אגב, אויך נישט געווען גע־מאַכט אַזוי ווי עס געהערט צו זיין. בפרט, אַז עס זיינען דערביי געווען פראַנצויזישע מבינים...

נאָכדעם ווי זיי זיינען ביסלעכוויז געקומען צו זיך, האָבן זיי צעעפנט, איינע פון זייערע וואַליזלעך און אַרויסגעצויגן פון דאָרט: אַ דין לענגלעך ווורשטל, וואָס רענאַנטשיק האָט זיי מיטגעגעבן אַלס צידה לדרך.

ער, רענאַנטשיק, האָט עס אָפּגעשניטן פון אונטערן טיש, ווו עס האָט כמעט שטענדיק געהאָנגען אין א ריי, אַ זעקס־זיבן שטיק אַזעלכע. די ווורשטן צוזאַמען מיט אַנדערע שפייזוואַרג, האָט ער געשמוגלט פון די דערפער ביי די פראַנצויזישע קוילן־געביטן פון צפון־פראַנקרייך. דערמיט האָט ער פאַר און אַן געלט, אונטערגע־האַלפן די באַהאַלטענע ייִדן פונעם פּאַסאַזשל. דער דיכטער גראַנעט־שטיין, בעת ער האָט אַ הונגעריקער, בגנבה, אַרונטערגעקוקט אונ־

טערן טיש, פלעגט ער זיי אָנרופן — די ווורשטן — „די זיבן גע־האַנגענע!״...

רחל האָט אויך געעפנט דאָס צווייטע וואַליזל און אַרויסגע־נומען עטלעכע האַרטע אייער, פּאָמידאָרן און אַ ווייך קעזל, וואָס די באָבע זשאָרזש, האָט פון איר זייט פּאַר זיי צוזאַמענגעשאָפט.

אַזוי האָבן זיי געגעסן, געקייט כמעט אָן אַפּעטיט — נאָך אין באַן־וואַגאָן — דאָס ערשטע מאָלצייט אין דער „פרייער זאָנע״.

ביסלעכווייז, האָט דער צוג פאַרלאַנגזאַמט זיין גאַנג. ער האָט אָפּגעשאָקלט פון זיך דעם נאַכישן שטויב און רויך און אוועקגע־בלאָזן די פאַרפעסטעטע דייטשע לופט וואָס האָט אַזוי געשטיקט יעדן איינעם; די גאַנצע פינף־הונדערט קילאָמעטער פון פּאַריז אָן. יעדער איינער, און גאַר באַזונדער די בשלום־אָנגעקומענע ייִדן, האָבן פרייער אָפּגעאָטעמט.

אין געציילטע מינוטן אַרום — נאָכן אָפּהעשען און אויספייפן זיך — האָט זיך דער צוג אָפּגעשטעלט אין דער ערשטער גרעסע־רער שטאָט פון דער פרייער זאָנע — שאַמבערי.

אַראָפּגייענדיק פון די וואַגאָן־טרעפּלעך, האָט דעם פּאָרל אַרומגענומען אַ פרישע ווינטל אין וועלכן זיי האָבן עפּעס דאָך דערפילט אַ פרייערן פלאַטער.

די מענטשן וואָס האָבן זיך געדרייט אויף דער ראַמפּע, האָבן אויסגעזען — כאָטש פאַרזאָרגטע — דאָך רויִקערע און באַזאַכטע. רחל האָט אָנגעוויזן חיימען, דעם גרויסן פראַנצויזישן אַקטיאָר, זשאַן לואי באַראָ, וועלכער האָט זיך עפּעס געפּאָרעט, ביי אַ צעפלאַצטער האַלב־אָפענער וואַליז — אַ בלאַסער און אַ צעשויבערטער. ווייזט אויס, אויך איצט אָן אָנגעקומענער מיט דעם זעלבן צוג...

צוזאַמען מיט פראַנצויזישע פּאַליציי־לייט, האָבן זיך אויך געדרייט און אַרומגעשמייעט, איטאַליענישע זעלנער און זשאַנ־דאַרן, מיט מינעס און באַוועגונג פון „לאָמעך־געמאַכט!״ זיי האָבן אויסגעזען ווי אַמאַליקע פאַרשטעלטע פּורים־שפּילער, אָדער „מאַלע־

וואנקעס״ פון סאָלדאַטן, אויף קינדערישע פאַרביק־אילוסטרירטע זשורנאַלעכלעך...

אויפן וואָקזאַל, פון דעם חנעוודיקן פּיטאַרעסקן שאַמבערי, האָט זיי אָפּגעוואַרט חיימס ייִנגסטע שוועסטער שיינדל; איר פערצן־יאָריקער זון גילאַן; חיימס אַ פריינט, דער נישט לאַנג געקומענער פון פּוילן ייִדישער זשורנאַליסט, יצחק שווימער און דער שוין ניין־יאָריקער זון פון רחלען, שימענקע. דאָס ייִנגל איז אויף אַ זיכערן אופן אַוועקגעשיקט געוואָרן פון פּאַסאַזש מיט אַ שטיק צייט פריער.

זיי אַלע, צוזאַמען מיט אַ גרעסערער גרופּע ייִדן פון פּאַריז, בריסל, אַנטווערפּן און אַמסטערדאַם, האָבן זיך געפונען אויף דער אַזוי גערופענער ״רעזידאַנס־פּאַרסע״ (געצוווּנגענער וווין־אָרט), אַן ערך אַ צוויי צענדליק קילאָמעטער פון שאַמבערי, אין דעם פּיטשינקן דאָרף־שטעטעלע וואָס האָט פאַרמאָגט בסך־הכל אַ קאָרגע הונדערט־און־פופציק איינוווינער, מיטן נאָמען — סאַלין־לע־לאַק.

# קאַפּיטל אַכט

## סאַלין-לע-לאַק

די קליינע באַן־סטאַציע צו וועלכער זיי זיינען גלייך פאַר־פאָרן — וואָס האָט אפילו קיין אייגן וואָקזאַל ניט געהאַט פאַרמאָגט — האָט אויסגעזען ווי אַ פוסט פעלד, אויף וועלכן דער צוג האָט זיך צופעליק אָפּגעשטעלט.

אין געציילטע רגעס, איז די באַן ווידער פאַרשוווּנדן.

בלויז עטלעכע שפּאַן פון די באַן־רעלסן, איז דאָס פאַרפאַלק אַרומגעהילט געוואָרן מיט די אַלפּן־בערג, צו וועלכע מען האָט געמוזט פאַררייסן די קעפּ כדי צו זען זייערע שפּיצן; זיי זיינען ווי איינגעקלעמט געוואָרן צווישן די שלאַנקע סאָסנעס, דעמבעס און ניסן־ביימער, וועלכע האָבן זיך געצויגן לענג־אויס פון די שינעס, ביז צו די בערג־אַרויף. זיי האָבן אין זיך אַריינגעזאַפּט די ריחות פון די פעלדער און פון די ווילדע גראָזן, צווישן וועלכע עס האָט זיך געשטערנט רויטע, געלע און פיאָלעטע פעלד־בלימלעך. די פּרוכטן־ביימער וועלכע זיינען געווען צעשאָטן אָן אויפזיכט און הפקר, האָבן געטאָן דאָס זייעריקע: זיי האָבן געפלאָסן מיט דופט און פאַנאַנדערגעטראָגן, אַ זויער־זיסלעכן געשמאַק, פון ווייַן און האָניק, וואָס האָט שיער ניט פאַרשיכורט די צוויי יונגע מענטשן, וועלכע זיינען באַך געווען ווי פאַרפעסטעט פון זייער שרעקלעכער רייזע.

די הויכע משופּעדיקע בערג, מיט זייערע גרין־ברוינלעכע סקאַלעס, אויף וועלכע עס האָבן זיך געפונען פיל־פאַרביקע הייזע־

לעך, ווי קליינע צעשאָטענע פינטעלעך זיינען גאָרנישט געווען אַזוי נאָענט ווי עס האָט זיך געקאָנט דוכטן, אָבער אין די אויגן פונעם פאַרפאַלק, האָט עס אויסגעזען, ווי דאָס אַלץ ליגט אויף זייערע פּלייצעס.

אין דערבּידער, אַנטקעגן זייערע אויגן, האָט זיך רויק און מיט זאַכט געשלענגלט, דער פּליסיק־לויטערער לאַק.

דער בנעימותדיקער טייך, וועלכער איז געווען ווי איבערגע־גילדט מיט אַ דורכזיכטיקן שיכט פון די העלע זון־שטראַלן, האָט צוגעגעבן חן און זאַרגלאָזיקייט דעם גאַנצן אַרום.

ביי די ברעגעס האָבן געררוט פאַראייניזאַמטע ליידיקע שיפלעך. דאָ און דאָרט, האָט מען געזען אַן אַלטן פאַרברויינטן פישער, אַריינ־לאָזן אָדער אַרויסציען, זיין דינעם עלאַסטישן פישער־בויגן. דאָ און דאָרט, האָט מען אויך באַמערקט אַדורכשיפּן זיך, אַ פּאָר־בראָנדזט יונג פּאָרל.

ביי די ניי־געקומענע האָט עס אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן פּלוּ־צים אַריינגעפאַלן פון אַ גיהנום אין אַ גן־עדן אַריין; ווי דאָ וואָלט מען אינגאַנצן פון קיין מלחמה נישט געוווסט.

אויסער שיטער־צעוואָרפענע דאָרף־הייזלעך און קליינע פּאָר־שלאָסענע ווילעלעך, איז דאָ אינגאַנצן קיין געסלעך נישט געווען, אַ חוץ, ווי מאָדנע עס זאָל נישט אויסזען פאַר אַזאַ ברעקלדיק דאָרף־טשעטעלע פון אַ הונדערט־און־פופציק איינוווינער — האָבן זיך דאָ געפונען, דריי גרויסע און רייכע פּענסיאָנאַט־האָטעלן.

אין די פרידלעכע צייטן, פלעגן דאָ פאַרברענגען רייכע פּראָנ־צויזישע און אויסלענדישע דאַטשניקעס און טוריסטן. איצטער אָבער זיינען צוויי פון די דריי געווען כמעט פּוסט אָדער דריי־פערטל ליי־דיק. דאָקעגן, איז איינער פון די דריי געווען באַזעצט ביז איבער די ברעגעס. דאָס איז געווען דער גרעסטער און אפשר אויך דער רייכסטער האָטעל־פּענסיאָנאַט מיטן נאָמען: „ספּלענדיט״, וואָס האָט געהערט צו דער עלטערער פרוי, מאַדאַם ווידאַל.

ביי איר דאָ, אין די אַלע פּערציק צימערן פון דעם האָטעל „ספּלענדיט״, האָבן געוווינט כּמעט די אַלע אַנטלאָפענע ייִדן פון פּאַריז און פון אַלע אַנדערע שטעט פון פראַנקרייך, בעלגיע און האָלאַנד, וועלכע זיינען מיט מסירת־נפש אַריבערגעקומען אין דער פרייער זאָנע פון פראַנקרייך.

אָבער טראָץ דעם וואָס דאָ אין סאַלין־לע־לאַק, איז טאַקע די שטימונג און דאָס געמיט געווען פאַרהעלטנישמעסיק אַ רויִקערע — האָבן אָבער די טרויעריקע געשעענישן לאַנג נישט געלאָזן וואַרטן אויף זיך...

די מאַדאַם ווידאַל — די אייגנטימערין פונעם האָטעל — וואָס האָט מיט איר גוטסקייט, פּשוטקייט און איידלקייט געשמט אין דער גאַנצער געגנט, איז געווען אַ פרוי פון עטוואָס אַריבער די זעכציק. זי איז געווען אַ נידעריקע, אַ ברייטלעכע מיט לאַשטשנדיקע וואַרעמע אויגן וואָס האָבן באַרויִקט, ווי אַ מחיהדיק ווינטל.

איר לאַנגזאַמער גאַנג, ווי איר קול, איז געווען אַזוי מנוחהדיק, ווי דער דיסקרעטער שמייכל וואָס האָט זיך באַהאַלטן צווישן אירע פולע ליפּן, בעת זי האָט זיך געמיטלעך אַדורכגעשמועסט מיט יעדן איינעם.

אָפט, ווען אַ פרעמדער האָט זיך געווענדט צו איר — מיינענדיק אַז זי איז איינע פון די קיך־אַנגעשטעלטע פון דעם גרויסן האָטעל — און מען האָט זי געפרעגט: ווו מען קאָן דאָ זען די מאַדאַם ווידאַל, האָט זי זיך נאָך ברייטער צעשמייכלט און ברוגזלעד געענטפערט:

— וואָס, עס פּאַסט אייך נישט אַז איך זאָל זיין די מאַדאַם ווידאַל ? ...

נישט נאָר פון אירע ברייט־פאַרקעמטע האָר ווי אַ פּויליש־ייִדיש שייטל, נאָר אויך פון אירע אַלע תּנועות האָט זי עפּעס געהאַט אין זיך וואָס האָט זי געמאַכט ענלעך צו אַן אַמאָליקער צניעות־

דיקער ייִדענע וואָס עס וואָלט געפּאַסט אַז זי זאָל הייסן: שרה, כדי מען זאָל זי קאָנען רופן: „שרה בת טובים"...

האָט זי טאָקע די ווידאָל, אויף דער שוועל פון איר ווילאַ, די ערשטע זיך באַגעגנט מיט דעם געקומענעם פּאָרל. זי האָט קודם באַדויערט און אויסגעדריקט איר צער פון דעם וואָס עס איז איר נישט פאַרבליבן קיין איין־און־איינציק צימער זיי צו געבן.

— וואָס זאָל מען טאָן — האָט זי ווי מיט שולדיקייט, זיך פאַרענטפערט — אַז עס זיינען געקומען אַזוי פיל גערודפטע ייִדן? וואָלטן זיי זיך אויך איבערגעגעבן מיטן אומגליק און מיט דער טראַגעדיע פון די אומגליקלעכע — ווייזט זי אָן אויסגעשטרעקטן עטוואָס ציטערנדיקן פינגער צו די אָפּיצינעס פון די אַנדערע צוויי האָטעלן — וואָלטן זיי אוודאי אויך איינקוואַרטירט אין זייערע צימערן, די אַלץ פריש פאַרצווייפלטע ניי אָנגעקומענע!

— טוען זיי אָבער דאָס נישט — זאָגט זי מיט פאַרוואונדערונג, ווי זי וואָלט נישט פאַרשטאַנען פאַר וואָס? — לאָזן זיי ליבערשט שטיין זייערע שטובן ליידיק...

אירע אויגן האָבן זיך ברייט צעעפנט ווי זי וואָלט געקוקט אין הימל אַריין און געוואַרט אויף אַ נס. אַזוי, אַז ביי איר קריסט־לעכער גלויביקייט, האָט זיך געקאָנט אויסדוכטן אַז זי גייט נאָר וואָס פאַרלייגן די הענט און שעפּטשען אַ תּפילה; אַז גאָט זאָל העלפן!

און כאָטש איבער איר בעט, האָט טאָקע געהאָנגען אַ קרייץ און אַ יעזוס־פיגור, האָט זי אין דער אמתן נישט געקוקט אין הימל אַריין; נישט געוואַרט אויף קיין נס און זיך נישט געגרייט צו זאָגן קיין תּפילה. זי האָט בלויז געדרייט דעם קאָפּ אַ הין און אַ הער, צו די פענצטער פון איר פיר שטאָקיקער געביידע, ווי זי וואָלט עפּעס געזוכט. דערנאָך האָט זי צוריק אַראָפּגעלאָזן די אויגן און איר בליק האָט זיך פאַרטראַכט אָפּגעשטעלט, צו אַ ווייטלעכן ווינקל, פון איר גרויסן באַוואַלדיקטן הויף — צו אַ הילצערנע האַלב־אָפענע

נידעריקע געביידע, וואָס האָט געדינט אַלס גאַראַזש, פאַר אירע אַמאָליקע רייכע קליענטן.

דערנאָך האָט זי ווידער אַ מאָל זיך פאַרטראַכט, און אַן אויפֿגעלעבטע אַ דערלייכטערטע, זיך אַנגערופן צום פאַרפאַלק:

איר וועט פונדעסטוועגן ביי מיר נישט שלאָפֿן אויף דער גאַס! אָבער דערווייל — האָט זי געצויגן די ווערטער, נישט דרייסט ווי זי וואָלט דאָ געגאַנגען באַגיין אַן עוולה — וועט איר זיך איינאָרדענען אָט אַ דאָ, אין דעם גאַראַזש; אָבער איך מיין אַז נישט אויף לאַנג — האָט זי אַלץ אומדרייסט גערעדט ווי אַ שולדיקע — ווי נאָר עס וועט פריי ווערן דאָס ערשטע צימער — האָט זי פאַרענדיקט — וועט איר זיך אַריינקלייבן, און איבערוואַרטן היטלערס סוף, גלייך מיט אַלעמען!

די פאַרמלאָזע קרוכלעכע געביידע, וואָס די מאַדאַם ווידאַל האָט אַנגערופן: גאַראַזש — האָט גיכער אויסגעזען ווי אַ גרויסע קאַמער אָדער ווי אַן אָפּגענוצטער שפּייכלער, פון וועלכן עס פליסט אַרויס אַ שטויביקער ווינט.

אמת, אין אַ זייט איז דאָרט געשטאַנען עפּעס אַ צעקנייטשטער אָפּגעפּאַרענער האַלב־פאַרזשאַווערטער אויטאָמאָביל, אָבער דער עיקר האָט זיך דאָרט געפונען פאַרשידענע שטאַרק אָפּגענוצטע פּרוכנע מעבל־שטיקער; באַרגיקע און געטאָלטע אַלטע מאַטראַצן, מיט אַרויסשטאַרצנדיקע צעפּלאָנטערטע שפּרונג־דראָטן, צעשפּאָלטענע טעלער, גלעזער און וויין־פלעשער מיט פאַרגעלטע אָפּגעריבענע טיקעטן, מיט דאָטעס נאָך פון פאַבריקן יאָר־הונדערט... הינקענדיקע טישן און בענקלעך; אויסגעבראָכענע פאַראַזשווערטע גאַזמאַשינקעס און פאַרשידענע אַנדערע האָטעל־רעקוויזיטן.

אין אַ ווינקל, ווו עס האָט זיך געפונען אַ נאָרמאַל פענצטער, דורך וועלכן עס האָט זיך אַרויסגעזען די בערג, דער טייך, די ביימער און די גאַנצע נאַטור־רחבות פון אַרום — האָט עס געהנדלט מיט ענגלעכקייט, ווי אַן אמתדיק צימער... קוקנדיק פון דערווייטנס, האָט דאָס פענצטער אויסגעזען ווי אַ געמאָלן בילד.

דאָס פּאָרפאָלק, האָט גלייך געוואָרפן אַן „אויג״ דערויף און באַשלאָסן, אַז זיי וועלן נישט קוקן אויף די אַלע אומריינע מטלט־לים וועלכע געפינען זיך דאָ; זיי וועלן שטיין, ווי מעגלעך, מיטן פּנים צום פענצטער און זיך נישט אויסדרייען... זיי האָבן אָפּגעמאַכט ביי זיך, טאַקע זיך איינצואָרדענען אין דעם דאָזיקן ווינקל.

אַזוי ווי עס האָט דאָ פון גאָרנישט געפעלט, איז דאָס ווינקל שנעל געוואָרן „מעבלירט״.

אין דעם דאָזיקן ווינקל־„צימער״, האָבן טאַקע חיים און רחל אָנגעהויבן זייער נייַ לעבן אויף דער „פרייער זאָנע״.

קיין עלעקטרישע באַלייכטונג, קיין וואַסער־קראַן, קיין גאַז צום קאָכן איז פאַרשטייט זיך, אין דעם „צימער״ נישט געווען. דערפאַר האָבן אָבער די נייַע איינוווינער געהאַט אַן אייגענע „שאַמברע דע באַן״ — ווי זיי האָבן דאָס אָנגערופן — (צימער פאַר אַ דינסט־מיידל), דאָס האָבן זיי געמיינט, דעם חרובדיקן צע־קנייטשטן אויטאָמאָביל־וואָגן, וועלכער איז פון אינעווייניק גראָד נאָך געווען גאַנץ לייטיש: ווייכע געזעסן, מיט עטוואָס אַרויס־שטאַרנדיקע היי־בערגלעך און מיט נאָך גאַנצע מאַכיק־פאַרגרינטע שויבן אויף די פענצטער.

דאָס האָט זיי געדינט — רחלען און חיימען — אויפצו־נעמען אויף אַ נאַכט־צוויי, זייערע אַלץ כסדרדיקע פריש אָנגע־קומענע פון פאַריז — פריינט און באַקאַנטע.

איין מאָל איז עס געווען, דער נאַר וואָס אַנטלאָפענער דיכ־טער פון פּאַסאַזש ד׳עפּאַטאַריא, אַ צווייט מאָל, דער נידעריקער הויפּט־אַרטיסט, פון פאַרדעם־מלחמהדיקן פאַריזער יידישן אַמאַ־טאָרן־טעאַטער און אַן אַנדערטמאָל איז עס געווען, חיימס אַ קרוב דער פריילעכער און לוסטיקער שטובן־מאָלער מרדכי מענדל פון בעלוויל:

אַ מיטל־יאָריקער ייִד, אַ פּשוטער, וועלכער איז כמעט שטענ־דיק געווען אַרבעטסלאָז — „אַן אָרעמאַן אין זיבן פּאָלעס״ —

ווי מען האָט אים דאָרט אויפן בעלוויל גערופן — האָט ער אָבער קיינמאָל נישט פאַרלוירן זיין בטחון און זיין איינגעבוירענע לעבנס־פרייד. אַ ייִד, אַ גרויסער מכניס־אורח, מחמת ער האָט זייער אָפּט איינגעלאַדנט צו זיין טיש פאַרשידענע נויטבאַדערפטיקע חברים זייַנע, ביי וועלכע זיין פרוי האָט זיך אָפּט פאַרוויטלט, זעענדיק אַז אין דער קיך געפינט זיך כמעט גאָרנישט...

און טראָץ דעם וואָס מען האָט אים אין דער שרעקלעכער נאַכט פון זעכצנטן יולי, צוגענומען זיין פרוי מיט די פיר קינ־דער, האָט ער שפּעטער, אויך נישט קיין סך פאַרלוירן פון זיין הומאָר און פריילעכקייט. ער האָט זיך ביי די גרעסטע צרות גע־וויצלט און געשיט מיט גלייכווערטלעך, ווי אין אַ געמיש פון מנחם מענדל און טביה דער מילכיקער.

דער אויטאָמאָביל — און ווי מען האָט אים אויך גערופן: דער „וואָגאָן־לי" (שלאָף־וואַגאָן) — איז געוואָרן אַ שם־דבר נישט נאָר אין סאַלין־לע־לאַק, נאָר אויך אפילו אויסער די גרע־נעצן אירע. אַזוי, אַז צווישן די פאַריזער פריינט און באַקאַנטע פונעם פאַרפאַלק, וועלכע האָבן זיך געגרייט אַריבערצולויפן אין דער פרייער זאָנע, האָט מען שוין געוווּסט צו זאָגן:

„דער עיקר, מען זאָל נאָר בשלום אַריבערקומען! שלאָפן? — מאַ, שלאָפן; — וועט מען דערווייל אין וואָגאָן־לי".

דער האָטעל „ספּלענדיט" האָט אַ סך פאַרלוירן פון זיין אויסזען און גלאַנץ, פון דער צייט ווען דער מאַן פון דער מאַ־דאַם ווידאַל האָט נאָך געלעבט און אָנגעפירט מיטן האָטעל.

דעמאָלט, האָט דריי מאָל אין טאָג געקלונגען דער גלאָק פאַר די מאָלצייטן.

עס האָבן זיך אַרומגעדרייט צווישן די קאָרידאָרן און עס־זאַלן, ווייס־בלאָנקנדיקע דערלאַנגערינס, מיט שמייכל און מיט טאַצן און פּרוכט־קוישעלעך אין די ווייס־הענטשקעדיקע הענט.

אויף די טישלעך האָבן זיך דעמאָלט געפונען, וואַזאַנען און בלו־מען־טעפּ, אַרום דיסקרעטע אַבאַזשורן מיט געדעמפּטע ריחות, וואָס זיינען געקומען פון דרויסן.

די היינטיקע שוין באַלד פאַרעלטערטע, קרוב דרייסיק־יאָ־ריקע טאָכטער פון דער מאַדאַם ווידאַל, זשיזעל, וועלכע האָט גע־ירשנט פון דער מוטער די גוטסקייט, די פּשוטקייט און אפילו אויך די אָפּגעלאָזנקייט אירע; האָט זיך דעמאָלט צווישן אירע שול־אויפגאַבן, געדרייט אַרום דער פּיאַנאָ, ווי צום „באָן־טאָן", צו דעם גאַנצן עלעגאַנטן האָטעל־רומל פון אַרום.

דעמאָלט, וואָלטן אַזעלכע מהיכא־תיתאדיקע מרדכי מענדלס און פאַרוואָרלאָזטע, אויסגעהונגערטע שרייבער און אַרטיסטן, וועל־כע האָבן זיך איצט פראַנק און פריי אונטערן רעזשים פון דער מאַדאַם ווידאַל, אַרומגעדרייט אין דער ווילע — מן־הסתם אויס־געזען, ווי די שעפּסן און ציגן, וועלכע האָבן צוועקלאָז שפּאַצירט און געמעלה־גרהט אַרום די ווילע־פעלדלעך — אונטערן רעזשים פון דעמאָלטיקן באַלעבאָס, הער ווידאַל...

עס האָבן אויך איצט געוווינט דאָרט אין דער באַהעלטעניש, עטלעכע גאַנץ רייכע ייִדן פון פראַנקרייך, בעלגיע און האָלאַנד. אויף די הענט, אויף די פינגער און אויף די העלדזער פון זייערע באַיאָרטע ווייבער, האָט נאָך געשימערט גאָלד, ברילייאַנטן און איידלשטיינער... זיי האָבן זיך ווייניק געמישט מיט די אַנדערע. אָבער די וואָס האָבן זיך צוממערסטן אָנגעזען. זיינען געווען פּשוטע פאָלקס־מענטשן: אַרבעטער, האַנטווערקער, בעל־מלאכות, הענדלער און אַנדערע נישט רייכע ייִדן.

אין איינעם פון די האָטעל־צימערן, האָט דאָ גענייט און געשטעפּט אויף אַן אַלטער זינגער־מאַשין, וועלכע איז מיטגע־שלעפּט געוואָרן אויף דער באַהעלטעניש, די יונגע פרוי נאַנטשע: אַ פרוי פון אַ דעפּאָרטירטן מאַן, וועמען מען האָט מיט אַ „גרינעם צעטל", אָוועקגעפירט אינעם לאַגער פון פּיטיוויע.

דאָס רעגלמעסיקע געקלאַנג פון די אַמאַליקע רופן צו די מאָלצייטן, האָט איצט פאַרטרעטן, דאָס אומהיימלעכע רעוועץ און גרילצן פון דער הייזעריקלעכער ניי־מאַשין... גאַנטשע, האָט זיך קוים, קוים דערנערט — ביים פאַרריכטן מלבושים, וואָס זי האָט אָנגענומען ביי די דאָרף־איינוווינער — פאַר זיך און פאַר איר קליין טעכטערל.

עס האָבן געוואַשן, געשייערט און גערוימט אינעם האָטעל ספּלענדיט נאָך אַנדערע ייִדישע פרויען; אַלץ אַזעלכע, וואָס מען האָט שוין ביי זיי לאַנג געהאַט צוגענומען די מענער. איז פאַר־שטייט זיך, אַז זיי האָבן נישט געהאַט אויף זייער אויסהאַלט. און עס האָט געשפּאַלטן מיט אַ שאַרפער האַק,ביימער, קלעצער און געטראָגן אין קיך אַריין האָלץ און קוילן, טאַקע מרדכי־מענדל אַליין; ער האָט זיך דאָ פאַרדינט אויף זיין „ביסל עסן", דורך דעם און דורך אַנדערע באַשעפטיקונגען, וואָס די מאַדאַם ווידאַל האָט פאַר אים אויסגעזוכט.

זיי אַלע — צוזאַמען מיט דער באַלעבאָסטע און איר איבער־געוואַקסענער טאָכטער זשיזעל, וואָס בײדע זיינען זיי שטענדיק אַרומגעגאַנגען מיט לאַנגע פאַרטעכער און פאַרשאַרצטע אַרבל — האָבן אויסגעזען ווי איין גרויסע משפּחה, וועלכע זיינען געקומען זיך דאָ באַהאַלטן פאַרן לויערנדיקן פיינט, צווישן די פעלדער און וועלדער, בערג און טאָלן, פון דעם לופטיקן, ריינעם און שיינעם סאַוואָ.

די ברוינע היץ וואָס האָט געגליט די טראָטואַרן און געברענט די מענטשלעכע טריט פון דער הויפּט־שטאָט, איז געפלאָסן און זיך אַדורכגעריסן דורך די טויערן פון דער אַזוי גערופענער, פריי־ער זאָנע.

אַנשטאָט דער איטאַליענישער אָקופּאַציע־מאַכט, האָט זיך איצט געקרייצט און „געהאַקנקרייצט", אויף די וועגן און שטעגן

אָרום שאַמבערי, די גראַבע שטיוול פון די היטלער־סאָלדאַטן, מיט זייער גאַנצן רציחהדיקן קלאַפּערגעצייג.

ביסלעכווייז איז אויסגעוועפּט געוואָרן דאָס לאַקנדיקע טאָפּלט־וואָרט: „פרייע זאָנע". אַן אומרו און אַ נערוועזיטעט האָט זיך צוריק באַזעצט אין די הערצער און מוחות, ביי די אַלע אַריבער־געלאָפענע ייִדן.

די שיינע אַלפּן־בערג פון איבער טוויזנט מעטער די הויך, וועלכע האָבן אַרומגעקרייזט דעם שלווהדיקע לאָק פון סאַלין, זיי־נען איצט געוואָרן אַ נייער מקום־מקלט פאַר דער גרעסטער טייל ייִנגערע מענער, וועלכע האָבן זיך אַרויפגעלאָזן אַרבעטן אויף די גרינגע וואַלדיקע באַרג־שפּיצן. זיי האָבן זיך באַשעפטיקט ביים האַקן, זעגן און סאָרטירן די אָפּגעשניטענעביימער, כדי אַזוי אַרום זיך פריש צו באַהאַלטן פאַר די ווילדע שפּיזלדיקע אויגן, פון די אַנגעלאָפענע עס־עס־לייט און געשטאַפּאָ־אַגענטן.

און כאָטש אין דעם באַחנטן דאָרף־שטעטעלע האָט מען זייערע צעיושעטע פּנימער נאָכנישט אַנגעזען, האָט מען דאָך שוין געפילט אין דער ריינער באַרג־לופט, אַ געמיש, פון זייער זויערלעך־עפּושדיקן שווייס און אַ ריח ווי פון פאַרסמטע ברונעמער. אַלעמען האָט אויך אַרומגענומען ווי מיט אַן עלעקטרישן שטראָם, די געפאַר, פון זייער נאָענטער אַנוועזנהייט.

אויפן באַרג — ביי דער זייט פון דעם זשורנאַליסט, דעם קרעפּטיקן און פאַרהאַרטעוועטן יצחק שווימער — וועלכער האָט שוין געאַרבעט אין די קוילן־גרובן אין דייטשלאַנד, געזעסן אין אַ פּאַלעסטינער תפיסה, געאַרבעט ביי פאַרשידענע שווארצער אַר־בעט אין פראַנקרייך; און דעריבער געוווינט געווען צו אַלע שווע־ריקייטן — האָט זיך צווישן אַ ים אָפּגעשניטענע און צעזעגטע ביימער און קלעצער, אויך געפונען ביי דער אַרבעט, דער דאַר־לעכער און נישט זייער העלדישער חיים קאַמינסקי.

## ק. בענעק

די פרויען פון די צוויי מענער, האָבן כמעט יעדן טאָג זיך געדראַפּעט, אויף די צעשלענגלטע און צעוואָרצלטע סטעזשקעס פון די בערג, מיט קוישלעך עסנוואַרג אין די הענט, ווו אונטער די וואַרעמע טעפּלעך איז אָפּט געלעגן אויפּרופן אָדער אומלעגאַלע צייטונגלעך, פאַר די פראַנצויזישע „בישראַנס" (באַרג־אַרבעטער). צו צעטיילן.

פון צייט צו צייט, זיינען די ניי־צוגעקומענע ייִדישע „ביש־ראַנס", אַראָפּגענידערט פון די בערג, ווו זיי זיינען אין די אומ־רואיקערע טעג, כמעט אונטערן פרייען הימל, אויך געבליבן נעכ־טיקן — כדי זיך צו באַטייליקן אין אַן אומלעגאַלער פאַרזאַמלונג, וועלכע די ייִדישע רעזיסטאַנס פון ליאָן, צי פון גרענאָבל האָט דאָ איינגעאָרדנט, פאַר דער היפּשער צאָל ייִדישע באַהאַלטענע.

זיי — די איצטיקע צוויי באַרג־חברים, יצחק שווימער און חיים קאַמינסקי, צוזאַמען מיט אַן ערך אַ צענדליק מענער און פרויען פון דער נידער — האָבן זיך צוגעזעצט אין אַ האַלב־קרייז, לעבן אַ מאַכיקע כמעט קלעפּיקע אַזשערע, אַרום וועלכע עס האָט זיך געפּונען געדיכט־צעבלעטערטע ביימלעך און ווילדע צעפּלאָנטערטע קוסטן.

דאָס איז געווען אַ וועלדל לעבן אַ פעלד, ווו אַ לעבעדיקער מענטש האָט נאָך אוודאי קיינמאָל נישט באַטראָטן, די דאַזיקע גרין־פּוכיקע סאַמעטענע ערד.

די זון איבער זייערע קעפּ, וואָס איז געשטאַנען ווי צוגע־קלעפּט, הויך און ריין, האָט זעלטן אַדורכגעלאָזן אירע שטראַלן, אין דעם שטאַרק פאַרטונקלטן וועלדל.

עס האָט זיך געהערט דאָס הייזעריקלעכע ווייכע קוואַקן פון די זשאַבעס און אַ דין־גלעקלדיקער אָפּקלאַנג פון די גרילן וואָס האָבן געגרילצט אפילו בייטאָג.

דאָס פּישטשנדיקע געטריל פון די פייגל האָבן באַשיצט די קלאַפּנדיקע הערצער און זיך אויסגעמישט מיטן אָטעם־געפּלוס

פון די מענטשן, וועלכע האָבן אינעם גרעסטן שטילשווייגן, אויס־געהערט די רייד פון דעם ספּעציל־אַראָפּגעקומענעם חבר פון גרענאָבל, וועלכער האָט זיך גערופן: „מעסיע אַדאָמאַר".

מיט אַ קוים הערבאַרער שטים וואָס איז אויך געווען צוגע־פּאַסט צו דער שטימונג און נאַטור־שיינקייט פון אַרום, האָט ער זיך געווענדט צו די פאַרזאַמלטע:

„ — פון איצט אָן — האָט ער אָנגעהויבן זייער שטיל — זייט דער שונא, דער מערדער פון אונדזערע שוין פאַר־צוקטע שוועסטער און ברידער, קינדער און זקנים, האָט זיך שוין אויך דערנענטערט צו אונדזער טיר — טאָר מען מער נישט זיצן מיט קיין פאַרלייגטע הענט; עס איז דאָ אַ וועלט מיט אַרבעט! — האָט ער באַוועגט מיטן קאָפּ אין אַלע זייטן — יעדער פון אונדז, אפילו אין זיין באַהעלטעניש — קאָן, דאַרף און מוז עפּעס טאָן קעגן די פענצטערע פּלענער פון דעם בלוטיקן פיינט: עס זיינען דאָ פרויען און קינדער צו העלפן! — האָט ער עטוואָס פאַרהעכערט די שטים און ווייך געקוקט אויף דער אויסגעבלייכטער שניידערין, נאַנטשע, וועל־כע האָט געהאַלטן איר קינד אויף דער שויס.

— עס געפינען זיך דאָ אין דעם דאָרף אַ טייל ייִדן, וועלכע עס לעבט זיך זיי נאָך אפשר נישט שלעכט, אָבער זיי גיבן זיך נישט אָפּ קיין חשבון, וואָס דער מאָרגן קאָן זיי ברענגען! — דאַרף מען זיי אויפקלערן וועגן דעם!

עס איז דאָ צווישן אייך אפשר אויך אַזעלכע — האָט ער צוריק אַראָפּגענידערט די שטים — דרייסטערע, מוטי־קערע, וואָס וואָלטן געקאָנט צוהעלפן מער ממשותדיק, דאָס הייסט: אַריינטרעטן אין די רייען פון די ייִדישע ווידער־

שטענדלער, וועלכע קעמפן שוין דירעקט קעגן אונדזערע רציחהשע אומברענגער.

לאָזט זיך נישט פירן ווי שאָף צו דער שחיטה!" — האָט ער פאַרענדיקט.

ווען דער רעדנער האָט פאַרענדיקט זיינע פּאָר ווערטער, האָט עמעצער צעשאַרט די שפּיל־קאַרטן און די דאָמינאָס, וועלכע זיינען געווען אויסגעלייגט אַלס באַשיצונג. העגט האָבן זיך אויס־געשטרעקט צו אַ ברייטן לאָקירטן דאַמען־בייטל, וואָס עס האָט צעעפנט די פאַלש־נאָמענדיקע „מאַדאַם דאָריטאַ", וועלכע איז מיטגעקומען אַלס געהילף און „דעקונג", מיטן „מעסיע אַדאַמאַר".

זי איז געווען זייער עלעגאַנט אָנגעטאָן, די דאָריטאַ: קאָ־קעטיש פאַרקעמט און מיט אַ לאַנגן טונקעלן לאָק, וואָס האָט זיך ביים סוף געוויקלט, ווי אַ קנייפעלכל פון שפּין־וועב, צווישן ביידע אויגן.

מיט איר רעכטער האַנט, וועלכע איז געווען אַרומגערעמט מיט אַ ברייטן זילבערנעם בראַסלעט, האָט זי פונעם בייטל אַרויס־געצויגן, איינס נאָכן אַנדערן, בלאַס־העקטאָגראַפירטע, אויף גרוי־שאַרסקן פּאַפּיר, צייטונגלעך און אויפרופן אין דער יידישער און פראַנצויזישער שפּראַך און דאָס צעטיילט. אָן אַ וואָרט רעדנ־דיק, צו אַלעמען.

יעדער איינער האָט דאָס פאַרשטעקט אין די פאַרבאָרגנסטע ערטער פון זייערע מלבושים און זיך פאַרצייכנט אין געדאַנק, דאָס אָרט און די צייט, פון דעם קינפטיקן צוזאַמענטרעף.

די צייט איז טאַקע נישט געשטאַנען אויף איין אָרט:

ווי אין פאַריז, האָט מען שוין אויך געהערט דאָ און דאָרט

פון דער געגנט, וועגן אַבלאַוועס, אַרעסטן און איבערפאַלן פון די נאַצישע האָרדעס, קעגן די ייִדן וועלכע האָבן געוווינט אין די צעזייעטע שטעטלעך און דערפער, אויף זייערע געצוווּנגענע וווין־ערטער. די אומהיימלעכע קלאַנגען, וועגן אַ מעגלעכן און נאָענטן איבערפאַל אויף די ייִדן פון סאַלין־לע־לאַק, האָט נאָך מער צע־שרויפט די אומרויִקע נערוון און די ביטערע געמיטער פון די איינוווינער פונעם האָטעל „ספּלענדיט".

צוזאַמען מיט דער כמאַרע וואָס האָט געהאָנגען איבער אַלע־מענס קעפּ, וועלכע קאָן פאַרפּלייצן די ייִדן פון דעם קליינעם אומשולדיקן, סאַלין — זיינען אויך פאַרכמאַרעט געוואָרן די היימ־לעכע בליקן פון דער מאַדאַם ווידאַל, און אויך פון איר איינציקער טאָכטער די מאַדמואַזעל, זשיזעל, וועלכע האָבן צוזאַמען געזוכט אַן אויסוועג, כדי צו באַשיצן און ראַטעווען די פאַרצווייפלטע ייִדן.

זיי, די מאַמע און די טאָכטער, זיינען גאַנצע טעג אַרומגע־קראָכן אויף די נידעריקע בערגלעך און פלאַכע טאָלן, צו די ליי־מיקע הייזקעס און פאַרקראָטעוועטע ווילעלעך, ווו עס האָבן גע־וווינט די אָרעמע פּויערים און רייכע פערמער, בכדי איינצוקוואַר־טירן כאָטש אַ טייל פון זייערע באַדראָטע איינוווינער.

דער „ספּלענדי"ט", איז געוואָרן שיטערער, כמעט ליידיק. צו־זאַמען מיט אים, האָט זיך אויך אויסגעליידיקט דער גאַראַזש, ווו עס האָבן געוווינט, חיים, רחל און דער קליינער שימענקע.

# קאפיטל ניין

## ביי די ברעגן פון בלויען ים

ווידער איז אַ שנעל־צוג געלאָפן מיט אימפעט.

ער האָט געפרייכט, געבלאָזן, געפייפט און זיך געיאָגט אויף די באַגילדעטע און באַזילבערטע וועגן, צו די ברעגן פון מיטל־לענדישן ים.

די באַן איז געלאָפן מיט אַזאַ עקשנות, ווי אויך זי וואָלט וועלן וואָס פריער אַנטלויפן און פאַרלאָזן די פון די דייטשן ברייט־פאַרנומענע שטחים און זיך באַזעצן ביים בלויען ברעג, ווו די אי־טאַליענער האָבן פלעגמאַטיש געפירט זייער ממשלה.

אין איינעם פון די וואַגאָנען האָט זיך געפונען די אַנט־רונענע גרופע פון סאַלין־לע־לאַק, וועלכע האָט דאָרט געוווינט אין האָטעל „ספלענדיט".

די גרופע איז באַשטאַנען: פון יצחק שווימער, זיין פרוי קיילע און זייער דריי־יאָריק יינגעלע. חיים, רחל, און איר ניין־יאָריקער זון, שימענקע. עס איז אויך מיטגעפאָרן די עלטערע שוועסטער פון חיימען, די קראַנקע און כמעט אומבאַהאָלפענע חנהלע.

יעדער פון די דערוואַקסענע מענטשן האָט געהאַט מיט זיך אַ וואַליזל אָדער אַ קוישל מיט עסנוואַרג און אַ פאַלשע פראַנ־צויזישע אידענטיטעט־קאַרטע. אַ חוץ חנהלע, וואָס האָט אַזאַ קאַר־טע נישט געקאָנט האָבן, ווייל זי האָט כמעט גאָרנישט געקענט פון דער פראַנצויזישער שפּראַך. אַנשטאָט אָבער אַ פאַלשע קאַרטע,

האָט חנהלע מיטגעפירט אַ גרויסן בינט צעפלאָנטערטע נערוון און אַ קראַנק־געוואָרן האַרץ, וואָס איז געבליבן ביי איר, נאָך דעם ווי מען האָט איר מאַן אַוועקגעשיקט פונעם לאַגער פון פּיטיוויע.

די גרופּע האָט באַשטימט זיך צו באַזעצן אין דער באַרימטער פראַנצויזישער שטאָט ניס, וועלכע איז נאָך געווען פאַרנומען פון די איטאַליענער, ווו זיי האָבן געפירט דאָרט אַ גאַנץ מילדע פּאָליטיק לגבי די פראַנצויזן און לגמרי אָן רעפּרעסיעס קעגן ייִדן.

אין דער אַלטער דרום־שטאָט דיניע, האָבן זיי איבערגענעכטיקט אין אַ לעצטראַנגיקן ביליקן האָטעל, בכדי פאַרטאָג צו נעמען דעם עלעקטרישן עקספּרעס, וואָס פאָרט דירעקט קיין ניס.

דאָס געלע פלעמל פון סופיט, וואָס איז געפאַלן אויף די געשיילטע ווענט פון דעם צעהויקערטן האָטעל־צימער, האָט נאָך מער פאַרגעלט און פאַרגרינט די פּנימער פון די מענטשן, וועלכע זיינען נישט געשלאָפן. זיי האָבן אָפּגעוואַרט דעם פרימאָרגן, יאָגנדיק די פליי און קלויבנדיק די וואַנצן פון די קינדערס פּנימלעך און הענטלעך, וועלכע האָבן זיך געקראַצט און געוויינט כמעט די גאַנצע נאַכט.

באַגינען, ווען די זון האָט אַ שוואַכע און נאָך אַ בלאַסע, זיך געמאַכט אַ וועג און צעשאַרט די ווייסע, לויזע וואָלקנדלעך, איז דער איינציקער רויטער „מישלין"־וואַגאָן, געפלויגן מיט אַ שנעלקייט, וואָס האָט נאָך איבערגעשטיגן זיין גרויסן פאָרגייער, דעם נעכטיקן שנעל־צוג.

אָבער נאָך איידער ביי די ייִדן פון האָטעל „ספּלענדיט" האָט זיך אָפּגעזעצט אַ באַרואיקונג אויף דער נישט ווייטער שטרעקע, פון דיניע ביז ניס, איז אַ געמורמל ווי דורך זשומענדיקע בינען, אָודרכגעפלאָסן אויף די ענג־באַזעצטע געזעסן פון דעם גיךלויפנדיקן וואַגאָן:

„די איטאַליענער האָבן ק אַ פּ י ט ו ל י ר ט!"...

דער רוטער „מישלין" איז אָבער ווייטער געלאָפן ווי אַ טייוול; ווי נישט אים מיינט מען. און ווען די קראַנקע חנהלע האָט זיך גע־בראָכן די פינגער פון דער ידיעה, וואָס זי האָט נאָר וואָס געהערט, האָט מען דורך די זוניקע וואַגאָן־פענצטער שוין געזען נאָכלויפן — פייל און בויגן — טאַנקן און לאַסט־וועגענער, פול אָנגע־פראָפטע מיט דייטשן, אויפן גלאַט־אַספאַלטירטן שאָסיי, וועלכער פירט צו דער העל־צעפלאַמטער שטאָט ניס — צו אַט דער ניס, צו וועלכער די ייִדן זיינען איצט געלאָפן, זיך פון די דייטשן צו ראַטעווען...

די גרויסע באַרימטע דרום־שטאָט, וואָס האָט געפלאַמט, גע־גליט און געקילט ביז איצט מיט זון, לופט און וואַסער, האָט מיט־איינמאָל געקריגן דעם אויסזען פון אַ שטאָט מיט אַראָפּגעלאָזענע פאָרהאַנגען...

שוין זיינען זיי געלאָפן, די דייטשן, געפאָרן און געריטן אין די פאַרטרויערטע גאַסן, ווו זייערע ברוין געשפּרענקלטע רעק־לעך און כאַלאַטן זיינען געפלויגן אויפן ווינט, ווי די שוואַרצע פליגל פון אַ פלוצים אָנגעלאָפענע בייזע קראָען־סטאַדע.

אַ ספּעציעל־איינגעשטודירטע בריגאַדע פון „פּסיכאָלאָגן" און „אַנאַטאָמיקער", איז דאַקעגן געפאָרן רויִק, באַזאַכט און מיט אַ דייטשער פּינקטלעכקייט, אויף מאָטאָציקלען און אויף לייכטע קליי־נע אויטאָמאָבילן, פון וואַנען זיי האָבן געניט און האַלב־דיסקרעט געשפּיזט יעדן דורכגייער אין די אויגן אַריין. זיי האָבן געזוכט און אָפּט געפונען, די צעשראָקענע אויגן פון דער פאַרהאַסטער „ייִדישער ראַסע", וועלכע אַ באַגלייטנדיקע בריגאַדע האָט גלייך אַריינגע־פירט אין די סינאַגאָגעס, אין קינדער־שולן און אין אַנדערע קאָנ־צענטראַציע־פּלעצער.

די אָנפירער פון ייִדישן רעטונג־קאָמיטעט, וואָס זיינען באַ־שטאַנען פון כמעט אַלע ריכטונגען וואָס האָבן זיך דעמאָלט גע־פונען אין ניס, זיינען געזעסן אין זייערע ביוראָס און ווייטער גע־

טאָן מיט פלייס און איבערגעגעבנקייט זייער הילף־אַרבעט. פאַר די כסדרדיקע אָנגעלאָפענע ייִדן.

אין די ערשטע מינוטן, איז צו זיי נאָכגעשט דערגאַנגען דער „בליץ־קריג" קעגן די גיסער ייִדן, וואָס עס האָבן אָנגעהויבן באַצייטנס צו פירן די דייטשע „אַנאַטאָמיקער" און „פּסיכאָלאָגן" אויף די גאַסן אין דער שטאָט; האָבן זיי ווייטער — די קאָמיטעט־מיטגלידער — געטיילט, פאַר די הימלאָז־אומפאַרמעגלעכע, באַנען אין די רעסטאָראַנען, קוויטלעך צום שלאָפן אין די שענסטע האָטעלן און די גאָר פאַראָרעמטע, אויך אַ געלט־שטיצע.

זיי זיינען געווען מיט האַרץ און נשמה, מיט לייב און לעבן אַזוי אַריינגעטאָן אין זייער הייליקער אַרבעט, אַז אפילו שפּעטער, ווען זיי האָבן שוין אַלץ געזען און געוווּסט, האָבן זיי ווייטער געטיילט זייערע קוויטלעך און באָנען. זיי האָבן נישט געאָנט, אַז די דייטשן וועלן אויך באַפאַלן די שיינע און רייכע רעסטאָראַנען און האָטעלן.

דערווייל האָט חיים באַקומען אַ קוויטל צום שלאָפן אין איינעם פון די גאָר עלעגאַנטסטע האָטעלן פון גיס. ער האָט געקריגן אַן אַפּאַרטעמענט וואָס איז באַשטאַנען פון דריי צימערן: איינס פאַרן פאַרפאַלק, אַ צווייטס פאַר חיימס שוועסטער חנהלע, און אַ קינדער־צימער פאַרן קליינעם שימעלע. אַ חוץ דעם, האָט זיך נאָך אויך דאָרט געפונען, אַ שפּריץ און אַ וואַנע־צימער זיך צו באָדן...

דאָס ייִנגל, ווי די דערוואַקסענע, האָט אוודאי דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן געהאַט פאַר זיך אַזאַ ליכטיק און עלעגאַנט צימער...

דער קליינער שימענקע, האָט געגלעט די גלאַנציק־מעשענע פאַרענטשן איבער די ווייסע מאַרמאָר־טרעפּ, ער האָט געטאַפּט מיט חידוש, די ווייכע טעפּיכער פון אונטער זיינע פיס. ער האָט בייטאָג אָנגעצונדן דעם זשיראַנדאָל און ער האָט אָנגעגאָסן אַ פולן „עוויע" מיט הייס וואַסער, אין וועלכן ער האָט אַריינגעשטעקט

זיינע הענט, וואָס זיינען נאָך געווען ברודיק פון אויסמאַטערנדיקן וועג.

צומאָרגנס, האָט שימענקע זיך שוין געשאַפן אַ חבר, וועלכער האָט אים געבאָרגט אַ קינדערישן ביציקלעט. מיט דעם ביציקלעטל האָט ער גלייך געמאַכט אַ „טור" אויף די גאַסן פון ניס, מיט וועלכע ער האָט זיך שנעל פאַרהיימישט. גאָר באַזונדער איז ער מיט די צוויי רעדלעך געפלויגן אַ הין און צוריק, אויף דער רח־בותדיק־ברייטער „פּראָמענאַד־דע־אַנגלע". דאָרט האָט ער ביי אַ פּאַלמע אָוועקגעשטעלט דאָס ראָווערל און ער איז גלייך, אַן צערעמאָניעס, מיט די קורצע הייזלעך, אַריינגעשפּרונגען אין ים אַריין...

אין דעם הולך, האָט ער זיך אויסגעמישט מיט אַנדערע קינ־דער און מיט זיך באָדנדיקע פרויען און מענער, וועלכע האָבן נאָך אוודאי דעם טעם פון מלחמה נישט געפילט. א סימן: אַז פאַר־הוילענע אלטאנעס, זון־שירעמעס און ראָסן־היגטלעך, האָבן אויף זיי אינדרויסן געוואַרט... שימעלע האָט געמאַכט אַ „נוריק", זיך גוט אויסגעבאָדן און ער איז נאָך בעסער פון זיי אַלעמען געשווומען.

נאָך דעם איז ער אַנגעלאָפן אין האָטעל אַריין נאָך אַ טריפנ־דיקער און אַ נאַסער. ער האָט דערציילט מיט שרעק, ווי ער האָט געזען אַריינפירן אין וואַקזאַל אַריין אַ סך יִידן, וועלכע זיינען געווען אַרומגערינגלט פון דייטשן מיט ביקסן אויף די אָרעמס.

די יִנגלעך און מיידלעך פון רעטונג־קאָמיטעט, וועלכע האָבן אַנגעהערט צו כל המינים פאַרטייען און צו פאַרשידענע יִדישע סטודענטן און סקויטן־אָרגאַניזאַציעס, האָבן פאַרן פרייז פון זייער אייגן לעבן, פונדעסטוועגן, ווייטער געפירט זייער מסירת־נפש־דיקע אַרבעט.

דאָ און דאָרט, האָט מען שוין געהערט וועגן די ערשטע האָ־טעל־איבערפאַלן. דאָ און דאָרט — אַן אַרעסט פון אַ יונגן העראָישן קאָמיטעט־מיטגליד,ביים אויספירן זיינס אַ מיסיע. מען האָט זיי

געשלאָגן און געפּייניקט אַז זיי זאָלן „אויסגעבן", אָבער זיי זיינען געבליבן האַרט ווי שטאָל און אייזן...

זיי האָבן פאַרלאָזן זייערע באַקוועמע ביוראָס און אַריבער־געפירט די אַרבעט אויף די ראָגן פון די גאַסן, אין די גערטענער, אין די פּאָסט־־אַמטן און אפילו אין די גרויסע מאַגאַזינען. צום סוף איז געקומען פון זיי אַ פאַראָרדענונג צו די ייִדן, אַז זיי זאָלן אַלע גיך, ווי צום שנעלסטן פאַרלאָזן די האָטעלן.

די העלע טעג פון דער שטאָט ניס האָבן זיך אויף פאַרן קליינעם שימעלע פאַרטונקלט.

טראָץ דעם וואָס ער האָט געהאַט געטראָגן די „געלע לאַטע" און דעריבער געוווסט און געפילט די ייִדישע צרות, נאָך פון פאַרן פאַרלאָזן פאַריז — איז אים פונדעסטוועגן אַ שאָד געווען דער שיינער האָטעל און דער בלויער ים, אין וועלכן מען וואָלט זיך אַלע טאָג געקאָנט באָדן... אָנשטאָט דעם, האָט ער איצט צו־זאַמען מיט די גרויסע, אַרומגעבלאָנקעט אין דער אַלט־שטאָט, ביים זיך שאַפן אַ געלעגער ווו איבערצונעכטיקן.

די קליינע פאַמיליע־גרופּע האָט זיך צעטיילט אין צווייען; רחל מיט איר זון אין איין זייט שטאָט און חיים מיט דער קראַנ־קער שוועסטער אין דער צווייטער זייט שטאָט. זיי זיינען אַרומגע־קראָכן אין די געסלעך ווי אָרעמע לייט ביי די בעטל־טירן וואָס מיידן זיך אויס איינער דעם אַנדערן צוזאַמענצוטרעפן.

די אַלטע שמאָלע געסלעך ווו זיי האָבן איצט געפּלאָנטערט, זיינען אָפּט געווען באַלייגט מיט מיסט און אומריינקייט. עס האָט זיך געפילט אַן עפּוש פון די ס׳רוב אָפענע טירלעך. דער עפּוש און געשטאַנק, איז טאָקע געווען געפּאַסט צו זייער איצטיק גע־מיט... זיי האָבן באַקוקט די הייזער ווו אויף די פענצטערלעך האָט געהאַנגען אָרעמע שטיקלעך וועש. די שענערע אָדער פרישערע הייזער האָבן זיי אויסגעמיטן...

ענדלעך האָט חיים מיט דער שוועסטער זיך אָפּגעשטעלט ביי

אַ הייזל וואָס האָט זיי „געפעלן”. עס איז געווען אָפּגעריסן, קרישל־דיק און מיט אַן אויפגעפּראַלט טירל. זיי זיינען אריין אינעם הייפל, ווו אויף דער שוועל פון אַ פּאַרטער־שטיבל האָבן זיי זיך אָנגע־טראָפן אויף אַן עלטערן מאַן מיט אַ שפּאַר געבויגענער פּלייצע און גרויע צעשויבערטע וואָנצעס.

איבערגעפּולט מיט פּיין און ליידן, האָבן זיי זיך אין דעם מאָמענט אפילו אויפגעהערט צו שרעקן און זיי האָבן זיך גאָרנישט זשעניִרט.

חיים האָט דעם אַלטן העפלעך באַגריסט און צו אים זיך געווענדט:

— מיר זיינען ייִדן וואָס שטאַמען פון פּוילן! די דייטשן יאָגן זיך נאָך אונדז און ווילן אונדז אומברענגען! מיר זיינען אויף דער גאַס! אפשר קאָנט איר אונדז שענקען אַ ווינקל אויף איבערצונעכטיקן? איר זייט דאָך אַ פּראַנצויז!

— פּראַנצויז? — האָט דער אַלטער געענטפערט און גע־פרעגט איראָניש און אָנגעהויבן רעדן מיט זיין זינגענדיקן דרום־קול — איר זייט ביי זיי שמוציקע ייִדן? און וואָס זיינען מיר ביי זיי? אויך נישט אַנדערש ווי „שמוציקע פּראַנצאָזע” — האָט ער דאָס אַרויסגעזאָגט אויף דייטש — אָ, איך קען זיי גוט די באָשן, געווען אַ קריגס־געפאַנגענער אין ניינצן־פערצן, האָב איך נאָך דעמאָלט געהערט די ווערטער און נאָך דעמאָלט פאַרזוכט זייער טעם! איי איי, האָט זיך ביים אַלטן אַזש דער גוידער גע־קורטשעט — אומשולדיקע מענטשן זאָלן זיך דאַרפן ווי שטשורעס באַהאַלטן, שיין, שיין דערלעבט!

ער האָט זיי אַריינגעפירט אין איינעם פון די צוויי פּאַרטונקל־טע שטובן ווו דאָס פענצטער האָט זיך געפונען אַנטקעגן אַ גע־מויערטע וואַנט. דאָרט איז געשטאַנען אַ הילצערנע שמאָלע אטאָ־מאַנע, אַ טישל אויף וועלכן עס איז געשטאַנען אַ נאָפט־לעמפל, אַ בענקל און אַלטע מלבושים וואָס האָבן געהאָנגען אויף נעגל,

אויף אַ וואַנט, ווו עס האָט אויך געהאָנגען אַ בלעכערנער פאַר־שטויבטער צלם.

נאָך דעם ווי דער אַלטער האָט זיי איבערגעגעבן אַז ער איז דער וועכטער פון דעם „הויז", האָט ער מיט באַדויער זיך אָנגעגע־רופן:

— ווי איר זעט מיינע פריינט, וועט איר קיין פּאַלאַצן ביי מיר נישט האָבן, אויך דאָס סאָפּקעלע ווי איר זעט, קאָן נישט סטייען פאַר צוויי. מילא, וועט איר — האָט ער זיך געוואָנדן צו חיימען — איר זייט דאָך אַ מאַנספּאַרשוין, וועט איר שלאָפן אויפן דיל, עס וועט זיך שוין געפונען עפּעס וואָס אונטערצולייגן — האָט ער געבליקט צו די נעגל מיט די אַלטע מלבושים וואָס האָבן געהאָנגען אויף דער וואַנט — אָבער דער עיקר — האָט ער ווידער געוואָרפן אַ בליק און דאָס מאָל אויפן פאַרשטויבטן צלם — זייט נאָר נישט פאַרצווייפלט, גאָט וועט העלפן, האָט בטחון, די גערעכ־טיקייט וועט זיגן!

ווידער אַמאָל ווי בעטלער וועלכע קומען זיך צונויף נאָכן צו־זאַמענזאַמלען זייערע נדבות — האָט זיך חיים צוזאַמענגעטראָפן צומאָרגנס אינדערפרי מיט זיין פרוי רחל. זיי האָבן זיך אָנגעגע־קוקט מיט שטומע אויגן פון וועלכע ביי רחלען האָט געפייכט אונטער די וויִעס, אָבער באַלד איז איר פּנים צוריק באַלעבטגע־וואָרן און זי האָט זיפצנדיק אַרויסגעזאָגט:

— אָבי מען זעט זיך ווידער צוריק!..

זי האָט אים דערציילט רחל, ווי שווער און ביטער עס איז איר אָנגעקומען די נאַכט איבערצוקומען. מען האָט זי מיט שימע־לען אין ערגעץ נישט געוואָלט אַריינגנעמען. אַ פאַרצווייפלטע זיי־נען זיי אַזוי לאַנג געגאַנגען, ביז זי האָט געפּרוווט דאָס מזל ער־געץ ביי אַ קליין קאַפעלע, אַ שמוציקע און פאַררויכערטע „ביסטראָ", פון וואַנען עס איז פון דער אָפענער טיר אַזש געפּלאָסן אַ פּאַרע.

דאָרט האָט מען רחמנות געהאַט אויף דעם קליינעם ייִנגל און גע־הייסן קומען נישט פריער ווי עלף ביי נאַכט, ווען די קליענטן צע־גייען זיך. מען האָט זיי אָבער אָנגעזאָגט, אַז זעקס אַזייגער אינ־דערפֿיר מוזן זיי פֿאַרלאָזן די קאַפע.

אַ „געלעגער" האָט מען זיי אָפּגעגעבן אין אַ קיכל, לעבן דעם פֿאַרקאָפּטשעטן קאַפע־זאַלעכל ווו זיי זײַנען געלעגן, מאַמע און זון, כמעט אויף דער הוילער ערד.

רחל האָט נאָכאַמאָל איבערגעלעבט די אַנגסט און טויט־שרעק, בעת זי האָט פֿאַר חיימען געשילדערט וועגן די שיכורע קולות און נבול־פּה וועלכע זײַנען דערגאַנגען צו איר אויף דעם האַרטן שטיינערדיקן געלעגער פֿון אַ כאַפּטע היטלערישע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן אויסגעלאַסן געהוליעט מיט זייערע נאַר וואָס „דער־ראָבערטע" גאַסן־„מעדכען", אַזש ביז אין גרויען טאָג אַריין.

דעם צווייטן אָוונט האָבן שוין אַלע פֿיר איבערגענעכטיקט, ערגעץ אויף אַן ערשטן שטאָק, אין אַ לאַנגער ברייטער שטוב איבער אַ גרויסן רייכלעכן רעסטאָראַן.

דער בעל־הבית פֿון דעם דאָזיקן רעסטאָראַן, וועלכער איז געווען אַ פּאַטריאָט און אַ קעגנער פֿון די דייטשן, האָט זיי דורך אַ הינטער־טיר פֿאַרזיכטיק אַרויפֿגעפֿירט אין דער גרויסער שטוב אַריין, ווו עס האָבן זיך שוין געפֿונען נאָך עטלעכע ייִדן.

דאָ, ביי די ייִדן, האָט זיך חיים דערוווּסט וועגן דעם גרויסן „שניט", וואָס עס איז ערשט די פֿאַרגאַנגענע נאַכט פֿאָרגעקומען; וויאַזוי מען האָט געשלעפּט פֿון האָטעלן און פֿון פּריוואַט־צימערן, צענדליקער און הונדערטער ייִדן, צווישן וועלכע עס האָט זיך גע־פֿונען דער פּאַריזער שרייבער מיט דער פּאַטריאַרכאַלישער באָרד און אַסקעטישן פּנים צוזאַמען מיט זײַן פֿריינטלעכער און גוטמו־טיקער פֿרוי. זיי האָבן אויך געוווּסט צו דערציילן — די ייִדן — אַז דעם באַקאַנטן ראָמאַנען־שרייבער פֿון פּוילן, עוזר וואַרשאַווסקי, דער מחבר פֿון באַרימטן ווערק „די שמוגלערס", איז געלונגען זיך „אַריינצושמוגלען" פֿון ניס קיין איטאַליע.

אָבער שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דעם גורל פון זיי־נע יידן, וועלכע ער האָט אַזוי מייסטערהאַפט געשילדערט אין זיין ראָמאַן — די יידן וועלכע עס איז זיי פּונדעסטוועגן ביים „שמוג־לען״ געראָטן געשען — האָט ער, עוזר וואַרשאַווסקי, נישט גע. האַט. ער איז אין רוים גיך געכאַפּט געוואָרן פון דער געשטאַפּאָ. זיי האָבן אים דעפּאָרטירט קיין אוישוויץ, פון וואַנען ער איז שוין קיינמאָל נישט צוריקגעקומען.

דאָס גרויסע צימער וואָס האָט געדינט פאַר אַ פּראָדוקטן־האַלע איז נישט געווען באַלויכטן, עס איז אָבער דאָרט געווען ריין און לופטיק. אַ הימלעכקייט האָט אַריינגעשיינט דורך די מיט בלוי־ פאַרקלעפּטע פענצטער, צו וועלכע מען האָט זיך נישט גע־טאָרט דערנענטערן. עס האָבן אויך אַריינגעשיינט גאַסן־לאָמפּן, אַלס צולאָג צו דער פולער לבנה.

זיי האָבן צוזאַמען באַהעלט און באַחנט די רויטע עפּל, די גרינע באַרנעס, די ווייַנטרויבן און די געלע מאַרעלן וועלכע האָבן זיך דאָ געפונען אין אָפענע קעסטלעך, פאַר די נאָך פאַרמעגלעכע קליענטן אוודאי.

דער פאַטראָן פונעם רעסטאָראַן — ווען ער האָט פאַרשלאָסן הינטער זיי די טיר און צוגעזאָגט צו קומען עפענען אויף צו־מאָרגנס אין דערפרי — האָט קיינעם נישט אָנגעזאָגט צי זיי זאָלן יאָ אָדער נישט נהנה זיין פון די רייפע לאַקנדיקע פרוכטן. אמת, ביי די אויסגעמאַטערטע און אויסגעשעפּטע באַהאַלטענע יידן, האָט געוואָסערט דער גומען און ס׳האָט גערייצט אין די נאָז־לעכער פון דעם „גאָטס־גאָב״, וואָס איז דאָ לרוב אַרומגעליגן. אָבער זיי האָבן צווישן זיך אָפּגעמאַכט, אַז אַ חוץ פון דעם לאַשטשנדיקן געזשום וואָס איז געקומען פונעם דערנעבנדיקן ים און פון דעם מחיהדיקן ווינטל וואָס איז אַריין דורך אַ האַלב־אָפן פענצטער — זאָלן זיי מער פון גאָרנישט געניסן; אַזוי, אַז קיינער האָט זיך צו דעם אַלעם נישט צוגערירט.

אפילו דער קליינער שימענקע, װעלכער װאָלט אוודאי און אוודאי גערן געגעסן אַזאַ רויטן עפּל אָדער באַרנע, האָט פאַר־שטאַנען, אַז אַליין טאָר מען יענעמס נישט נעמען; און ער האָט זיך באַגנוגנט מיט אַ נאַקעטן טיש, אויף װעלכן די מוטער האָט אים געלייגט שלאָפן און אים צוגעדעקט מיט אירס אַן אויבער־מלבוש.

װידער צומאַרגנס און אין די װייטערדיקע טעג, האָבן זיי גע־נעכטיקט אין דער אַלט־שטאָט — און װי אין דיניע — אין מיט אַ װאַנצן־באַשיט האָטעלכל.

אַ צװייט מאָל איז עס װידער געװען, ביי עפּעס אַ „גוטהאַר־ציקן" אַלטן, צעדרייטן בחור, ערגעץ אויף אַ הויכער „מאַנסאַרדע" (בוידעם־שטוב), װעלכער האָט אגב, געװאָלט פירן אַ „געהיימע ליבע", מיט איינער פון די צװיי פרויען...

פון צייט צו צייט, האָבן זיי אויך איבערגעדרימלט די נאַכט, ביי „צװיי שותפים", צװיי פּיפּיקע יונגעלייט, װעלכע האָבן זיך געמאַכט אַ מסחר פון פאַרדינגען אַלטע קאַמערן און בוידעמער און פאַר גוט געלט האָבן זיי אָנגעבאָטן די פאַרפאַלגטע ייִדן, זייערע נאַכט־ לעגער.

אַזוי האָבן זיי אַרומגעבלאָנקעט נע־ונד, װי געטאָגט נישט גענעכטיקט, אין פראַנקרייכס װעלט־באַרימטער שטאָט ביים בלויען ברעג — אין װעלכער זיי זיינען דאָס ערשטע מאָל געװען און פון װאַנען זיי האָבן שוין װאָס שנעלער געזוכט צו אַנטלויפן.

אויף דער גאַס מיטן נאָמען „סעגעראַנס" נישט װייט פונעם אַלטן פּאָרט, האָט זיך געפונען אַ פריזיר־סאַלאָן. דאָרט האָבן זיך געשוירן און געגאָלט דער אָרעמערער טייל פון דער געגנט. דאָ אַהער האָט חיים געקריגן דעם אַדרעס, װו „ער װעט זיך קאָנען שערן פאַר ביליק".

װען חיים האָט זיך באַזעצט אויף איינעם פון די װאַרט־שטולן, האָט ער באַמערקט, װי דער „קאָפער" און גאָר באַזונדער זיין פרוי, קוקן זיך דורכדרינגלעך אָבער שטאַרק דיסקרעט, איין אין אים.

אַ שרעקלעכער געדאַנק איז איִם אין מוח דעמאָלט אַריבער־געפלויגן.

ער האָט געזען דורכן שפּיגל, ווי זיין לעצטנס געגוג בלאָס פּנים, איז ביי איִם מיטאיינמאָל נאָך בלאַסער געוואָרן. עס איז איִם אַדורך אין דמיון די דייטשע „פּסיכאָלאָגן־בריגאַדע“, וואָס ער האָט אָפט געזען ביים יאָגן זיך צו אַנטדעקן די באַהאַלטענע ייִדן...

אין דער אמתן, איז דאָס פּריזיר־פּאַרפאַלק טאַקע אויך גע־ווען פּסיכאָלאָגן.

דאָס פּאַרפאַלק האָט באַמערקט ווי זייער קליענט דרייט זיך אומנויטיק אויף דער שער־שטול, שיער נישט אַראָפּצופאַלן און זיי האָבן טאַקע דערקענט אין איִם, אַז ער איז אַזאַ באַהאַלטענער ייִד.

נאָך דעם ווי חיים איז שוין געווען אָפּגעשוירן און דורך דעם געוואָרן נאָך מאָגערער, האָט זיך די העל־בלאָנדע, נאָך גאַנץ יונגע „קאָפּערקע“, ווייך באַוועגט, אַ הין און אַ הער, אויף די טוג־קעלע און העלע געפּאַלענע האָר. זי האָט זיך דערנענטערט צו איִם מיט אַ נאָך ליכטיקערן שמייכל ווי איר בליק, און מיט אַ מילדער שטים איִם זייער פאַרזיכטיק געפרעגט, צי ער איז אַ היגער.

חיים האָט מיט שרעק און אומצוטרוי געענטפערט, אַז ער איז נישט פון דאַנען; אַז ער איז געקומען פונעם דעפּאַרטעמענט סאָוואַ, ווייל ער האָט געהערט, אַז דאָ אין ניס, איז דאָס לעבן רויִקער ווי דאָרט.

ווען חיים האָט אויסגעציילט די מטבעות פאַרן אָפּשערן איִם, האָט איִם די פריזירערין דאָס געלט צוריקגעשטופּט. זי האָט איִם אָנגענומען וואַרעם ביים אָרעם און מיט אַ מוטערלעך קול, ווי צו אַן איבערגעשראָקן קינד, זיך צו איִם אָנגערופן:

— איר זייט נישט דער ערשטער, וואָס איר קוקט מיט אַזוי פיל שרעק און פאַרלעגנהייט! יאָ, איך פאַרשטיי אייך זייער גוט! — האָט זי געזוכט צו געווינען ביי איִם צוטרוי — איר ליידט דאָך

טאָקע מער ווי מיר אַלע! איר זייט דאָך די צוממיינסטן פאַר־פאַלגטע און געררודפטע!...

ווען חיים האָט דערהערט די־אַ ווערטער, האָבן זיך זיינע פאַרקרומטע ליפּן ביסלעכווייז אויסגעגלייכט. זיין מאַט פּנים האָט באַקומען אַ קאָליר. ער האָט זיך אָנגעהויבן פאַר איר „מודה" צו זיין, ווער ער איז טאַקע...

פון איר פּנים פון וועלכן חיים האָט אַרויסגעלייענט מוט, ענערגיע און ...מיטלייד, האָט ער געזען חיים, אַז ער קאָן איר אַלץ דערציילן.

ער האָט זיך רויִקער צוגעקוקט, ווי עס קומען און גייען כסדר „קליענטן". מען וואַרט אויף דער ריי, מען בלעטערט דערווייל צייטונגען, מען שושקעט זיך אויף די וואַרט־בענקלעך און מען רעדט צווישן זיך אויף גאַנץ שטילע שטימען.

חיים האָט איר אויסדערציילט, שוין מיטן גאַנצן צוטרוי, אַז ער איז נישט געקומען אַליין, אַז ער איז דאָ צוזאַמען מיט זיין פרוי און איר ניין־יאָריקן זון.

די פריזירערין — וועמענס ריכטיקער נאָמען חיים האָט קיינ־מאָל נישט געוווּסט — איז פאַרשוווּנדן. נאָך אייניקע מינוט ערגעץ זיך אויפהאַלטן האָט זי זיך אומגעקערט פון אַ הינטער־צימער. זי האָט דערווייל זיך איבערגערעדט מיט עפּעס אַ „קליענט" — מער מיט די הענט ווי מיטן מויל — און זיך ווידער דערנענטערט צו חיימען:

— הערט אויס, מיין פריינט — האָט זי געזאָגט מיט אַ מע־לאַדישער דרום־שטים — דאָס ערשטע וואָס מען דאַרף טאָן, איז ראַטעווען דאָס יִנגעלע! איז ווי באַלד איר זייט נאָר מסכּים, נע־מען מיר אייער קינד און גיבן עס אַוועק אויף אַ זיכער אָרט, צו אַ פראַנצויזישער פּויערים־פאַמיליע.

שפּעטער, נאָכן זען זיך מיט אַ יונגן מיטגליד פונעם ייִדישן

רעטונג־קאָמיטעט, האָט יענער חיימען איבערגעגעבן, אַז דורכן דאָזיקן פּריזיר־אַנשטאַלט, ווערט געמאַכט פאַלשע אידענטיטעטס־קאַרטן, שפּייז־טיקעטן, עס ווערן אויסבאַהאַלטן ייִדישע קינ־דער, און עס ווערט געמאַכט פאַרשידענע אַנדערע רעזיסטאַנס־אַרבעט.

אין דעם אויסגעחלומטן, געגאַרטן ניס, ווו־אַהין, אַ גרויסער טייל געפּלאָגטע ייִדן פון דער „רעזידאַנס־פּאַרסע" האָט געהאָפט צו באַקומען אַ שטיקל מקום־מנוחה און געהאַט דעם גרויסן באַ־גער פון איבערלעבן די מלחמה, האָט עס געבערענט אונטער די פיס, עס איז געוואָרן דאָס גרעסטע גיהנום פונעם גאַנצן אָקופּירטן פראַנקרייך.

אין דער־אַ לאַגע, ווען עס איז שוין דערגאַנגען צו „באו מים עד נפש" איז אויפגעקומען ביי דער קליינער פאַמיליע־גרופּע פון סאַלין־לע־לאַק דער פרישער געדאַנק פון „השיבנו נאַזאַד" — זיך צוריק אומקערן „אַהיים" צו דער מאַדאַם ווידאַל, בפרט, אַז עס זיינען דערגאַנגען ידיעות, אַז דאָרט, אין סאַלין, איז די לאַגע ווייניקער געפערלעך ווי דאָ, אין ניס.

דורך דער פאַרמיטלונג פון דער ענערגישער בלאָנדער „קאָ־פּאַרקע", איז מיט אימפּעט, שנעל און אין געהיים, אָרגאַניזירט גע־וואָרן זייער צוריקרייזע קיין סאַלין.

דער שפּעט־זומערדיקער אָוונט איז גיך צוגעפאַלן. עס האָט גענומען טונקלען. דאָס שאַרפע סוף־זומערדיקע ווינטל האָט גע־שליידערט די פאַרגעלטע בלעטער, וועלכע האָבן דערמאָנט אין די ייִדישע „געלע לאַטעס", ווי עס וואָלט זיך פון זיי אין ערגעץ נישט געוועזן ווו צו באַהאַלטן...

אָבער אונטערן האָגל פון די פאַלנדיקע בלעטער, וועלכע האָבן דאָך פאַרמאָגט זייער שיינקייט, איז די קליינע פאַמיליע־גרופּע אַריינגעזעצט געוואָרן נאָך האַלבער נאַכט אין אַן אַלטער

דראַשקע, וואָס האָט געהאַט דעם אויסזען פון אַ האַלב־אויפגע־שטעלטער בויד, ווו־אַהין עס זאָל קיין רעגן און געוויטער נישט אַריין...

כדי אויסצומיידן דעם געפּאַרפּולן הויפּט־וואָקזאַל פון ניס, זיינען זיי צוגעפאָרן צו אַ הינטער־שטאָטיש באַנדל, כדי נאָך אַ פּאָר קליינע סטאַציעס צו נעמען דעם צוג, דורך וועלכן מען קאָן דירעקט אָנקומען קיין סאַלין־לע־לאַק.

אויף די אָפּגעליידיקטע גאַסן און געסלעך פון דער שטאָט ניס, האָט עס דעמאָלט געשמעקט, מיט נאַכטיקן דופט, מיט פייכטן טוי און מיט אַ טריפנדיק גריזשנדיקן אומרו...

דער קליפּ־קלאַפּ פון דעם רעגלמעסיקן געקלאַנג פונעם פערדלס אייזערנע פּאַדקאָוועס האָבן אָפּגעהילכט מיט ווידער־קלאַנג און פאַרטויבט די קלאַפּנדיקע הערצער פון די פיר ביינאַכטיקע מרגלים, דער וועג איז געווען ליידיק, פריי און ווי אָפּגעשטאָרבן.

די בלאַסע לבנה און דער שאָטן פון דעם הויך־זיצנדיקן באַ־לעגאַלע, ווי להבדיל דער שאָטן פון זיין געהאָרכזאַם פערדל, האָבן נאָכמער אָנגעוואָרפן אַן אימה אויף די פיר געיאָגטע און געפּלאָגטע מענטשן.

ווען אויפן טונקל־בלויען הימל האָבן זיך באַוויזן די ערשטע סימנים פון גרויקייט און אויף די אַרומיקע פעלדער דאָס לעצטע צווישטשען פון די שוין אויסגעלאָשענע פראָשן, האָט זיך די דראָשקע אָפּגעשטעלט פאַר אַן אַלט, האַלב־איינגעזונקען וואָק־זאַלעכל. צו דער זעלבער צייט האָט זיך פון דער האַלב־פינצטערניש אַרויסגעשלייכט אַ פרוי, ווי אַ משולחטע, מיט ווינט אין די צע־פּלאָטערטע, גאָלדענע האָר.

— — — די פרוי, וועלכע איז אין געהיים נאָכגעפאָרן אויף אַ ביציקלעט, כדי צו באַוואַכן און באַשיצן די גערודפטע ייִדן, איז דאָס געווען: די נאָמענלאָזע פריזירערין פון רו סעגיראַנס פון ניס...

## קאפּיטל צען

# צוריק ביי דער מאַדאַםווידאַל

פאַר די צוריקגעקומענע, האָט דאָס לעבן אין סאַלין שיער נישט אויסגעזען ווי אַ גן־עדן, נאָכן אַדורכגעקומענעם גיהנום דאָרט אין ניס. — טראָץ דעם וואָס אויך דאָ, אין סאַלין, האָט זיך אַ סך געענדערט צום שלעכטן.

די כסדרדיקע זאָרג און מורא פון אַ מעגלעכן איבערפאַל פון די דייטשן, האָבן געגעסן און געגריזשעט די מוחות פון די אַלץ מער פאַרמאַטערטע און זאָרגנדיקע ייִדן. מען האָט זעלטן געזען אַ פרייע מינע און נאָך זעלטענער אַ שמייכל אויף די פּנימער פון די פאַרזויערטע מענטשן. אפילו דער לוסטיקער מרדכי־מענדל, האָט אויך איבער דער צייט, אַ סך פאַרלוירן פון זיין הומאָר און פריי־לעכקייט. פונדעסטוועגן, האָט די מאַדאַם ווידאַל — וואָס האָט דורך דער קורצער צייט אויסגעזען ווי פאַרעלטערט — ווידער זיי אַלעמען זייער האַרציק אויפגענומען. זי האָט זיי באַזעצט אין די פרייע צימערן, וועלכע זיינען שוין איצט געווען לרוב און צוריק באַזאָרגט חיימען מיט אַרבעט אויף די בערג־אַרויף.

די עדה ייִדן פון סאַלין־לע־לאַק זיינען צו יענער צייט היפּש פאַרקלענערט געוואָרן. דער יונגער לאַנג־האַריקער פּאָעט פון פּאַ־סאַזש ד׳עפּאַטאַריא, האָט זיך איינגעאָרדנט ערגעץ אין דערנעבנ־דיקן מאַלערישן, פּיטאָרעסקן בריד־לע־בען. דער קליינער הויפּט־אַרטיסט פון פּאַריזער ייִדישן אַמאַטאָרן־טעאַטער, האָט זיך אומ־געקערט אינעם פריערדיקן דעפּאַרטעמענט, צו זיין צוואַנגס־אַר־

בעט. אַנדערע, זיינען זיך צעלאָפן און צעקראָכן אין פאַרשידענע אומבאַקאַנטע ריכטונגען.

דאַקעגן, איז אָבער צוגעקומען אַ פרישע פאַמיליע פון ניס. די פאַמיליע האָט זיך שוין פון לאַנג דאָרט געפונען און זייער גאַענט־סטער פריינט יצחק שווימער, האָט זיי פון דאָרט „אַרויסגעצויגן" כדי זיי צו ראַטעווען אין סאַלין.

די משפחה איז באַשטאַנען פון משה ענגעלצווייג; אַן איידע־לער און אינטעליגענטער מענטש אין די פריע מיטל־יאָרן, אַן אַמאָליקער פאַרוואַלטונגס־מיטגליד פון די פראָפעסיאָנעלע פאַר־איינען נאָך אין זיין פוילישן געבוירן־שטעטל; זיין פרוי כאַוטשע און זייערע צוויי יינגלעך: איינער פון אַ זיבן־אַכט יאָר און דער צווייטער בלויז פון אַזוי פיל חדשים. אויך די דאָזיקע נייע פאַמיליע האָט די ווידאָל מיט איידלקייט און גאַסטפריינטלעכקייט ביי זיך אין די האָטעל־צימערן אויף גיך איינקוואַרטירט.

דעמאָלט, האָבן די גרעסטע טייל יונגערע ייִדישע מענער זיך געפונען אויף די בערג, ווו זיי האָבן שווער געאַרבעט ביים גע־הילץ אין די אויבנדיקע וועלדער, און זייער ווייניק אַראָפּגעקומען צו זייערע פאַמיליעס אין דערנידער. זיי האָבן זיך אָבער דאָך פון צייט צו צייט, אַראָפּגעכאַפּט, אין די זונטיקס, ווען עס איז געווען ווייניקער געפאַר און גאַר באַזונדער יעדן צווייטן שבת פון חודש, ווען זיי האָבן געדאַרפט פאָרן אין דער קרייז־שטאָט שאַמבערי, אָפּ־נעמען די שפּייז־פּראָדוקטן, וואָס עס איז זיי צוגעטיילט געוואָרן פון דער באַרג־דירעקציע, אַלס שווערע אַרבעטער.

אין איינעם פון די דאָזיקע שבתים האָט זיך יצחק שווימער, אַ מונטערער, געלאָזן צו דער וואָקזאַללאָזער באַן־סטאַציע פון סאַ־לין כדי צו כאַפּן דעם צוג קיין שאַמבערי, אָפּצונעמען זיין לאָקנ־דיקן שפּייז־פּאַקעט אויף וועלכן ער האָט שוין געוואַרט מיט אומ־געדולד זייט גאַנצע צוויי וואָכן...

דער געדאַנק וועגן דעם דערוואַרטעטן „פּעקל" און די רייצנ־

דיקע מאכלים וואָס מען קאָן פון דעם מאַכן, האָט אים באַזונדער פריילעך געמאַכט.

ער האָט זיך אויסגעסטראַיעט אין זיין ווייסער „רובאַשקע", פאַרמאַכט ביז גאָר הויך אויפן האַלדז אַרויף, אונטער זיין פעך־שוואַרצער „טשופּרינע. דער געשמאַק און דער ריח פון די דער־וואַרטעטע עסנוואַרגן וואָס ער האָט אָנגעהויבן פילן שוין אַראָפּ־לאָזנדיק זיך פון באַרג־אַראָפּ, האָט ביי אים פשוט צעדרייט די געדאַנקען, אַז ער זאָל נישט קאָנען באַרעכענען, די געפאַר, וואָס אַזאַ הולך קאָן ברענגען פאַרנדיק אויף דער באַן און גאָר באַ־זונדער, שפּאַצירנדיק אין דער קרייז־שטאָט שאַמבערי, גופא.

עס איז אויך מיטגעפאָרן רחל, וועלכע האָט עפּעס לויט אַ פאַרגעפיל נישט געלאָזט חיימען פאָרן און זיך ביי אים געבעטן, אַז זי וועט שוין אַליין פאַר אים אָפּנעמען דאָס פּאַקעטל. עס איז אויך געפאָרן מרדכי־מענדל, סתם אַזוי און אַלס צולאָג האָט יצחק שווימער צוגערעדט זיין פריינט ענגעלצוויגן, אַז ער זאָל זיך מיט אים מיטכאַפּן, וועט ער שוין אפשר אין איין וועג ערגעץ באַקומען אַ שאַכטל פּודער־מילך פאַר זיין עופעלע.

צוליב פאַרזיכטיקייט, כדי נישט צו ציען די אויפמערקזאַמ־קייט, האָט זיך רחל מיט מרדכי־מענדלען אָוועקגעזעצט באַזונדער. אָבער יצחק שווימער, האָט אויף דעם קיין שום אַכט נישט געלייגט. ער האָט זיך אפילו נישט אומגעקוקט אויף די מיטרייזנדיקע, און אָנגעהויבן רעדן מיט זיין פריינט אויף ייִדיש. דערצו האָט עס אים גאָרנישט אָפּגעהאַלטן צו „רעדן מיט די הענט" און מיט פאַרשי־דענע זשעסטיקולאַציעס, ווי זיין געוווינהייט איז שטענדיק געווען...

נאָכן צוואַנציקסטן אָדער איין־און־צוואַנציקסטן קילאָמעטער פאָרן, ווען דער לאָקאָמאָטיוו האָט אָפּגעפייפט און זיך אָפּגע־שטעלט אויף דער באַלעבטער סטאַציע פון שאַמבערי, זיינען שוין די צוויי חברים נישט אַראָפּגעגאַנגען אַליין...

ביים אַראָפּלאָזן זיך פון די וואַגאָן־טרעפּלעך, האָט אויף

יעדנס אַקסל פון זייביידן, זיך אַרויפגעלייגט אַ האַנט פון אַ ציַ־ווילן פאַרשוין, וואָס האָט די גאַנצע צייט פון פאָרן, אָבסער־ווירט און נאָכגעקוקט. יעדער פון די פאַרשוינען האָט אין זיין צווייַ־טער האַנט געהאַט אַריינגעקוועטשט אַ רעוואָלווער.

ביי רחלען — וועלכע האָט צוגעזען די גאַנצע סצענע — האָבן די הענט און די פיס געגומען ציטערן, זי האָט זיך געביסן די ליפּן, כדי איינצוהאַלטן די טרערן וואָס זיינען געפלאָסן אויף אירע בלייך־געוואָרענע באַקן.

ווען די צוויי חברים זיינען אַרויסגעפירט געוואָרן אין דרויסן, האָט יצחק באַמערקט אַ דורכפאָרנדיקן שטאַטישן אויטאָבוס. ער האָט געמאַכט אַ באַוועגונג זיך אַרויסצורייסן פונעם אַגענט, כדי זיך אַרויפצוכאַפּן אויפן פאָרנדיקן וואָגן. אָבער ביים ערשטן ריר זיינעם, האָט אים איינער פון די צוויי געשטאַפּאָווצעס דערלאַנגט עטלעכע פעסטע קלעפּ מיט זיין רעוואָלווער, אַזש עס האָט זיך גלייך ביי אים צעררויטלט די געדיכטע האָר פון זיין שוואַרצער „טשופּערין"...

אַז רחל האָט דאָס אויך באַמערקט, האָט זיך ביי איר דאָס מויל ווי אויסגעקרומט. זי האָט פאַרבראָכן די הענט. זי האָט זיך שוין מער נישט געקאָנט איינהאַלטן און אַרויסגעלאָזן אַ שרעקלעכן געיאָמער.

עטלעכע פראַנצויזישע פרויען וועלכע האָבן זיך געפונען אויפן פּלאַץ און אויך צוגעזען די סצענע, האָבן רחלען פּרובירט אַוועקרייסן פון אָרט. זיי האָבן זי געפרעגט, צי דער מיט ד'ער „רובאַשקע" איז איר מאַן ? איינע פון די פרויען, האָט אין דער שטיל, איר אַרייַנ־געשעפּטשעט אין אויער :

— איך פאַרשטיי דאָך אַז איר זייט אַ ייִדישע, אַנטלויפט ! האָט רחמנות אויף זיך, אויב נישט, וועלן זיי אייך אויך צונעמען !

דערנאָך האָט מען די צוויי חברים מיט דער הילף פון נאָך עטלעכע פּלוצים־„אויסגעוואַקסענע" אַגענטן, אַריינגעשטופּט אין אַ

שוואַרץ־פֿאַרקראַטעוועו וואַגן, וועלכער איז גיך פֿאַרשווונדן פֿון רחלס אויגן...

אין דעם זעלבן אָוונט, ווען דער צוג האָט זיך ווידער אַמאָל אָפּגעשטעלט אויף דער שטילנקער סטאַציע פֿון סאַלין־לע־לאַק, האָבן די צוויי פֿרויען, וועלכע זיינען געקומען אָפּוואַרטן זייערע מענער, אַראָפּגעלייענט פֿון רחלס טויטן פּנים דאָס שרעקלעכע אומגליק וואָס עס איז נאָר וואָס געשען.

## קאפיטל עלף

# די אַבלאַווע אין האָטעל „ספּלענדיט"

צומאַרגנס און אין די ווייטערדיקע טעג, האָט דאָס גאַנצע שטעטעלע אויסגעזען ווי פֿאַריתומט. דער חן און רייץ פֿון דעם אומשולדיקן דאָרף־שטעטעלע איז ווי מיט איינמאָל אויסגעוועפּט געוואָרן. צער און טרויער איז געפּלאָסן און אַרומגעווייעט אין יעדן ייִדישן שטיבל.

דער גאָלדענער האַרבסט און דער נאָך לויטערער הימל האָט אויסגעזען פֿאַרחושכט און פֿאַרכמאַרעט, בפרט, אַז יעדער האָט זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז דורך זיי — דורך די אַרעסטירטע — קאָנען די געשטאַפּאָ און ס. ס.־לייט דערגיין צו דער ווילע פֿון דער מאַדאַם ווידאַל.

פֿאַרשידענע געדאַנקען און פּלענער האָבן ווידער זיך אָנגעהויבן וועבן און פּלעכטן, ביי די צעמישטע און פֿאַרצווייפּלטע ייִדן.

טייל זיינען זיך ווידער צעפֿאָרן אין אַנדערע דערפֿער און שטעטלעך, אַנדערע האָבן זיך פֿאַרשאַפֿט קעמערלעך, בוידעמער און אַנדערע לעכער איבערצוגעכטיקן. אַ באַזונדערן טייל איז געלונגען זיך איינצודינגען ביי פּויערים צו אַרבעטן אויפֿן פֿעלד אָדער אין זייערע פֿערמעס. אָבער די איבעריקע, דער עיקר, פֿרויען וועלכע האָבן געהאַט קליינע קינדער, זיינען ווייטער געבליבן אין די ווידאַלס צימערן. עס זיינען אויך דאָרט פֿאַרבליבן עטלעכע עלטערע ייִדישע מענער, אַזעלכע, וואָס האָבן נישט געקאָנט אַרבעטן אויף די בערג און צוויי „ריינע אַריער": אַ דייטש וועלכער

האָט שוין פון לאַנג געלעבט אין פראַנקרייך אומלעגאַל און עפּעס אַ פראַנציסקאַ, אַ געהיימניספולער יונגער שפּאַניער, צו וועלכן זשיזעל, דער ווידאַלס טאָכטער, איז נישט געווען גלייכגילטיק און אַ היפּש ביסל פאַרליבט...

אויך רחל און חיים האָבן זיך איבערגעקליבן אין אַ דער־נעבנדיקער שמוציקער, פינצטערער קאַמער, אַן אַנגעהויפטע מיט שפּין־וועב און קויט. אַז דאָרט איז נישט געווען קיין גאַז, קיין וואַסער־לייטונג און קיין עלעקטרישע באַלייכטונג, איז מער ווי נאַטירלעך. עס איז אפילו נישט געווען קיין פענצטערל אַז די שיין זאָל אַריינפאַלן.

די נייע „וווינונג" וועלכע האָט זיך געפונען האַרט ביי דער באַן־סטאַציע, בסך־הכל עטלעכע שפּאַן פון דער ווידאַלס האָטעל — האָט געהערט צו דער נישט זייער אַנגענעמער מאַדאַם וויפּרע; אַ מלחמה־אלמנה, פון טויזנט־ניין־הונדערט־פערצן. זי האָט גע־וווינט איינע אַליין אין אַ גאַנץ באַקוועם ווילעלע פון אַנטקעגן.

די מאַדאַם וויפּרע האָט פאַרדונגען איר פאַרלאָזטע קאַמער פאַר אַ היפּשער מטבע, כדי צו קאָנען זאַמלען אַ ביסל רעזערוו־געלט. אַזוי, אַז נישט מיט אומצופרידנקייט האָט זי געגאַסן פון דער יידישער סיטואַציע, וואָס עס האָט זיך איר אומגעריכט צו־געשפּילט...

רחל און חיים האָבן אין אַ פינצטערן אָוונט דאָ אַהער איבער־געטראָגן זייער ביסל „האָב און גוטס" וואָס איז באַשטאַנען פון וועש, מלבושים און שיכוואַרג; אַ פּאָר יידישע ביכער און אַלטע זשורנאַלן וואָס זיי האָבן זיך אינצווישן איינגעשאַפט. זיי האָבן נישט פאַרגעסן דעם געלן מגן־דוד מיטן פאַריידישטלעכן „זשוויוו" אין דער מיט, וואָס זיי האָבן געהאַט פאַרשטעקט אַלס אַ טרויעריקן אָנדענק. זיי האָבן זיך אויך איינגעשאַפט אַ נאַפט־לעמפּל, אַ ספּיר־טוס־מאַשינקע, קיך־געשיר און אַ ביסל שפּייז־פּראָדוקטן וואָס די מאַדאַם ווידאַל האָט פאַר די ערשטע מאָלצייטן מיטגעגעבן.

ווען דאָס פֿאַרפֿאַלק האָט זיך אַרומגעזוען ווו זיי געפֿינען זיך דאָ, האָט עס זיי אַ בענקשאַפֿט אַרומגענומען — נישט בלויז צו דעם נאָר וואָס פֿאַרלאָזענעם האָטעל־צימער, אַרום דער שמייכ־לענדיקער ווידאַל, נאָר אפילו אויך — צו דעם שוין לאַנג פֿאַר־לאָזענער גאַראַזש־וווינונג: דאָרט איז כאָטש געווען היימיש און העל; אַ היימלעכקייט האָט אַרומגענומען בעת מען האָט דורכן פֿענצטער אַרויסגעקוקט. דאָ אָבער, אין דער פּיגצטערער קאַמער, אַנטקעגן דער גיריקער און אַנגעכמורעטער מאַדאַם וויפּרע, איז אַלץ געווען שוואַרץ: דער דיל, די ווענט און אפילו דער סופֿיט אויך. דאָס פּרוכנע טירל וואָס האָט זיך געהוידעט אויף איין פֿאַר־זשאַווערטער זאַוויצע, האָט געדאַרפֿט צו שטיין אָפֿן דעם גאַנצן טאָג, כדי עפּעס וואָס צו זען.

נאָך דעם ווי זיי האָבן זיך שוין כמעט אינגאַנצן אַריבערגע־קליבן אינעם קעמערל, איז חיימען איינגעפֿאַלן, אַז מען וואָלט זיך נאָך איינמאָל געדאַרפֿט אַרויסכאַפּן אין זייער פֿאַרלאָזענעם האָטעל־צימער ווו עס איז נאָך אַרומגעפֿלאָסן זייערע וואַרעמע אָטעמס צוזאַמען מיט דער היימישקייט וואָס זיי האָבן דאָרט איבערגעלאָזן.

ער האָט געבעטן רחלען, אַז זי זאָל נאָך דאָרט דאָס לעצטע מאָל צוגרייטן אַ וועטשערע, פֿון די בעבלעך, וואָס די מאַדאַם ווידאַל האָט מיטגעגעבן — דאָס מאכל וואָס ער האָט אַזוי שטאַרק ליב... און כאָטש רחל האָט געוווּסט זיין „שוואַכקייט" צום בעבע־לע־מאכל, האָט זי זיך אָבער דאָס מאָל געקווענקלט און נישט גערן דאָס אים צוליב געטאָן. זי האָט מער ווי אַנדערע פֿאַרגעפֿילט, אַז מען דאַרף זיך שוין נישט אינעם האָטעל אַריין אומקערן.

צו דער זעלבער צייט, האָט זיך דער קליינער שימעלע זאָרג־לאָז געשפּילט מיט זיינע חברים אין דרויסן, ביים פּרי־צוגעפֿאַ־לענעם אָוונט, אונטערן שיין פֿון ערשטן קריש לבנה און אַרום די געפֿאַלענע ליכט, דורך דער ווידאַלס גלעזערנע טירן און פֿענצ־טער.

ער, דאָס קליינע יינגל, וואָס האָט מיטגעמאַכט צוזאַמען מיט אַלע ייִדן — פון פּאַריז ביז סאַלין — האָט ביים שפּילן זיך מיט זיינע „אַרישע" חברימלעך, אוודאי נישט געאַנט, אַז ער וועט דאָס זיין דער מלאך־חבלה, וואָס וועט דער ערשטער ברענגען די שוידערלעכע בשורה, וועגן דעם גרויסן בראַך, וואָס עס דאַרף דאָ געשען דעם היינטיקן אוונט.

אינעם האָטעל־צימער, האָט שוין די גאַז־מאַשינקע פריילעך געפינקלט מיט אירע בלויע פייערלעך און צעהיצט און צעפּאַרע־וועט דאָס געקעכץ, וואָס די מוטער האָט נערוועז צוגעגרייט...

און טאַקע נאָכן ערשטן אָדער צווייטן לעפל פון די געשמאַ־קע צוגעגרייטע בעבלעך, מיט וועלכע חיים האָט זיך אַזוי „פּאַ־סמאַקעוועט", איז אים דער לעפל פון דער האַנט אַרויסגעפאַלן. עס האָט זיך אויפגעפּראַלט די טיר ווי נישט געוויינלעך און אַ פאַררויטלטער, אַ דערשוויצטער, מיט צעשראָקענע קינדערישע אויגן, איז אַנגעלאָפן דער קליינער שימעלע מיט אַ ווילדן אויסגעשריי:

— מאַמע, מיר זיינען פאַרלוירן! עס פאָרן קאַמיאָנען פול מיט דייטשן! באַלד האָט מען דערהערט אַ געזשום, אַ געהיר־זשעריי, פון שווערע רעדער, אייזערנע פּאַדקאָוועס און אַ געכאָרכ־לעריי פון דייטשע קולות אַרום די האָטעל־צימערן פון דער מאַ־דאַם ווידאַל. מען האָט אויך געהערט עטלעכע רעגלמעסיקע לופט־שאָסן, אַלס וואָרענונג אָדער צום אָפשרעקן אוודאי.

אין געציילטע סעקונדן איידער רחל און חיים האָבן זיך באַוויזן וואָס עס איז צו אַריענטירן, האָט מען געהערט אויף דער אונטנדיקער אָפענער וועראַנדע, אויף די שטיגן און אין די קאָ־רידאָרן, אַ שווער דרעפּטשען פון גראָבע שטיוול און אַ פּויקעריי פון ביקסן־קאָלבעס. די קולות האָבן געפּלאָנטערט אָפּגעהאַקטע ווערטער:

„יודען, יאַ, היר, אַבען, אונטען!"

אַלע אונטערשטע אַריין־און־אַרויסגענג, זיינען בלאָקירט גע־

געוואָרן און באַוואַכט געוואָרן פון סאָלדאַטן; וועגן אַנטלויפן אָדער באַהאַלטן זיך, האָט קיין רייד נישט געקאָנט זיין.

מיט איין מאָל איז געוואָרן שטיל, דערנאָך, איז פון אַ מי־קראָפאָן אַרויס, אַ באַפעל:

„אַלע אַרויס פון די שטובן. אַרונטערגיין מיט אויפגעהויבענע הענט איינעם גרויסן אויפנעם־זאַל. ווער עס וועט בלייבן אין די צימערן, וועט דערשאָסן ווערן!"

די גרויסע שיינע ווילאַ פון האָטעל „ספּלענדיט" וואָס האָט אַמאָל געברענגט רו, מנוחה, פאַר די פאַרשידענע דאַטשע־געסט און טוריסטן און לעצטנס, דער מקום־מקלט פאַר אויסבאַהאַלטענע ייִדן — איז מיטאיינמאָל געוואָרן די קאַזאַרמע פאַר די דייטשע היטלער־סאָלדאַטן.

באַלד האָבן זיי זיך צעשפּרייט אין אַלע דורכגענג, אויף די פאַרשידענע טעראַסן, באַלקאָנען און וועראַנדעס. זיי זיינען אויך אַריינגעדרונגען צווישן די צוואָקסענע קוסטן, אין די שיטערע וועלדלעך, פעלדלעך פון דער אַרומגערינגלטער ווילאַ.

די פּאַניק פון די אַראָפּלויפנדיקע ייִדן איז געפלאָסן צוזאַ־מען מיטן ערשטן טוי וואָס איז געפאַלן אויף די גראָזן אוןביימער אין דעם דאָזיקן חושכדיקן פריען אָוונט...

— די ווירטין, די ווירטין! — האָט זיך דערהערט דאָס קול פון אַ געשטאַפּאָ־אָפיציר.

די „ווירטין" — די שטענדיק מיטפילנדיקע מאַדאַם ווידאַל — איז דאָן געלאָפן אַ צעמישטע, ווי אָן אַ ציל, אַרום דעם ברעג פון איר ווילאַ־טייכל, מיט צעשפּרייטע פלאַטערנדיקע הענט. זי איז געווען אַרונגענומען מיט איר שטענדיקער קיך־שירץ, וועלכע האָט אויך געפלאַטערט. ס'האָט אויסגעזען, ווי זי לויפט כאַפּן דאָס אומ־גליק און עס וואַרפן, ווי די ייִדן די עברות ביי תשליך, אין טייכל אַריין...

אַלע דריי, חיים, רחל און דער קליינער שימענקע, האָבן פאַרלאָזן דאָס צימער, פאַרלאָשן דאָס ליכט און דורך דער לאַנגער, ברייטער טעראַסע, האָבן זיי זיך געשאַרט צום אַראָפּגאַנג. פון דער הויך שוין, האָבן זיי געזען, ווי מען פירט אויף די אונטערש־טע טרעפּ, ייִדן מיט אויפגעהויבענע הענט.

שימעלע האָט ווי אַ העלד איינגעהאַלטן חיימס טריט. ער האָט אים איינגערוימט אין אויער, אַז ער זאָל ווייטער נישט גיין, אַז ער זאָל פון דער טעראַסע אַראָפּשפּרינגען אין הויף אַריין.

— אַזוי ווי דאָרט איז פינצטער — האָט דער קליינער גע־געבן צו פאַרשטיין — ווערסטו אפשר קאָנען נעלם ווערן. זאָל די מאַמע אַליין אַראָפּגיין — האָט ער ווי אַ דערוואַקסענער אַלץ איינ־גערוימט — אַ פרוי וועלן די דייטשן אוודאי גאָרנישט טאָן!

אָבער פון אַ בליק אין הויף אַראָפּ, האָבן זיי אַלע דריי געזען, ווי די סאָלדאַטן מיט ביקסן אויף די אָרעמס, נישטערן שוין דאָרט צווישן די בוימער און אַלטאַנעס, זיי שפּיזן כסדר מיט זייערע מיליטערישע טאַשן־לאַמפּן.

רחל האָט אויפגעהויבן די הענט און איז אַראָפּגעגאַנגען. און חיים מיט שימעלן האָבן זיך ווי אינסטיקטיוו אָוועקגעזעצט אויפן קאַלטן אַספאַלט פון דער טעראַסע, הארט, ביי דער וואַנט, הינטער זייער אויסגעלאָשן צימער; מער קיין צייט צו טראַכטן, אָדער אַנדערש וואָס צו טאָן, איז נישט פאַרבליבן.

דער דאָזיקער באַוועמבער־אָוונט איז געווען זייער אַ פינצ־טערער און אַ קאַלטער. חיים האָט שימעלען איינגעגראָבן אין זיך און ביידע האָבן זיי געוואַרט וואָס דער גורל וועט ברענגען.

זייערע קערפּער וואָס זיינען געלעגן ווי שוואַרצע קעץ, ער־געץ אויף אַ פינצטערן דאַך, אין מיטן דער נאַכט, האָבן זיך נישט קיין ריר געטאָן. די פעך־שוואַרצע פינצטערניש האָט זיי דערווייל באַשיצט.

אינמיטן דערינען, האָט זיך צעשיט און צעקראַקעט אַ געזאַלפּ

ק. בענעק

פון אַ מאַשין־געווער. דער קליינער שימענקע, וואָס האָט פאַרשטאַ־
נען אַז מען טאָר איצט קיין פּאַרע פון מויל נישט אַרויסלאָזן, האָט
זיך פונדעסטוועגן מער נישט געקאָנט איינהאַלטן און אַרויסגעפּיש־
טשעט צווישן די ציין:

— ווער ווייסט צי די מאַמע...

חיים האָט דערפילט אַ וואַרעמען טראָפּן אויף זיין געפרוי־
רענער האַנט, וועלכע האָט שימעלען פעסט אַרומגעהאַלטן...

ווען אַלע ייִדן האָבן זיך שוין געפונען אין גרויסן, שטאַרק־
באַלויכטענעם אויפנעם־זאַל, האָבן די מחבלים מיט רוגזה זיך גע־
לאָזן אין די אויסגעליידיקטע צימערן, זיי האָבן געשפּריצט מיט
פונקען פון זייערע טאַשן־לאָמפּן, אויף די מאַטראַצן, אויף די בעטן,
אונטער די טישן און אין די אויפגעפּראַלטע שענק אַריין.

מיטאַמאָל האָט זיך צעעפנט דאָס פענצטער, הינטער וועלכן
חיים מיט שימעלען זיינען געלעגן... די זעלנער האָבן אַרויסגע־
לייכט פון דאָרט, אַ הין און אַ הער, אויף דער שטאַרק פינצטערער
טעראַסע. זיי האָבן אָבער קיינעם נישט געזען. צום סוף, האָבן
זיי פאַרלאָזן די איבערגעדרייטע צימערן, דורך דער וועראַנדע,
וווּ די צוויי מיט די איינגעהאַלטענע אָטעמס, זיינען געלעגן.

אַראָפּלויפנדיקע, פון דער טעראַסע, האָבן זיי ווידער גע־
וואָרפן שאַרפע ליכט־שטראַלן: אַ ליכט, וואָס האָט צעהעלט דעם
פינצטערן טעראַסע־ברוק אויף פאַרשידענע פונקטן, און פאַר־
גליווערט דאָס בלוט פון די צוויי האָפענונגס־לאָזע מענטשן.

רחל איז געווען זיכער, אַז חיים איז אַראָפּגעשפּרונגען אין
הויף אַריין און עס איז אים געלונגען צו אַנטלויפן. אָבער ווו
איז שימענקע? ווו איז איר קינד? זי זוכט אים איבער אַלע ווינק־
לען פונעם זאַל. זי האָט אָבער איר צער און ווייטיק נישט געטאָרט
אַרויסווייזן: זי איז דאָך אַ פראַנצויזין און דערצו אַן אומפּאַר־

הייראַטע; וואָס זאָל זי טאָן? אַ חוץ דעם, האָט זי גאָרנישט ביי זיך אירע פראַנצויזישע פּאַפּירן, זיי ליגן דאָרט ערגעץ אין דער מאַדאַם וויפרעס שכנותדיקער קאָמער, צוזאַמען מיט אירע ריכ־טיקע ייִדישע דאָקומענטן; אויסגעמישט מיט ייִדישע ביכער, קאָרעס־פּאָנדענץ פון פּאַריז און מיט איר ... געלער לאַטע.

דערווייל איז אין זאָל אָנגעגאַנגען אַ שטרענגע קאָנטראָל פון די אָראָפּגעפּירטע ייִדן, אונטער דער אָנפירונג פון אַ ציווילן נאַצי־אָפיציר.

רחל איז זיצן געבליבן אויף איר אָרט, מיט איינגעהאַלטענע נערוון, ווי נישט זי מיינט מען. זי איז דאָ געווען צווישן די געציילטע ייִדישע פרויען, וואָס האָבן זיך באַנוצט מיט פאַלשע פראַנ־צויזישע דאָקומענטן. מיט געמאַכטן אינטערעס, האָט זי געבלעטערט אַן אילוסטרירטן קינדער־זשורנאַל, וואָס האָט זיך געוואַלגערט אויפן טיש, אַריינגעשמייכלט אין אים, און אפילו זיך שטיל צע־לאַכט. אָבער ביי איר אין קאָפּ האָבן געאַרבעט פאַרשידענע פּלע־נער.

זי האָט אָפּגעשטעלט אַן אַ דורכאיילנדיקן אונטער־אָפיציר. ער האָט גערעדט אַ צעבראָכענעם פראַנצויזיש. זי האָט אים גע־בעטן, ער זאָל זיך ווענדן צו זיין שעף, יענער זאָל איר דערלויבן צו גיין ברענגען אירע דאָקומענטן, וועלכע זי האָט צופעליק נישט ביי זיך.

— איך בין טאָקע נישט קיין ייִדישע — האָט זי אים אויפ־געקלערט — איך בין געקומען פון דער שטאָט מאָנפּעליע צו מיי־נער אַ מומע, צו דער מאַדאַם וויפרע, וועלכע וווינט דאָ דערלעבן, און דאָ אַזאַ מעשה; אומשולדיק אַריינגעפאַלן! אָבער מיט וואָס וועל איך זיך לעגיטימירן?

דער אונטער־אָפיציר האָט אַ צופרידענעם שמייכל געטאָן און דאָס איבערגעגעבן דעם עלטסטן. דער פאַרגומענער שעף האָט מסכים געווען, נאָר מיטן באַדינג, אַז זי זאָל נישט גיין אַליין. ער האָט מיטגעשיקט דעם זעלבן אונטער־אָפיציר.

אויף דעם פינצטערן אָפּגעליידיקטן שטיקל וועג, האָט דער יונגער דייטש איר דערציילט, אַז זיין רעגימענט שטייט אין שאַמ־בערי. צי זי קומט אַמאָל דאָרט אַהין ? — האָט ער געפרעגט — ער וואָלט געוועזן זייער צופרידן, ווען די פרוילין וואָלט געוועזן אַזוי ליבענסווירדיק זיך צו טרעפן מיט אים, און צוזאַמען פאַר־ברענגען אַן אָוונט...

די רייד, פון דעם שמייכלענדיקן נאַצי־יונג, האָט איר גע־שטאָכן ווי מיט שפּילקעס.

די „ליבענסווירדיקע פרוילין" האָט זיך כלומרשט געקווענקלט, זי האָט אים אָבער צוגעזאָגט... ס'איז איר גלייך אויפגעקומען אַ פרישער פּלאַן:

זי וועט אים זאָגן: מען קאָן דאָך פאַרשטיין; אַז אַ פרוי האָט אפשר צופעליק איבערגעלאָזן הענגען עטלעכע שטיקלעך אויסגעוואַשענע אינטימע אונטער־וועש; וואָלט איר זייער נישט געווען אָנגענעם, אַז אַ מאַן זאָל מיט איר אַריינגיין, דעריבער בעט זי אים, אַז ער זאָל וואַרטן פאַר דער טיר, ביז זי וועט אַרויס־ברענגען אירע דאָקומענטן.

דער אונטער־אָפיציר האָט איר געענטפערט, אין אַ פראַנ־צויזיש־דייטשן געמיש:

— זער געהעדיקע פרוילין, ערשטנס, טאָר איך עס נישט טאָן, צווייטנס, און אַז איר וועט אַרויסברענגען אַ רעוואָלווער און מיך דערשיסן ?

אָבער איידער רחל האָט באַוויזן זיך צו אָריענטירן, וואָס אים דערויף צו ענטפערן, האָט ער ווייטער גערעדט:

— נאָר אַזוי ווי די ליבע מאַדמואַזעל האָט צוגעזאָגט צו קו־מען קיין שאַמבערי, וועט איר עס זיכער נישט טאָן. איר זייט דאָך עפּעס אַ פראַנצויזין, און נישט עפּעס ווער פון די יודישע מוידן...

צוריקקומענדיק, צוזאַמען מיטן אונטער־אָפיציר אין באַלאַ־

גערטן אויפנעם־זאַל, האָט זיך רחל געהאַלטן דרייסט. זי האָט זיך דערנענטערט צום רעווידיר־טיש און געבעטן אַז מען זאָל זי וואָס שנעלער רעווידירן און אַרויסלאָזן; עס איז שפּעט! — האָט זי געזאָגט — איך דאַרף גיין עסן אָוונט־ברויט, איך האָב שוין אַזוי אויך פאַרשפּעטיקט, די טאַנטע וועט איבערקלערן!

אינצווישן, איז צו רחלס אויערן דערגאַנגען אַ געשפּרעך פון צוויי באַיאָרטע האַלענדישע ייִדישע פרויען, וועלכע זיינען נאָך אַלץ געווען באַהאַנגען מיט גאָלד און בריליאַנטן אויף זיך:

— זעט נאָר ווי זי יאָגט זיך — האָט איינע געוויזן מיט אַ פינגער אויף רחלען.

— ווער, זי, די בלאָנדע? — האָט די צווייטע איבערגעפרעגט.

— יאָ, זי, די מיטן ייִנגל!

— זי טאַקע, די בלאָנדע קאָקאָט, וואָס יאָגט זי זיך אַזוי? זי איז דאָך אַ ייִדישע גלייך מיט אונדז אַלעמען!...

דער שעףביים רעווידיר־טיש, האָט אָבער געהייסן רחלען וואַרטן אויף איר ריי. האָט זי זיך דערווייל צוגעקוקט, רחל, וואָס עס טוט זיך דאָ אַלץ אָפּ.

מיט פאַרביטערניש און מיט געמאַכטן שמייכל, האָט זי געטראַכט וועגן איר שימענקען און חיימען. זי איז אָבער צופרידן געווען וואָס זי זעט זיי נישט דאָ; מסתמא האָט זיך זיי איינגעגעבן צו אַנטלויפן,

איין געדאַנק האָט ביי איר אַרויסגעשלאָגן דעם צווייטן:

זי האָט געזען, ווי אַ מיטליאָריקע ייִדישע פרוי פון בעלגיע, וואָס איר מאַן איז דעפּאָרטירט געוואָרן פון מאַלינער פעסטונג, אַ קראַנקע און אַ צעבראַכענע, ראַנגלט זיך מיט זיך אַליין, ווי אַ וואַנזיניקע. די פרוי האָט עפּעס אַרויסגעשטאַמלט אין אַן אומפאַרשטענדלעכן געמיש פון ייִדיש און פלעמיש און פאַרענדיקט מיט אַ מוראדיקן אויסגעשריי: „שמע ישראל!"...

קיילע — יצחק שווימערס פרוי — וועלכע איז פאַר די דייטשן פאַרגעשטעלט געוואָרן ווי דער באַלעבאָסטעס אַ קרובה און אַלס אַ געפעס־וואַשערין ביי איר אין פענסיאָנאַט — האָט די מאַדאַם ווידאַל, פּשוט מיט כוח, אַריינגעשטופּט אין דער קיך אַריין:

— וואָס שטייט זי דאָ, דיין קוזינע, די פּוילענצערין? — האָט די ווידאַל זיך געבייזערט אויף איר טאָכטער — אין דער קיך גייט אַלץ אונטער!

צו דער זעלבער צייט האָט זיך קיילעס דריי־יאָריק יינגעלע שוין געפונען אין די פּריוואַטע צימערן פון דער מאַדאַם ווידאַל, און זיך געשפּילט מיט אירע צוויי אייניקלעך.

אַ חוץ, אַן ערך, אַ צוויי־צענדליק יידישע מענער און פרויען, האָט זיך דאָ אויך געפונען, דער צופעליק אַריינגעפאַלענער שפּאַ־ניער, פראַנציסקאָ. ער איז געקומען פון צייט צו צייט. צו אַ שטראַסבורגער יונגער יידישער פרוי, צו וועלכער ער האָט גע־האַט אַ „סימפּאַטיע”... זשיזעל, דער ווידאַלס טאָכטער, וועלכע האָט אָבער צו אים, צו דעם פראַנציסקאָ, געהאַט אירס אַן אייגענע „שוואַכקייט”, אַ סימפּאַטיע נאָך פון פריער — האָט דאָס טרעפן זיך פון די צוויי יונגע מענטשן צוגעזען, מיט פאַרדרוס, מיט אייפערזוכט און מיט קנאה... אָבער פון איר געירשנטער גוטסקייט און איידלקייט, האָט זי דאָס נישט אַרויסגעוויזן. זי האָט אפילו נישט געוויזן קיין סימן, פון זיך „אָפּרעכענען” מיט וואָס עס איז, מיט דער שטראַסבורגער יידישער פרוי, פון וועלכער זי האָט זיך געפונען אַזוי בעוולהט...

עס האָט זיך אויך געפונען אין דעם אַרומגערינגלטן זאַל, מיט טויט־שרעק אינעם האַרצן: דער ריכטיקער אַריער, דער אַן ערך דרייסיק־יאָריקער דייטש, וועמענס נאָמען — אַ חוץ די מאַדאַם ווידאַל — האָט קיינער נישט געוווסט. מען האָט זיך בלויז דערוווסט, אַז ער איז געווען אַ קעגנער פון נאַצי־דייטשלאַנד און אַ דעזערטער פון דער אַרמיי. אינאיינעם מיט די יידן, איז ער געווען דאָ באַהאַלטן אומלעגאַל.

ביי אַט דער אַבלאַווע, האָט ער, אפשר נאָך מער ווי די ייִדן, זיך געזעגנט אויף „יענער וועלט". ער האָט געקוקט דעם טויט אין די אויגן אַריין און ער האָט זיך פונדעסטוועגן נישט פאַרלוירן. אויך די מאַדאַם ווידאַל האָט זיך נישט פאַרלוירן. עס האָט ביי איר געאַרבעט עפּעס אַן אומבאַגרייפלעכע דערפינדערישקייט: זי האָט פון ערגעץ־ווו געכאַפּט אַ קינד און דעם דייטש עס אַריינגעשטעקט אין די הענט אַריין. ער האָט פאַרשטאַנען, צו צערטלען און צו שפּילן זיך מיטן קינד. דאָס קינד האָט זיך אומצופרידן פאַרקרומט און ער האָט דערצו געהנדלט. ער האָט דערצו „געשמאַטשקעט", און... קאַלטבלוטיק געוואָרט.

ווען עס איז געקומען די ריי צו קאָנטראָלירן רחלס פּאַפּירן, האָט דער שעף־אָפּיציר, טיף אַריינגעקוקט אין אירע אויגן. אויף אַ שטאַרק אַקצענטירטן פראַנצויזיש האָט ער זי געפרעגט:

— „מע, מאַדמואַזעל, ווו זעט פּאַ זשיוו?" 1).

אַרום האַלב עלף אָוונט, איז די אַבלאַווע, וועלכע האָט געדויערט קנאַפּע דריי שעה, פאַרענדיקט געוואָרן.

די דייטשן, זייענדיק מיט רעש און געפילדער, ווי זיגער, צוריק אָפּגעפאָרן אין זייערע שווערע קאַמיאָנען וועלכע זיינען געוואָרן נאָך שווערער, מיט אַן אַכט מיטגענומענע ייִדישע מענער. די פרויען, אפילו מיט ייִדישע פּאַפּירן, האָבן זיי איבערגעלאָזט. ווי אַלע האָבן פאַרשטאַנען, האָבן זיי דאָס איבערלאָזן די פרויען, געמאַכט מיט אַ כיטרער אויסרעכענונג, כדי צו קאָנען קומען נאָך אַמאָל.

עס איז אַרויסגעלאָזן געוואָרן דער אומקלאָרער שפּאַניער, וואָס קיינער כמעט האָט נישט געוווּסט פון וואַנען ער האָט זיך דאָ אַהער גענומען... און עס איז געראַטעוועט געוואָרן פון אַ זיכערן טויט, דער אַנטי־היטלער־דייטש, וועלכער איז געווען אַזוי

1) אָבער פרייליין, איר זייט נישט קיין ייִדישע?

שטאַרק „פאַרשפּילט" מיטן קינד, אַז מען האָט אים על פּי נס, איינגאַנצן נישט לעגיטימירט.

— — — און גאָר צום סוף האָבן זיך אַראָפּגעשלעפּט פון דער טעראַסע — פאַרשטייפטע, פאַרפרוירענע, מיט בלויע הענט און אויערן, און נאָך מיט פחד און אומרו אין די צעשראָקענע אויגן — חיים, מיטן קליינעם שימענקע ביי דער האַנט.

## קאַפּיטל צוועלף

# איבער די בערג

האָרט איבער די בערג, בסך הכל, אַ דריי אָדער פֿירט־האַלבן קילאָמעטער פֿון סאַלין־לע־לאַק, אַרומגערינגלט מיט שניי, האָט געדרימלט אין פֿאַרצייטישקייט, דאָס אַלטע דערפֿל אַנסען.

אין קעגנזאַץ, צו דעם מאָדערנעם, רייכן און קולט־ווירטן סאַ־לין־לע־לאַק, איז דאָס דערפֿל — מיט איר תּמימות און פֿאַרבן־רייכקייט, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ פּייזאַזש פֿון אַ וואַן גאָג, אָדער פֿון אַן אַנדערן גרויסן מייסטער — געווען אינגאַנצן איינ־געהילט אין נאַטור־ווילדקייט.

דאָ האָבן די פּויערטעס אין זייערע טיפֿע הילצערנע סאַבאָטן, נאָך געטראָגן אויף אַ לייסט, די עמער מיט וואַסער, וואָס זיי האָבן געשעפּט פֿון אַ ברונעם אָדער פּלומפּ, פֿאַר זייערע טעגלעכע גע־ברויכן. דאָ זײַנען בהמות און עופֿות צוזאַמען געגאַנגען שפּאַצירן אויפֿן פּלושענעם פֿליין פֿונעם דערפֿל. דאָ האָט מען זיך געבאַקן דאָס ברויט, געמאָלקן די קי אין סאַמע אָפֿענעם פֿעלד. אָט־אָ, אין דעם דערפֿל; האָט זיך איבערגעטראָגן אַ טייל פֿון די ייִדן וועלכע האָבן ביז איצט געוווינט אין דעם מאָדערנעם האָטעל „ספּלענדיט‟, אַרום דעם לאַק פֿון סאַלין.

למען האמת דאַרף געזאָגט ווערן, אַז דאָס דערפֿל האָט שוין געצויגן די אויפֿמערקזאַמקייט נאָך פֿאַר דער אַבלאַווע ביי דער מאַדאַם ווידאַל און נאָך פֿאַרן אַרעסט פֿון די צוויי חברים, יצחק

שווימער און משה ענגעלצוויג. און נישט אזוי דאָס דערפל, ווי אַ הייזל פון דאָרט:

דאָס איז געווען מיט אַ צייט צוריק, ווען יצחק שווימער, האָט זיך אין אַ זונטיקדיקן נאָכמיטאָג פאַרבלאָנדזשעט אויף אַ שפּאַציר אַהין.

אין דעם דאָזיקן שטילן און אָפּגעשטאָרבענעם דאָרף־נאָכמי־טאָג, האָט יצחק, ביים ראַנד פון זאַמדיקן שאָסייעלע, פּלוצים דער־זען אַ פאַרלאָזט חורבהדיק הייזל: מיט גרינלעך ־ פאַרשטויבטע פענצער; מיט אַ קוימענדל און מיט אַ האַלב אַראָפּגעלאָזט גאַנעקל.

ווען ער האָט אַריינגעקוקט דורך אַ שטיקל אָפּגעווישט שייבל, האָט ער געזען... צימערן. אמת, מיט גריבלדיקע ליימענע פּאָדלאָ־געס און גרויע געשפּאָלטענע ווענט; אָבער עס האָט אים געפעלן. אין הינטערגרונט, האָט ער אויך דערזען, עפּעס טרעפּלעך אויף אַרויף.

עס האָט אים גלייך אַ שלאָג געטאָן אין די געדאַנקען: אַז דאָ וואָלט מען זיך געקאָנט באַהאַלטן פאַר די דייטשן. אָבער איי־דער וואָס ווען, איז מיט אים פאָרגעקומען דאָס גרויסע אומגליק, פאַרנדיק קיין שאַמבערי, און ער האָט שוין גאָרנישט באַוויזן...

איצט, נאָכן שניט פון דער שרעקלעכער אַבלאַווע אין סאָ־לין, האָט זיך זיין פרוי קיילע, דערמאָנט אין דעם פאַרלאָזענעם הייזל.

די חורבה איז געווען דאָס אייגנטום פון דעם רייכסטן פערמער פונעם דאָרף: מעסיע גולאַר: אַ פּויער, אַ גיריקער, אַ כיטרער און אַ קאַרגער.

צום ערשט האָט ער — ווי זיין געוווינהייט איז געווען, מיי־נענדיק שטענדיק אַז מען גייט אים גענאַרן — פאַרשנדיק געקוקט אויף דער „דעלעגאַציע”, וועלכע איז באַשטאַנען פון יצחק שווי־מערס פרוי, חיים, און פון דער פרוי פון אומשולדיק־אַריינגעפאַ־לענעם, משה ענגעלצוויג.

ער האָט זיך כלומרשט געקווענקלט, דער פּויער. אַז דאָס הייזל איז שוין פאַרלאָזט פון יאָרן; עס איז נישטאָ קיין באַקוועמ־לעכקייטן; עס וועט אים נישט לוינען — האָט ער אַלץ געטענהט — און וואָס קאָנט איר דאָס צאָלן דירה־געלט? — האָט ער זיך דאָך געפרעגט.

ווען די דעלעגאַציע האָט אים פאַרגעלייגט אַ לייטישע סו־מע, האָבן זיך זיינע בייזע וואָנצעס אַ שפּאַר ביסל פאַרמילדערט. די כמורנע אויגן האָבן זיך צעשיקלט מיט צופרידנקייט און ער האָט מיט אַ פאַרבאַרגענעם שמייכל מסכים געווען.

געהייסן האָט עס פאַר אים, אַז דאָ דאַרפן זיך אַריינציען „רעפּיזשע" — הימלאָזע, ערגעץ פון צפון־פראַנקרייך, וואָס זיי־נען אַנטלאָפן פון די דייטשע באַמבאַרדירונגען.

די צרה איז אָבער געווען; מען האָט געדאַרפט האָבן אַ לע־גאַלן פראַנצויזישן בירגער, וואָס ער זאָל דאָס הייזל נעמען אויף זיין נאָמען. אויך אין דעם פאַל איז די מאַדאַם ווידאַל געקומען צו הילף.

ביי איר אין שטאַל און אויפן פעלד האָט געאַרבעט, אַ ברייט־לעכער יונגער פראַנצויז, מיטן נאָמען מאַטיאַס. אגב, איז זיין נאָ־מען ווי זיין גאַנצער פיזישער אויסזען, נישט געווען קיין פראַנ־צויזישער.

זיינע אויסגעטרוקנטע האָר וועלכע זיינען אָפּט געווען צע־שויבערט, זיינען געווען העל ווי פלאַקס. פון זיין פולן פּנים וואָס האָט ביי אים אויסגעזען ווי פון די סלאַווישע לענדער, האָט אַרויס־געקוקט אַ פּאָר אומשולדיקע ווי קינדערישע אויגן. ער האָט ווייניק גערעדט. אפשר דערפאַר, ווייל ער האָט קיין סך נישט פאַרשטאַ־נען. ער האָט געהאַט אַן איינגעבוירן געפיל פאַר יושר און גע־רעכטיקייט. ער האָט געוווסט, אַז אַלץ דאַרף מען טאָן להכעיס די „באָשן". דאָס האָט ער זיך אוודאי אויסגעלערנט ביי זיין באַלע־באָסטע, די מאַדאַם ווידאַל.

מיט ייִדן האָט ער זיך דאָ גענטער באַקענט דאָס ערשטע מאָל:

— איך האָב יאָ עפּעס געהערט רעדן אין מיין דאָרף וועגן ייִדן, מען האָט זיי דעמאָלט אָנגערופן די „יופּענס" 1) — האָט ער מיט ווייניקע ווערטער זיך אַמאָל צערעדט וועגן דעם — אָבער נאָך דעם ווי איך האָב זיך דאָ באַקענט מיט זיי — האָט ער מיט זיין פּרימיטיווער איבערצייגונג געזאָגט — זע איך אַז זיי זיינען גאָרנישט קיין יופּענס, זיי זיינען ייִדן, און מענטשן גלייך ווי מיר, טאָ פאַרוואָס טוען די דייטשן זיי אַן אַזוי פיל שלעכטס? — דעריבער, האָט ער אָפּט צוגעהאָלפן זיין באַלעבאָסטע ווען עס האָט זיך געהאַנדלט ביים אויסבאַהאַלטן אָדער ראַטעווען ייִדן פון אַן אומגליק.

אָט דעם מאַטיאָס, האָט דאָס די מאַדאַם ווידאַל געשיקט נע־מען אויף זיין נאָמען דאָס דאָזיקע פאַרלאָזענע הייזל.

ווען די בייע לאַקאַטאָרן זיינען אריין אַ היין, האָבן זיי איצט אויף רעכט דערזען ווי אַזוי דאָס הייזל זעט אויס:

אונטן, אַן אָפּגעריסענע גרויסע קאַמער, וווּ עס איז געשטאַ־נען אַ פאַרזשאַווערטע אייזערנע קיך, מיט אַ רער, וועלכע איז געווען ערטערווייז געלעכערט. א סימן: אַז מי יודע וויפל יאָרן דאָ איז שוין נישט געהייצט געוואָרן. עס האָט זיך געפונען אַ מאָ־כיק צעגריזשעט טישל, אַ בענקל, מיט איין קירצערן פוס און אויף אַ וואַנט, האָט נאָך געהאַנגען אַ צעבויגענער ראַנדעל...

אויפן ערשטן שטאָק — וואָס האָט געפירט פון דער קיך־קאַמער, דורך פּרוכנע האַלב־פאַרפוילטע טרעפּלעך, ווי לייטער־דרענגלעך — האָבן זיך געפונען „צימערן": אַלקערלעך, מיט צע־שפּאָלטענע שויבן, אָנגעוואָרפענע מיט מיסט, קויט, זאַמד און צע־קרישלטע ציגל. אין די דאָזיקע שטיבלעך, זיינען זיי געשלאָפן אויף

1) זידל־וואָרט אויף ייִדן.

דער הוילער ערד. דערנאָך, אויף שטרוי־זעק און מאַטראַצן, וואָס מאַטיאָס האָט איבערגעפירט דורך די בערג, אין די טונקעלע נעכט, פונעם האָטעל ספּלענדיט.

דעם גאַנצן טאָג זיינען זיי כמעט אויבן נישט געווען. וואָס האָבן זיי דען געהאַט צו טאָן דאָרטן בפרט, אַז אויבן, נאָך מער ווי אונטן, האָט אַריינגעשניייט און אַריינגעבלאָזן פון אַלע זייטן.

כאַווטשע, ענגעלצווייגס פרוי, האָט צוזאַמען מיט אירע צוויי קינדער, פאַרנומען אַ באַזונדערן אַלקער. דאָס דינע אויסגעריבע־נע פּאָדלאָגעלע, האָט זיך דאָרט געוויגט ווי אויף שפּרענזינעס.

פאַר איר, האָט מען מיט דער גרעסטער פאַרזיכטיקייט, כמעט מיט סכנות, אין דער פרי און אין אָוונט, אַרויף און אַראָפּגע־טראָגן דורך די שוואַכע דרענגל־טרעפּלעך, דאָס וועגעלע מיטן קינד.

אַמאָל האָט עס געטאָן חיים, אַן אַנדערש מאָל, מרדכי־מענדל, און נישט זעלטן האָט עס אויך געטאָן מאַטיאָס, וועלכער איז דאָ געווען אַן אָפּטער גאַסט. ווען די מענער זיינען גראָד נישט געווען אין הייזל האָבן עס אויך געטאָן די פרויען גופא.

ביי די פיר פרויען וועלכע זיינען געקומען אין דער נייער דירה, האָט עס אויסגעזען ווי זיי וואָלטן געקומען אויף אַ בית־עולם. זיי האָבן איינצלוויז און צוזאַמען געזיפצט, געקרעכצט און זיך אָפּט געווישט די אויגן. זיי זיינען מער ווי די מענער, געווען צע־בראָכן און פאַרביטערט. עס איז אויך געווען פאַרוואָס; אַ חוץ רחל, האָט קיינער פון זיי קיין מאַן נישט געהאַט.

פונדעסטוועגן, האָבן זיי זיך אין די נייע צרות אוןליידן אָנגעהויבן ביסלעכווייז צוצוגעוווינען. זיי האָבן צוגערוימט די קיך, אָפּגערייניקט דעם ברוד, אויסגערויכערט דעם אויוון און אָנגע־הויבן דאָס נייע לעבן.

אַלע צוזאַמען האָבן געקליבן פייכטע צווייגן און אַלטע צע־פלויגענע בלעטער, וואָס האָבן זיך דאָ געפונען לרוב. זיי האָבן זיך געוואַרעמט און אָנגעהויבן קאָכן פון די קאַרגע רעשטלעך

וואָס יעדער האָט מיטגעבראַכט. פאַר אַ פּעטן פּרייז, האָבן זיי אויך באַקומען אַ ביסל קאַרטאָפל ביים מעסיע גולאַר. זיי האָבן ביי אים אַמאָל אויך אויסגעפּועלט אַ קעזל, אָדער אַ ביסל מילך פאַר די קינדער. זיי האָבן דאָס פּשוט אַרויסגעריסן ביי אים, ווייל וואָס פאַר אַ פּרייז ער זאָל נישט האָבן פאַרלאַנגט דערפאַר, האָט ער אַלץ געמיינט אַז ער האָט זיך אָפּגענאַרט. אַ חוץ דעם: — טאָר איך דאָס גאָרנישט פאַרקויפן — האָט ער געטענהט — ווייל אַלץ איז רעקווירירט פאַר די דייטשן!

קיין ברויט־קאַרטן האָבן זיי פאַרשטייט זיך, נישט געהאַט. זיי האָבן געגעסן פון די קאַרגע פּעגעצלעך וואָס מאַטיאַס האָט פון צייט צו צייט געבערענגט, און פון דעם שוואַרצן מעל, וואָס זיי האָבן נאָך געהאַט צו ביסלעך. דערפון, האָבן זיי זיך אויף דער פּליטע געבאַקן „מאַצעלעך". זיי האָבן זיך אויך געפּרעגלט „פּליטשן", פון די געפרוירענע קאַרטאָפל, וואָס מען האָט שוין צום קאָכן נישט געקאָנט באַנוצן.

ביים באַקן און פּרעגלען, האָט זיך צום מייסטן פאַרנומען מרדכי־מענדל, — „דער פּריילעכער לונג און לעבער" — ווי מען פלעגט אים אויפן בעלוויל רופן. ער האָט געהאַט אַ מעטאָדע; אַז פון די זיסלעכע וואַרעמע „פּליטשן" וואָס ער האָט געמאַכט פון די פאַרפרוילטלעכע קאַרטאָפל, זאָל זיך דאָס פאַרפרוירנקייט נישט פילן...

עס איז געווען תחילת אָווגט. אין דרויסן האָט געווייעט אַ ווינט און אַ שניי וואָס האָט אַרומגענומען מיט אימה דאָס אָפּגעזונדערטע און איינזאַמע הייזל וואָס איז געלעגן ווי איינגעזאַפּט אַרום דעם אויסגעקראַכענעם שאָסייעלע, היפּש אָפּגערוקט פון די אַנדערע דאָרפס־הייזלעך.

פון דערווייטנס, דאָרט ווו עס האָבן זיך געפונען די אַנדערע הייזלעך, האָבן אַרויסגעפינקלט פייערלעך. דאָ אָבער, זיינען די שייבלעך געווען פאַרהאַנגען מיט זעק, פלאַכטעס און פאַרשידענע

אַנדערע שמאַטעס. דאָס איז געווען קודם, קעגן אַ „בייז אויג" פֿון דרויסן און אויך כדי צו שטערן דעם ווינט אַריינצובלאָזן דורך די שפּאַרעדיקע פֿענצטער. די פֿאַרהילטע שויבן, האָבן אויך צוגעגעבן אַ ביסל מער היימישקייט.

דאָס נאַפּט־לעמפּל, האָט געברענט אינגאַנצן אַרויפֿגעדרייט און פֿון דער אײַזערנער קיך האָט עס חוצפּהדיק און ווי פֿאַרשייט געשפּריצט מיט פֿונקען. די פֿונקען האָבן פֿאַרפֿרײַלעכט די גיין־צען מענטשן, וואָס כמעט יעדער פֿון זיי האָט געטאָן אַן אַנדערער שטוב־אַרבעט. די קינדער האָבן געפֿילדערט און אַרומגעטאַנצט בײַם פֿייער.

בײַ צוויי פֿון די קינדער — טראָץ דעם וואָס זיי האָבן גע־שטיפּט און געליאַרעמט — האָט אָפּט אַרויסגעפּלייצט אַ טרויער פֿון זייערע קינדערישע אויגן: מען האָט נאָר וואָס בײַ זיי צוגע־נומען זייערע טאַטעס... זיי האָבן געבענקט; זיי האָבן זיך געדרייט ווי וועוויאַרקעס און אַרומגעקרײַזט אַרום די צוויי מענער, ווי זיי וואָלטן געזוכט אַן אַנהאַלט און אַ טרייסט בײַ זיי; אַ דערמאָנונג פֿון זייערע פֿאָטערס...

**הערשעלען** — דעם שוין באַלד פֿיר־יאָריקן זון פֿון זײַן פֿרײַנט שווימער — פֿלעגט חיים דערציילן מעשהלעך און פֿריילע־כע געשיכטעס. ער האָט אים אָפּט אַרומגעפֿירט אין אַ דאָרף־„טוטש־קע", פֿון וואָס דער קליינער האָט געלאַכט און גרויס הנאה געהאַט.

אין אַ געווויסן מאָמענט, ווען מרדכי־מענדל איז געשטאַנען בײַ דער אָנגעהייצטער קיך אַ פֿאַרפֿאַרעטער אַרײַנגעטאָן אין זײַנע פּליטשן און מצהלעך, האָט ער דערשפּירט אַ שטאָך ווי אַ קניפּ אָדער אַ ביס, אין סאַמע רעכטן... הינטן. לכתחילה האָט ער געמיינט — מרדכי־מענדל — אַז עפּעס אַ פֿליענדיקער פֿונק האָט אים דאָרט פֿון הינטן דערגרייכט. ווען ער האָט זיך אָבער גיך אויסגע־דרייט, האָט ער באַמערקט, ווי דער קליינער הערשעלע אַנטלויפֿט שנעל פֿון הינטער זײַנע פּלייצעס: דאָס האָט ער טאַקע, דער

קליינער הערשעלע, געגעבן מרדכי־מענדלען אַזאַ שטאַרקן ביס אין הינטער־חלק...

קיילע, די מוטער פון יינגעלע, איז גלייך אַנגעלאָפן. זי האָט אָנגעשריגן אויף איר זונעלע און געבעטן מרדכי־מענדלען, אַז ער זאָל קיין פּאַריבל נישט האָבן. מיט טרערן אין די אויגן האָט זי אים אויפגעקלערט:

— אַזוי פּלעגט זיך דאָס קינד שפּילן מיט זיין פאָטער, בעת ער איז געשטאַנען אויסגעדרייט...

דער איינציקער וואָס האָט פאַרטריבן די מרה־שחורה פון דעם אנוסים־לעבן אין דעם דאָזיקן האַלב־איינגעזונקענעם הייזל, איז געווען מרדכי־מענדל. ער האָט אָן אויפהער געשיט מיט וויצן און גלייכווערטלעך, ווי אין די אַמאָליקע גוטע ציטן.

אַט האָט ער דערציילט אַ מעשה, אַז אין אַ שכנותדיק דערפל געפינט זיך אַ קו, וועלכע איז מעוברת. איז די מילך ביי איר אַזוי פעט — פאַרזיכערט ער — אַז די דייטשן ווילן זי נישט נעמען. דעריבער — זאָגט ער — וועט ער תיכף ומיד אַהינגיין און ברענגען פון דאָרט אַזאַ קענדל... בעת מעשה, טוט ער זיך אויס זיינע הילצערנע שיך, דרייט אַראָפּ די „אינצעס", די וויקל־שנורן און שטעקט צו די קאַלטע פיס צום ברענענדיקן אויוון. די פאַרבלויטע פאַרפרוירענע פיס, זיינען געווען ווייט פון צו זיין ריין און עס האָט זיך געשפּירט פון זיי אַ גאַר אומאַנגענעמער ריח:

— מנע, או־או, או־ם! — האָט זיך דערהערט פון פאַרשיידענע זייטן:

— מרדכי־מענדל, פאַר וואָס וואַשטסטו זיך נישט אָפּ די פיס? וואָסער איז דאָך דאָ גענוג!

— וואָעס? — ציט ער אויס דאָס וואָרט ווי מיט אַ לאַנגער פראַגע — וואָעס — זאָגט ער נאָכאַמאָל — כ'וועל זיך גיין אָפּוואַשן די פיס אינמיטן אַזאַ שרעקלעכער מלחמה? ווי לאַנג קרענקט

ער! איך וועל זיך פריער נישט אָפּוואַשן די פיס, ביזקל וואַנען היטלער וועט איינגעמען אַ מיתה משונה!

דערנאָך האָט ער די אַלע רייד „באַזונגען" מיט אַ רעפריין פון עפּעס אַ לידל וואָס ער פלעגט אָפט זינגען, בעת ער איז געזעסן אויף אַ באַנק מיט חברים אויפן בולוואַר בעלוויל:

„רבקה, רבקה, ווייז מיר ס'פּנים, יאַנקל גיי אַ דאַרעך!" — אַ לידל וואָס האָט זיך נישט געקלעפּט און וואָס קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען דעם באַטייט.

ער, מרדכי־מענדל, האָט דאָס אויך אויסגעפונען, אַז אין דעם דערנעבנדיקן גרעסערן שטעטל, לעפּאַן־לע־בען באַקומט מען ביי אַ קצב כמעט יעדן טאָג פון זיבן ביז אַכט אינדערפרי, לונג און לעבער אָן קאַרטן.

אונטער זיין אָנפירונג, האָבן זיך כמעט אַ העלפט איינוווי־נער פונעם הייזל אויפגעכאַפּט אַרום פינף אַ זייגער פאַרטאָג, כדי צו מאַכן די קנאַפּע פיר קילאָמעטער דאַרט אַהין, און צו זיין פון די ערשטע ביי דער יאַטקע.

די פריע פרימאַרגנס אין די דאָזיקע טעג זיינען געווען נאָך פינצטערע. דער גאַנג איז אָבער באַלויכטן געווען פון דעם שניי־שימער, וואָס האָט געבלענדט פון די בערג און טאָלן, לענג־אויס דעם גאַנצן וועג.

די מענטשן וואָס זיינען אַרויס פון הייזל האָבן זיך צוגעגרייט ווי צו אַן עקספּעדיציע.

דער שניי האָט געסקריפּעט אונטער די פיס מיט אַ פּישטשנ־דיקן עכאָ און זיך עקשנותדיק צוגעקלעפּט צו די זוילן פון זייערע האָלץ־שיך. ווען דער פראָסט האָט שטאַרק גענומען, און די נישט־רעגלמעסיקע שניי־בערגלעך זיינען געווען פאַרפרוירן, האָבן זיי זיך זיג־זאַגיש געגליטשט. זיי האָבן זיך אָנגעהאַלטן ווי באַרג־קלעטערער, איינער מיטן אַנדערן. אַזוי אַרום האָבן זיי געמאַכט

זייער „לונג־און־לעבער־עקספעדיציע" ביז זיי זיינען בשלום אַנגעקומען קיין לעפּאַן־לע־בען.

אין דער „היים" דאָרט, אינעם הייזל, האָבן די געבליבענע שוין געוואַרט מיט אומגעדולד אויף דעם גרויסן געווינס, וואָס די אוועקגעגאַנגענע וועלן דאָ באַלד אַהיים ברענגען: — אַ קלייניקייט? — האָבן זיי געזאָגט איינער צום צווייטן — לונג און לעבער אַן קאַרטן?

זייער אָפּט איז זייער האָפענונג מקוים געוואָרן: זיי זיינען צוריקגעקומען שפּעט פאַרמיטאָג, שיינענדיקע, מיט צערויטלטע פראַסטיקע פּנימער, מיט די געפּרוּווירענע און אייזיקע שטיקער לונג טאָקע. (זעלטן ווען עס איז אויך געווען אַ פּיצל לעבער) געווען אָבער אויך טעג, ווען זיי האָבן זיך אַריינגעשאַרט איבער דער שוועל פון הייזל, טרויעריקע און פאַרכמורעטע, מיט ליידיקע טאָרבעס — ווי פאַרשעמטע: אָדער די ריי איז געווען צו לאַנג און עס האָט נישט געסטייעט פאַר אַלעמען, אָדער ס׳איז אין דעם דאַזיקן פרימאָרגן, לגמרי קיין לונג און לעבער נישט געווען...

אַזוי האָבן זיך די דאַזיקע ייִדן־־גרופּע געלעבט אין דעם נייעם באַהעלטעניש אין צרות און אין ליידן און זעלטן אַמאָל אויך אין אַ ביסלע פריידן, ביז עס איז אונטערגעקומען אַ פרישע צרה.

# קאפּיטל דרייצן

## דער ארעסט פון מרדכי-מענדלען און חיימען

עס איז געווען אין אַ פּראַסטיקן פאַרמיטאָג.

דער ווינטער פון טויזנט-ניין-הונדערט דריי און פערציק, דער דעצידירנסטיקער פון דער גרויזאַמער היטלער־מלחמה, איז געווען אַ בייזער און אַ שרעקלעכך קאַלטער.

די ליידיקע צווייגן זיינען געווען פאַרפּוכעט מיט שניי און האָבן אויסגעזען ווי אייביקע ווייַנאַכט־בוימער. די פעלדער, די טייכן און די בערג פון דעם שיינעם גרין־גאָלדענעם סאָוואָ, זיינען געווען העל, ווייס און באַדעקט מיט אייז.

אויף אויף די פראָנטן איז אויפגעגאַנגען אַ ווייסע העלקייט; אַ דערנענטערונג און אַ האָפענונג, אַז די נאַצישע חיה־רעה וועט אָט, אָט אויסהויכן איר פאַרשאָלטענע נשמה.

אויפן מזרח־פראָנט, האָט זיך די סאָוויעטישע אַרמיי כסדר געררוקט פאָרויס. אויפן מערב, האָבן די אַלירטע זיך געגרייט צו עפענען דעם אַזוי באַרימטן צווייטן פראָנט.

אין די־אַ טעג, האָט אַן אינטימע געמיטלעכקייט אַרומגענומען דאָס אַנסענער הייזל. דאָס אַלטע איינגעהויקערטע קוימנדל וואָס האָט געבענקט שוין פון יאָרן נאָך אַ ביסל רויך, האָט אין דעם דאָזיקן פריען פאַרמיטאָג טאָקע געבלאָזן מיט אַן אומשולדיקן פריידלעכן רויך.

די פרויען, קיילע און חנהלע, האָבן זיך באַשעפטיקט ביי דער קיך, פון וואַנען עס איז געפלאָסן אַ פאָסנער און צוגערייכטער

ריח פון לונג און לעבער. רחל ווידער, איז געווען פאַרנומען ביים קאָרמען און „ניאַנטשען״ דאָס אַכט־חדשימדיקע עופעלע פון כאַוו־טשע, ענגעלצוויי. זי, כאַוטשע, איז אין דעם פרימאָרגן, אַוועק־געפאָרן איבערן טאָג קיין שאַמבערי צו אירס אַ קראַנקן ברודער, וועלכער האָט זיך דאָרט געפונען אין אַ שטאָטישן שפיטאָל. האָט זיך רחל אונטערגענומען צו האַלטן אירע צוויי קינדער אויף אויפ־זיכט.

מיטאַמאָל, האָט זיך דערזען פון דערווייטנס, אַן אַנפלי, פון צוויי פראַנצויזישע זשאַנדאַרן אויף זייערע ביציקלעטן. לכתחילה, האָבן די איינוווינער פונעם הייזל געמיינט, אַז זיי פאָרן זיך סתם אַדורך ווי געוויינלעך בעת זיי אינספעקטירן פון צייט צו צייט די געגנט פון אַרום.

זיי, די זשאַנדאַרן פון שכנותדיקן שטעטל, שעל, האָבן ביי זייערע שפּאַצירן קיינמאָל נישט געלייגט קיין אַכט אויף דעם פאַרלאָזענעם הייזל, וועלכעס איז פאַר זיי געווען ווי אַ נישט באַ־ווינטס. דאָס מאָל אָבער, האָבן זיי זיך מיט האַסטיקייט אָפּגעש־טעלט, און גלייך פאַרדעקט מיט זייערע שוואַרצע אוניפאָרמען, דאָס נידעריקע שייבל־טירל פונעם אַריינגאַנג.

ווייזט־אויס, אַז דער רויך פון דעם בידנעם קוימנדל — וואָס זיי האָבן אוודאי געזען דאָס ערשטע מאָל, זייט די ייִדן געפינען זיך דאָ — האָט זיי געשטאָכן אין די אויגן? און ער, דער רויך, האָט דאָס מיטאיינמאָל אָפּגעמסרט דאָס הייזל פאַר די זשאַנדאַרן.

און אפשר איז עס גאָרנישט געווען די שולד פונעם רויך אויך; נאָר פונעם ווינט? ווייל פונקט צום שלים־מזל, בעת זייער אַ דורכ־פאַר, האָט אַ בייזער ווינט צעבלאָזן דעם בלוי־פּליסיקן רויך פון אַלע זייטן אַרום דעם הייזל. ביי זייער גאַנצער פאָרזיכטיקייט איז קיינעם פון די באַהאַלטענע נישט איינגעפאַלן, אַז דער רויך אָדער דער ווינט וועט זיי אויסגעבן...

עס איז געוואָרן אַ פּאַניק און אַ בהלה. אַ טייל זיינען אַנט־רינען דורך עפּעס אַ געהיים הינטער־טירל; אָבער חיימען און מרדכי־מענדלען, וועלכע האָבן זיך גראָד געפונען אין אַן אַלקערל פון אויבן, האָבן די זשאַנדאַרן באַוויזן צו פאַרהאַלטן:

— מען האָט אונדז „דערווישט" — האָט מרדכי־מענדל נאָך געהאַט צייט אַרויסצוזאָגן...

— פאַרוואָס זיינען זיך צעלאָפן די אַנדערע פרויען? — האָבן די זשאַנדאַרן געפרעגט רחלען, וועלכע האָט אַרומגעשפּאַנט אַ פאַרצווייפלטע אַהין און צוריק, מיטן העשנדיקן קינד אויף דער האַנט.

נאָכן קאָנטראָלירן חיימס און מרדכי־מענדלס דאָקומענטן, האָבן די זשאַנדאַרן גלייך אויפן אָרט פעסטגעשטעלט:

ערשטנס, אַז זיי זיינען יידן. צווייטנס, אַז זיי באַנוצן זיך מיט פאַלשע פּאַפּירן. און דריטנס, אַז זיי האָבן נישט קיין אַרבעטס־קוויטלעך. נאָך דעם אַלעמען, האָבן זיי זיך געוווּנדערט, די זשאַנ־דאַרן, און איינער צום צווייטן האָט אַרויסגעסיקעט:

— ווי אַזוי מענטשן קאָנען דאָס זיין אין אַזאַ באַראַק?

זיי האָבן זיך דאָך פאַרענטפערט, אַז זיי מוזן דאָס אַלץ אויס־פירן אויפן באַפעל פון די דייטשן.

ביי די אַ־מילדע רייד, האָבן זיי פונדעסטוועגן, אַרויסגעפירט די צוויי מענער.

חיימס רעכטע האַנט, האָט איין זשאַנדאַר צוגעקייטלט צו מרדכי־מענדלס לינקער האַנט, אוןביידע זשאַנדאַרן האָבן אַרויסגע־נומען די רעוואָלווערן...

יעדער פון זיי האָט מיט איין האַנט געפירט זיין ביציקלעט, און מיט דער צווייטער האַנט האָט ער געהאַלטן זיין אָנגעלאָדע־נעם פיסטאָלעט. מען האָט זיי געפירט צו פוס, די אַן ערך צען קילאָמעטער, צו זייער צענטראַלן פּאָליצײַ־פּאָסטן, קיין שעל.

# ק. בענעק

אויפן שטח פונעם דערפל, האָבן פויערטעס פאַרשאַרט די פאַרהענגלעך פון זייערע נידעריקע פענצטערלעך און מיט חידוש־דיקע און צעשראָקענע אויגן אַרויסגעקוקט. טייל זיינען אַרויס אויף די שוועלן. זיי האָבן געבליקט אויף די זשאַנדאַרן; אויף די גע־קייטלטע; אויף די אויסגעשטרעקטע רעוואָלווערן, און געהויבן די פאַרטעכער צו די נעז. אַנדערע האָבן געצייכנט אויף זייערע ברוסטן, אַ קרייץ.

ווען זיי זיינען אַרויסגעקומען אויפן אָפענעם שליאַך, הינטערן דערפל, האָט חיים באַמערקט ווי עס פלאַטערט אַ ווייס טיכל. ער האָט שאַרפער אויסגעדרייט דעם קאָפּ און געזען ווו העט־ווייט, גייט זיי נאָך רחל, מיטן איינגעוויקלטן קינד אויף דער האַנט. אָפּגערוקט נאָך איר, איז אויך געגאַנגען, מאַטיאַס.

דאָס טיכל האָט כסדר געפלאַטערט, ווי די פליגל פון די מעוועס ביי אַ נאַכלויפנדיקער שיף: עס האָט געפלאַטערט און געפלאַטערט, ביז מען האָט עס שוין מער נישט געזען...

אויך די האָר אויף די קעפּ פון די געפירטע, האָבן געפלאַ־טערט פון ווינט. די נעזער זיינען ביי זיי געוואָרן לאַנגער און ווייס ווי די אָנגעשיטע שניי־סטעזשקעס אויף וועלכע מען האָט זיי איצט געפירט.

אַלע פיר, זיינען געגאַנגען שטיל ווי נאָך אַ לוויה.

לאַנג האָט אָבער מרדכי־מענדל דעם צער און די פאַרצווייפ־לונג נישט געקאָנט האַלטן אין זיך.

ווען זיי זיינען אָפּגעגאַנגען אַ צוויי־דריטהאַלבן קילאָמעטער, האָט ער אָנגעהויבן קומען צו זיך. די קנייטשן אַרום זיינע בלאָנדע באַקן, האָבן זיך עטוואָס אויסגעגלייכט. די נאָז האָט צוריק באַקומען אַ מראה. ער האָט צוגעדריקט זיין געקייטלטע האַנט צו חיימס פינגער און מיט איראָניע זיך שטאַרק איינגעקוקט אין ביידנס קיי־טעלעך. באַלד האָט ער צוריק אויפגעהויבן די אויגן און אַריינגע־שעפּטשעט אין חיימס אויער אַריין:

— חיימל, „ווער בין איך ?"...

דערנאָך האָט ער מיט אַן אָטעם־שטים דאָס ווידער אַמאָל באַ־זונגען מיט זיין באַליבט לידעלע פון בעלוויל...

ביי אַ האַלב־פאַרטונקלטן טיש, אין אַ ביוראָ וואָס האָט אויס־געזען ווי אַ פשוטע דאָרפס־שטוב, איז געזעסן דער עלטסטער פון די זשאַנדאַרן און געוואַרט אַז זיינע אונטערגעאָרדנטע זאָלן אים „עפּעס ברענגען". ער איז געזעסן מיט אַ געגעץ אין מויל און פון לאַנגווייליקייט זיך געווישט די אויגן.

דאָס איז געווען כמעט אין דעם זעלבן מאָמענט ווען די צוויי זשאַנדאַרן האָבן געעפנט די טיר און אַריינגעשטופּט די צוויי אומגעריכטע געסט.

דער שעף איז ווי מיטאיינמאָל צוריק וואַכעדיק געוואָרן, און אויסגעהערט דעם ראַפּאָרט פון אייגעם פון זיי.

ער האָט רואיק, באַזאַכט, און נישט אָן צופרידנקייט, אַרויס־גענומען פון אַ שיפלאַד אַ דיק פאַרפעטסט און צעפלאַשעט בוך, אין וועלכן עס ווערט אַריינגעשריבן די טעגלעכע באַריכטן וואָס ווערן צעשיקט אין אַלע זשאַנדאַרמעריעס און פּרעפעקטורן, וועגן די פאַרברעכנס וואָס געשעען טאָג־טעגלעך אין לאַנד:

— או — הו! — האָט ער זיך דאָס מאָל געווישט דעם שטערן אָנשטאָט פריער די אויגן, כאָטש אין דער ביוראָ־שטוב איז עס גאָרנישט איבעריק וואַרעם געווען.

ער האָט ברייטלעך צעמישט דאָס צעפלאָסענע בוך און אַרויס־געלייענט פון דאָרט, נאָך אַ חטא, וואָס די אַרעסטירטע זיינען באַ־גאַנגען:

„אַז חיים קאַמינסקי און מענדל אַשאַראָוויטש, זיינען אַנטלאָפן פון זייערע אַרבעטס־לאַגערן, וווהין זיי זיינען געשיקט געוואָרן אַלס אויסלענדער.

דער עלטסטער האָט באַפוילן די אַרעסטירטע, אַז זיי זאָלן זיך אויסליידיקן און אויסשאָקלען אַלע קעשענעס. אַלץ וואָס עס געפינט זיך דאָרט, אפילו געלט, זאָלן זיי אַוועקלייגן אויפן טיש.

נאָך דער דאָזיקער קליינער רעוויזיע, האָבן די זעלבע צוויי זשאַנדאַרן, אַריינגעפירט חיימען און מרדכי־מענדלען אין עפּעס אַ פינצטערער קאַמער, וואָס האָט געדינט פאַרן שטעטלדיקן אַרעסט־הויז. די זשאַנדאַרן, האָבן מיט זייערע טאַשן־לאָמפּן אָנגעוויזן אויף אַ הויך־הילצערן בעט, אויף וועלכן עס איז געלעגן איינגעקנוילט ווי אין אַ פּלאָנטער, אַ שפּאַרער פּאַק צעריבענע און צעדריוולטע קאָצן און קאָלדרעס, פון דער זעלבער גרוי־מאָכיקער קאָליר וואָס עס האָבן דאָ געהאַט די פייכטע ווענט, די ליימיקע פּאָדלאָגע און דער גאָר נידעריקער קלעצערדיקער באַלקן. דערנאָך האָבן די צוויי שומרים, פאַרריגלט די קאַמער־טיר פון דרויסן, ווי ביי אַן אמתער „נאָרמאַלער" תפיסה...

נאָך דעם ווי מרדכי־מענדל און חיים זיינען געבליבן אַליין, האָבן זיי זיך גענומען „בעטן" דאָס געלעגער. זיי האָבן אָבער צו־ליב דער געפּרעסטער פינצטערניש גאַרנישט געזען, אפילו איינער דעם צווייטן האָט נישט דערקענט... שאַרנדיק אַזוי די צודעקן, האָבן זיך ביידן געפּלאָנטן די הענט. אין דער שטאָק־פינצטערניש, האָט מרדכי־מענדל ווידער אַמאָל געפרעגט:

— און ווער בין איך?

מען האָט ביי זיי צוגענומען די סיגאַרעטן, די שוועבעלעך און אפילו די זייגערלעך אויך. זיי זיינען די גאַנצע נאַכט נישט גע־שלאָפן. זיי זיינען נישט געשלאָפן אויך דערפאַר, ווייל זיי האָבן „כסדר" נישט געוווסט ווי שפּעט עס איז און מורא געהאַט אַז זיי וועלן „פאַרשלאָפן"... זיי האָבן די גאַנצע נאַכט וועלכע האָט זיך געצויגן ווי אַן אייביקייט, געוואַרט, ווי ביי אַ שפּאַנענדיקן ראָמאַן — וועלכער איז דאָס מאָל געווען זייער אייגענער „ראָמאַן" — אויף דעם „פאַרזעצונג קומט"...

ווען עס האָט זיך ביי זיי שוין געפלאָנטערט די געדאַנקען ווי אין אַ קאַשמאַר, האָבן זיי ענדלעך דערהערט אַ געגרילץ אינעם שליסל־לאָך, באַגלייט, מיט אַ ליכט־שיין און דער טיר־שפּאַרע. איינער פון די צוויי נעכטיקע זשאַנדאַרן, האָט זיי „אויפגעוועקט". עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס איז ערשט זעקס אַזייגער פאַרטאָג.

מען האָט זיי געגעבן צו טרינקען, שוואַרצע קאַפע מיט סאַ־כאַרין. די קאַפּע איז געווען העלער ווי זייער נאַר וואָס פאַרלאָזענע אַרעסט־קאַמער און לויטערער ווי דער נאָך טונקעלער דאָרפס־הימל. מרדכי־מענדל האָט ביים טרינקען איינגערוימט חיימען:

— כאָב זעך נאָך נישט אָפּגעגאָסן די נעגל !...

נאָכן „פרישטיק", האָט מען זיי אין דער ביוראָ געמאָלדן, אַז מען שיקט זיי אַוועק אין דער פעסטונג „שאַפאַלי", וועלכע געפינט זיך עפּעס אַ פּאָר געציילטע קילאָמעטער הינטער ליאָן.

אויפן וועג קיין ליאָן, זיינען זיי געפירט געוואָרן, נישט דורך צוויי, נאָר דורך שוין גאַנצע דריי זשאַנדאַרן. מען האָט זיי ווידער אָנגעטאָן די קייטעלעך אויף די הענט און לעבן די טרעפּלעך פון־נעם באַן־וואַגאָן, עס ביי זיי צוריק אַראָפּגענומען.

די דריי זשאַנדאַרן, צווישן וועלכע עס האָט זיך שוין נישט געפונען קיין איינער פון די נעכטיקע צוויי, האָבן זיך באַקוועם צוגעזעצט אויף די געזעסן פון דער ספּעציעל־רעזערווירטער קופּע און גלייך צעשנורט זייערע רוקזעקלעך און „מיזעטן", 1) פון וואַ־נען זיי האָבן אַרויסגענומען זייער צדה־לדרך: אַ פלאַש ווייַן, האַרטע אייער, וורשט, קעז און ברויט. זיי האָבן ווייזט אויס זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן אויף דער מיטאָג־שעה און זיך גלייך גענומען צו דער אכילה.

חיים און מרדכי־מענדל האָבן אַרויסגעקוקט צו די האַלב־פאַרפרוירענע טייכלעך, פעלדער און ראַזון, וועלכע זיינען מיט אימפּעט פאַר דער שויב פאַרבייגעלאָפן. זיי האָבן זיך נישט אומ־

---

1) אַקסל־טאָרבעס

געקוקט אויף דער סעודה, וואָס די דריי שומרים זייערע האָבן דאָ באַצייטנס געפּראָוועט. אָבער ביי די דאָזיקע פראַנצויזישע פּאָליציי־לייט, האָט, זעט אויס, זיך דאָך צעשפּילט די מענטשלעכע געפילן; זיי האָבן אָנגעקלאַפּט אין די אויסגעדרייטע צוויי ייִדנס פּלייצעס, ווי מען קלאַפּט אָן אין אַ טיר, און יעדן פון זיי דערלאַנגט צו בע־כערלעך וויין.

— טיען, פּראַן ען קו!" 1) — האָט אייגער געזאָגט מיט אַן אויסגעשטרעקטע האַנט, בשעת אַ צווייטער האָט צוגעוואָרפן צו איינצלנע אייער און שטיקלעך ברויט.

אויף דעם געפירטן וועג אין זייער באַן־קאַיוטע, האָבן די צוויי חברים כמעט גאָרנישט גערעדט צווישן זיך. אָבער ביים מאָ־נאָטאָנעם געזשום צווישן די באַן־רעלסן, איז ביי יעדן פון זיי געפלאָסן און זיך געוועבט, אַנדערע מחשבות.

ביי דעם שטענדיק אויפגעלייגטן מרדכי־מענדלען, האָט זיך דאָ, צווישן די „גוטע" זשאַנדאַרן, מיט איינמאָל, זיין פרייִלעכקייט אָפּגעטאָן.

אָנשטאָט די אַדורכלויפנדיקע טייכן, פעלדער און ביימער. האָט ער איצט געזען זיין בעלוויל: די היימלעכקייט און דעם לוס־טיקן גערויש, יעדן זונטיק פּאָרמיטאָג אויף דעם ברייטן בולוואַר, ווען ער פלעגט זיך צונויפקומען מיט זיינע גוטע ברידער צו אַ גלעזל אין דער שענק ביי וואַרשאַווסקין, אָדער גאָר אין דער היימישער אָנגערויכערטער „קאַפע לימיער".

ער איז איינגעהילט געוואָרן אין טרויער, ווען עס איז אים אַדורך דאָס געשטאַלט פון זיין פרוי, די שטענדיק ליידנדיקע און פאַרליבנעמענדיקע שרהלע.

די קינדער: די פיר מיידלעך. איינס קלענער פאַר דער צוויי־

---

1) נעם און טרינק!

טער. אָרעמע, שטילע, אָבער שטענדיק ריין אָנגעטאָענע און צו־געקעמטע. און ווי די מאַמע, האָבן זיי אויך אַלץ גענומען פאַרליב.

— אָ, ווו זיינען זיי איצט, דאָס ווייב מיט די קינדער ?...

חיים ווידער האָט אין זיינע טראַכטענישן פאַרגליכן דעם איצ־טיקן וועג, מיט דעם וועג, בעת ער איז געפאָרן צוזאַמען מיט זיין רחלען, צו זייערע אייגענע און נאָענטע אויף דער פרייער זאָנע — חאָטש אין איר אינערלעכער שרעק און אנגסט — האָט ער איצט נאָכאַמאָל געזען איר מוטיקע האַלטונג. ער האָט געזען דאָס זילבערנע צלמל וואָס האָט זיך געהוידעט מיט אומרו — טאָקע ווי אַן „אומרו" פון אַ זייגער, אַהין און אַהער — אויף איר שיינעם שפּיציקן האַלדז־אויסשניט. אירע פאַרשלאָסענע ליפּן, די בלישטשדיקע אויגן... ער האָט געפילט איר דיסקרעטן, נער־וועזן האַנט־דרוק און גאַר באַזונדער אירע פולע ליפּן, נאָכן פאַר־לאָזע דעם וואַגאָן דורך די דייטשע קאָנטראָלערן, בעת זיי האָבן זיך ווידער צוזאַמענגעטראָפן.

אויך די באַהאַלטענע שטיבלעך פון פּאַסאַזש ד'עפּאטאריא האָט איצט פאַר אים אַדורכגעשוועבט, ווו ער מיט רחלען האָבן זיך אין די ערשטע טעג איינגעאָרדנט: רענגאַנטשיק... די באָבע זשאַרזש... אונטער וועמענס אָרעמס זיי זיינען געפירט געוואָרן צום ליאָנער וואָקזאַל; דעמאָלט זיינען זיי ביידע נאָך געווען פול מיט דערוואַרטונג. ער האָט געזען די אַלע פאַרגאַנגענע בילדער און געבענקט נאָך זיי. אָבער היינט ? וווהין פירט מען אים איצט ?

ווען דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם האַלב־פּוסטן וואָקזאַל פון דעם אַמאָליקן אַזוי רוישנדיקן ליאָן, האָט מען די צוויי געפירטע ווידער אָנגעטאָן די קייטעלעך אויף די הענט.

מען האָט זיי צוגעפירט צו אַ טראַמוויי וואָס פירט די פּאָר קילאָמעטער צום „שאַפּאַלי".

צווישן באַן־הויף און טראַמוויי, האָבן די ליאָנער איינוווינער שטאַרק אָבסערווירט די צוויי געשמידטע און זייערע באַגלייטער.

דער גרעסטער טייל האָבן דורך זייערע בליקן און זשעסטן געגעבן צו פאַרשטיין, אַז זיי ווייסן, אַז דאָס זיינען נישט קיין פאַרברעכער, אַז דאָס זיינען קרבנות פון דעם אומברחמנותדיקן אָקופּאַנט. זיי האָבן געוואָרפן טרייסט־ און באַדויערונגס־שמייכלען צו די געפירטע און פול האַס און צאָרן אויף זייערע פירער. אַנדערע אָבער, וועלכע האָבן זיך נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון, האָבן פשוט געמיינט אַז דאָס זיינען טאַקע גנבים אָדער גאָר באַנדיטן.

זיי האָבן זיך זייער שלעכט געפילט — חיים און מרדכי־מענדל — מיט זייערע געקייטלטע הענט — אפילו אויף דעם קורצן שטח, צווישן וואָקזאַל און טראַמוויי. דאַן האָט חיים זיך געווענדט צו די זשאַנדאַרן און געבעטן, אַז מען זאָל ביי זיי אַראָפּנעמען די קייטעלעך:

— עס איז אַ שאַנדע — האָט ער געזאָגט, חיים — אַז אומשולדיקע מענטשן זאָלן געפירט ווערן טאַקע ווי באַנדיטן און רויבער!

זיי האָבן זיך פאַרענטפערט — די זשאַנדאַרן — אַז זיי מוזן דאָס טאָן, ווייל אַנדערש, זיינען זיי אַליין איינגעשטעלט צו ווערן אַרעסטירט.

⁂

צווישן אַ פאַרלאָשן אָפּגעליידיקטן שטח אַרום אַ נאַקעטן פוסטן פעלד, מיט נידעריקע בערגלעך און פלאַכע טאָלן, וואָס האָבן אויסגעזעען ווי צעאַקערטע שוץ־גרובן, איז געלעגן די אַלטע פעסטונג „שאַפּאַלי".

ביז צו דער מלחמה, איז דער שלאָס געווען ליידיק און איז צו גאָרנישט באַנוצט געוואָרן. אָבער נאָכדעם ווי די נאַציס האָבן אָקופּירט ליאָן, האָבן זיי באַפוילן, אַז די פעסטונג זאָל ווערן באַנוצט אַלס צייטווייליקער איבערגאַנגס־לאַגער פאַר געכאַפּטע ייִדן און באַלשעוויקן, ביז מען וועט זיי איבערפירן אין אַ „געהעריקסטאַבילן" לאַגער.

נאָך דעם ווי די זשאַנדאַרן פון שעל, האָבן איבערגעגעבן די צוויי אַרעסטירטע אינעם רשות פון דער „שאפאלי"־אַדמיניס־טראַציע, האָט מרדכי־מענדל און חיים אָנגעהויבן זיך אַרומקוקן ווו זיי געפינען זיך:

דער אַלטער שלאָס, וועלכער איז געלעגן אין אַ טאָל, איז געווען אַרומגענומען מיט אַ פעסטער פאַרצייטיקער מויער, און ווי דער שטייגער ביי אַ פעסטונג, מיט אָפענע זעעודיקע און גע־היימע לעכער און שפּאַרעס, פאַר קאַנאָנען־רערן, קעגן אַ דרויס־דיקן לויערנדיקן שונא.

אויך איצט האָט געלויערט אַ שונא! אָבער דאָס מאָל איז דער שונא געווען פון אינעווייניק...

עס האָבן זיך אַרומגעדרייט, שטרענגע מונדירטע און ציווילע וועכטער, מיט שפּיזיקע ביסטרע אויגן, צונויפגעזאַמלטע פון דאַרדאַנס און פעטענס מיליץ, וועלכע האָבן געוואַכט אויף די געשלענגלטע הויפן, אויף די וואַך־טורעמלעך און אויף די פאַר־בינדונגס־בריקלעך, כדי אַכטונג צו געבן צו די געחאַפּטע „יודען און באָלשעוויקן" פּרווון נישט אַמאָל צו אַנטלויפן אין פאַרלויף פון זייער אַרבעט, צו וועלכער מען האָט זיי דאָ אויסגענוצט.

— טראָץ דעם, וואָס קיינער וואָלט סיי ווי נישט געקאָנט אַנט־לויפן דורך דעם פאַרצוימטן הויכן פּלויט, וועלכער איז געווען אַרומגענומען מיט געדיכטע שטעכל־דראָטן.

נאָכן ערשטן „אַפּעל", אין וועלכן חיים און מרדכי־מענדל האָבן שוין אויך „אַנטייל" גענומען, האָט מען מרדכי־מענדלען צוגעטיילט צו די שווערסטע אַרבעטן אויף די הייף: גראָבן גריבער און אויפלאָדן די ערד, זאַמד און שטיינער, אויף די קאַ־מיאָנען אַרויף. מען האָט אים אויך „מכבד" געווען, מיט וואַשן די קרוכלע שטיינערנע דילן, טרעפּן, אין די ווילגאַטנע טונקעלע קאָרידאָרן. און אַלס צולאָג — אַלס „דעסער" — ווי ער אַליין, מרדכי־מענדל האָט זיך שפּעטער געוויצלט — מיט רייביקן די נישט קאַנאַליזירטע... קלאָזעטן.

דאָקעגן, האָט עס עפּעס חיימען גאָר אָפּגעגילט: פון דער ברייטער אַפּעל־ריי האָט מען אים באַפוילן, מעשה מיליטעריש, צו מאַכן אַ „טריט אַרויס!" און מען האָט אים באַשטימט — ווי עפּעס דורך אַ גרויס געווינס — אַז ער זאָל זיך פאַרנעמען מיט די קאַרביט־לאָמפּן וועלכע באַלייכטן דאָ די צענדליקער צימערן, ביוראָס און קאָרידאָרן און טרעפּן; מחמת קיין עלעקטרישע באַ־לייכטונג איז נאָך דאָ קיינמאָל נישט געווען איינגעפירט.

חיים האָט דאָס געדאַרפט נעמען די עטלעכע צענדליק לאָמפּן אין זיין רשות אַריין: זיי אָנפילן אינעם משך פון טאָג מיט פרישן קאַרביד, צעהענגען זיי אויף די ערטער און צומאַרגנס אינדערפרי, אַרויסוואַרפן דאָס אַש, אויסרייניקן און ווידער צו־גרייטן צום ברענען. קיין אַנדערע אַרבעט צו דעם, האָט מען אים נישט צוגעגעבן.

צו דער־אַ פיינער ספּעציאַליזירטער באַשעפטיקונג וואָס אַלע האָבן אים דערמיט מקנה געווען — האָט מען אים נאָך צוגעג־געבן דעם טיטל: —„לאָמפּיסט".

ווען חיים איז אַרומגעקראָכן אין די הייפלעך און קאָרידאָרן מיט זיינע לאָמפּן און זיך אָנגעטראָפן מיט זיין חבר מרדכי־מענ־דלען ביי דער זייער שווערער אַרבעט וואָס ער פירט דאָ אויס, האָט עס אים פאַרקלעמט ביים האַרצן. ער האָט זיך עס גאַרנישט געקאָנט פאַרגינען, פאַר וואָס אים איז צוגעטיילט געוואָרן אַזאַ לייכטע אַרבעט און נישט מרדכי־מענדלען. ער וואָלט זיך גערן אַ ביסל געטוישט מיט זיין חבר, בפרט, אַז יענער איז עלטער און אָפּ־שר אויך שוואַכער פון אים. ער האָט אָבער גאַרנישט געקאָנט אויפטאָן, חיים. ער האָט צוגעזען מיט ווייטיק, ווי זיין עלטערער חבר באַוועגט זיך אויפן קאַלטן דיל, אַ פאַרשמירטער און אַ אויס־געווייקטער. ער האָט אָבער נישט באַמערקט חיים, אַז מרדכי־מענדל זאָל זיך עפּעס מאַכן דערפון; פאַרקערט: אַדורכגייענדיק לעבן אים, האָט ער געהערט ווי ער זאָגט כמעט צו זיך אַליין

זיין שטענדיק ווערטל: „ווער ב״ן איך?"... אָבער אַנשטאָט דאָס צו באַזינגען מיט זיין באַליבט לידעלע, האָט ער דאָס מאָל זיך אָנגערופן:

— היימל, האָסט אַרויסגעצויגן דאָס גרויסע געווינס!...

אין אַ לאַנגער כמורנער שטוב ווי אַ קאָרידאָר, האָבן זיך געפונען צוויי און דריי־גאָרנדיקע נאַרעס. דאָרט זיינען זיי גע־שלאָפן מיט נאָך עטלעכע צוואַנציק אַרעסטירטע צוזאַמען. די פּאָר אויסלענדער, גישט יידן, זיינען באַשטאַנען לרוב פון אַר־בעטער, וועלכע האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו פאָרן אויף אַרבעט קיין דייטשלאַנד, אָדער אַנטלאָפענע פון זייערע פּראָוואַנציזישע אַרבעטס־לאַגערן. און טראָץ דעם וואָס דער „שאַפאַלי" איז געווען אַ לאַ־גער בלויז פאַר „יודען אונד באַלשעוויקן", האָבן זיי זיך דאָ דער־ווייל געפונען: מען האָט זיי געכאַפּט אויף דער „הייסער מינוט" און זיי דאָ דערווייל אַריינגעוואָרפן. אָבער די מערהייט איז דאָ באַשטאַנען טאַקע, פון יידן וועלכע מען האָט אַרעסטירט אָן שום טענה־ומענה און אָן שום אויסרייד.

זיי אַלע צוזאַמען, האָבן דאָ אין דער לאַנגער שווייסיקער שטוב, אָפּגעאָטעמט אין די אָוונטן נאָך זייער שווערער אַרבעט. טייל זיינען געלעגן אויף זייערע קויקעס און אַנדערע האָבן זיך פאַרזאַמלט אַרום דעם ציטערדיקן בלאַסן קאַרביד־פלעמל, ביי וועלכן זיי האָבן זיך איבערגעגעבן דעם פאַרלויף פונעם אַדורכ־געמאַכטן טאָג. זיי האָבן געשמועסט פון די פראָנטן און זיך אויס־דערציילט זייערע פאַרשידענע לעבנס־געשיכטן און זכרונות פון אַמאָל...

געווען איז דאָ אויך אַ באַיאָרטער אַנטווערפענער ייִד וועל־כער האָט שטענדיק געטראָגן אַ יאַרמעלקע אויפן קאָפּ, פאַרשטייט זיך אַ פרומער. ער האָט זיך אָפּט אָפּגעזונדערט פון אַלעמען. ער איז געווען דער איינציקער וואָס האָט כמעט הויך אויפן קול כסדר געזיפצט און געקרעכצט אויף דעם: „וואָס מיך האָט געטראָפן!"

ווען מרדכי־מענדל האָט אים אויסגערעדט, פּרובירט אים צו טרייסטן און אים געמוטיקט, צוזאַמען מיט אַ פּאָר אַריינגעוואָר־פענע הייטערע גלייכווערטלעך, האָט דער בעלגישער ייִד אים אָפּגעווענדט:

— לאָזט שוין אָפּ יונגערמאַן מיט אייער לצנות! אָבער פאַר וואָס האָט מען מיך דאָ אַהערגעבראַכט? — האָט ער זיך ווי שיער געבייזערט אויף אים — ווי ער, מרדכי־מענדל, וואָלט דאָס אין דעם שולדיק געווען פאַר וואָס מען האָט אים דאָ אַהערגע־בראַכט — ווי קום איך דאָ אַהער? — האָט ער זיך ווידער גאָר ווי געבעטן ביי אים — איך בין דאָך אַ ייִד אַ סוחר!

מרדכי־מענדל האָט זיך געפילט עטוואָס באַליידיקט פון די „טענות" וואָס דער ייִד האָט געהאַט צו אים, און אים געלאָזן געענטפערט:

— וואָס האָט איר געמיינט ר' ייִד, אַז מען וועט אייך שיקן אין אַ לאַגער פון סוחרים?...

מרדכי־מענדלען אַליין אין אָבער אויך נישט גוט געווען. ער האָט געהאַט כמעט די שווערסטע אַרבעט פון לאַגער און צומאָל נישט געהאַט דאָס מזל צו קריגן עפּעס צוגעטיילט, פון די ברעק־לעך און קרישקעס וואָס עס איז אָפּגעפאַלן פונעם צעשניטענעם ברויט, וואָס מען האָט עס דאָ אויסגעטיילט יעדן טאָג אַלס „פּרע־מיע", צו די וועלכע האָבן זיך צומבעסטן אויפגעפירט...

אַ חוץ דעם, איז ער געווען אַ שטאַרקער רויכערער. ער האָט כסדר גענישטערט אין די קעשענעס פון זיין אַראָפּהענגענ־דיקן רעקל, כדי צונויפצוזאַמלען אַ ביסל טוטין־שטויב. ער האָט געקראַצט און געקראַצט און שיער נישט אויסגעקראַצט אַ לאָך אין דער טאַש. און ווען עס איז אים דאָך אַ מאָל געלונגען פון אַלע קעשענעס צוזאַמען צונויפצושאַרן אויף אַ סיגאַרעטל, האָט ער דאָס פאַרדרייט אין אַ שטיקל צייטונגס־פּאַפּיר און דערמיט פאַרצויגן דעם הונגער פאַרן איינשלאָפן אויף זיין נאַרע.

דערווייל איז זיך דאָ געגאַנגען דאָס שווערע לאַגער־לעבן מיט זיין „נאָרמאַלן" גאַנג:

צוויי מאָל אין טאָג „אַפּעלן", און יעדעס מאָל: „לאַמפּיסט! — אַרויס פון דער ריי!" די אַנדערע, האָט מען באַוואַכט און גע־פירט צו פאַרשידענע שווערע אַרבעטן: שמוץ און הונגער. די טעגלעכע ברויט־ראַציע און די וואַסערדיקע זופּ. האָט קוים גע־סטייעט אויף איין מאָלצייט. און צוזאַמען מיט לייז און וואַנצן, האָט נאָך ביי יעדן צוגעגריזשעט אַן אומרו: וואָס וועט זיין ווייטער?

אין איינעם פון אָט די טעג, האָט זיך געדראַפּעט אויף די בערגלעך און קרייץ־וועגן פונעם שאַפּאַלי־לאַגער, אַ בלאָנד גי־דעריק מענטשל. אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ צוגעשנורט פּעקעלע און אין דער צווייטער האַנט האָט ער געהאַט אַ לענג־לעך ברויט און געוויגט דערמיט ביז צו דער לאַנגער שטוב וווּ עס האָבן זיך געפונען מרדכי־מענדל מיט חיימען.

די בלאָנדע געשטאַלט וואָס איז פּלוצים אויסגעוואַקסן ווי אַ מלאך, איז עס געווען, דער קליינער פלאַקס־האָריקער מאַטיאַס, דער „קאָמי" אָדער „פּאַראַבעק", פון דער מאַדאַם ווידאַלס ווילע פון סאַלין־לע־לאַק.

אַלס עכטער פראַנצויז, איז ער געשיקט געוואָרן פון רחלען מיט אַ ביסל עסנוואַרג, בכדי עטוואָס צו לינדערן דעם הונגער, כאָטש לפי־שעה, פאַר איר חיימען און זיין פריינט.

אמת, אַז דאָס ברויט האָט רחל אָפּגעשפּאָרט פון איר אייגן מויל; אָבער דאָס ברייטל איז דאָס מאָל אויך געווען אַלס סימבאָל, ווי אַ גרוס און אַלס עדות, אַז זי לעבט און אַז זי טראַכט פון אים.

ווידער, מיט אַן ערך אַ צען טעג שפּעטער, האָט זיך אומ־געריכט באַוויזן אויף די הייפלעך פון דער פעסטונג, רחל אַליין; זי האָט זיך דערשלאָגן מיט גרויס סכנות; מיטן „פּערמיסיאָן" 1)

1) דערלויבעניש

## ק. בענעק

אין דער האַנט, אַזש ביז צו דער לאָמפּן־בודע, ווו עס האָט זיך געפּאַרעט חיים אַרום זיינע לאָמפּן, און ביי זיינע זעקלעך קאָר־ביד־שטיינדלעך.

איר פּנים איז געווען זייער אָפּגעמאָגערט. אירע הענט און ליפּן האָבן לייכט געציטערט. אַ צער און אַ ווייטיק האָט אַרויסגע־שלאָגן פון אירע האַלב־פאַרלאָשענע אויגן. זי האָט זיך געשלייכט ווי אַ טויב אַרום אים. זי האָט גאַרנישט דערציילט וואָס זי האָט אַלץ אַדורכגעמאַכט זייט זי איז צעשיידט געוואָרן פון אים. אַנ־שטאָט דעם, האָט זי צעעפנט איר קוישל און אַרויסגענומען פון דאָרט, אַ ביסל שפּייז־פּראָדוקטן און אַ פּעקל טאַבאַק צו רויכערן פאַר מרדכי־מענדלען און חיימען.

אויך ביי חיימען זיינען די אויגן פאַרלאָשן געווען. פון־דעסטוועגן, האָבן זיי זיך מער אַדורכגערעדט מיט די אויגן ווי מיטן מויל... דורך אירע קנאַפּע ווערטער, האָט זיך חיים דערוווּסט, אַז פונעם הייזל אין אַנסען, פון וואַנען די זשאַנדאַרן האָבן אים אַרויסגענומען, זיינען זיך כמעט אַלע צעלאָפן, געבליבן איז בלויז זי, רחל, און כאַוטשע ענגעלצווייג מיט די צוויי קינדער, ווייל זיי האָבן קיין אַנדערע ברירה נישט געהאַט.

## קאפיטל פערצן

# אין לאנד פון ווײַן און... שטײנער.

אין דעפּאַרטאַמענט פון אַרדעש, אינעם קלײנעם פּרימיטיוון דאָרף־שטעטעלע, סען־זשאַן־לע־סאַנטער, צווישן הויכע באַגריכ־טע און נאַקעטע בערג, געפינט זיך אַ „קאַריער". 1

פון אויבן — איבער די באַוואַקסענע און גאָלע שטײנבערג און סקאַלעס — נעצן, מיט ליניעס פון עלקטריזירטע קאַבלען און דראָטן, אויף וועלכע עס גליטשן זיך, הוידען און לויפן, הענ־דום־פּענדום, אַהין און אַהער; הענגענדיקע וואַגאָנעטקעס, ווי אין אַ מיש־מאַש. די וואַגאָנעטקעס, ברענגען אַראָפּ פון דער הייך די ריזיקע מיט דינאַמיט אויפגעריסענע שטײנער, ווו זײ ווערן אונטן, אויף דער פלאַכער ערד, צעקלאַפּט און צעקרישלט אויף פאַרשי־דענע גרײסן, ביז אויף זאַמד־שטויב אפילו.

פון אונטן ווידער, ווערן זײ צעשיט אין זעק און אין ריזיקע בלעכענע קאַסטנס און זײ ווערן פאַרלאָדן אין קלענערע וואַגאָנען, וואָס פירט זײ אויף שינעס ביז צום באַן־פלײן, וואָס עס איז ספּע־ציעל אויסגעבויט געוואָרן פאַר דער „קאַריער".

אַ חוץ מיט איר באַרימטער שטײן־האַקערײ, איז דער אַר־

---

1) שטײן־האַקערײ.

דעש און אויך דאָס קליינע סען־זשאַן־לע־סאַנטער־שטעטעלע באַ־קאַנט — אין דער שוין באַלד דרום־געגנט — מיט אירע צע־בליטע ווייַן־פעלדער און ווייַן־גערטענער, ווו כמעט אויף יעדן ראָג געפינט זיך אַ טרונק־קעלער, ווו מען קאָן זיך אויסשווענקען בחצי חינם די לונגען, פון דעם צעפלאָסענעם זאַמד־שטויב, וואָס די באַרג־איינוווינער אָטעמען אין זיך אַריין כמעט דאָס גאַנצע יאָר.

אָט אין דעם דאָזיקן „לאַנד פון ווייַן און שטיינער", האָט מען אין אַ שיינעם פרימאָרגן, ביים „אַפּעל" אין שאַפּאַלי", פּלוצים חיימען געמאָלדן, אַז מען שיקט אים אַהין אַרבעטן דאָרט.

ער האָט זיך באַין־ברירה געפּאַקט זיין אָרעם קלומיקל; פאַר־לאָזט אַלץ און אַלעמען און מיט יעדן זיך געזעגנט. באַזונדער האָט ער זיך רירנדיק, מיט טרערן אין די אויגן, צעקושט און זיך האַרציק געזעגנט מיט זיין חבר מרדכי־מענדלען, מיט וועמען ער האָט צוזאַמען מיטגעמאַכט אַזאַ גרויסן ליידנס־וועג...

דאָס ערשטע מאָל זייט ער קען מרדכי־מענדלען, האָט חיים באַמערקט, ווי בלישטשנדיקע קייקעלעך האָבן געגלעצט אונטער זיינע ווִיעס...

ווידער האָבן אים געפירט זשאַנדאַרן, די אַן ערך הונדערט קילאָמעטערדיקע שטרעקע, פון ליאָן ביז פּריוואַ — די הויפּט־שטאָט פון אַרדעש. דאָס מאָל אָבער, איז ער געזעסן צווישן די שטרענגלעכע זשאַנדאַרן איינער אַליין, ווי אַ יתום...

יעדעס מאָל, נאָך אַזאַ פרישער ענדערונג, האָט ער עפּעס געבענקט חיים, נאָך דעם פאַרגאַנגענעם, כאָטש, ווי גרוילעך דאָס פאַרגאַנגענע זאָל נישט האָבן געווען. ער האָט שוין איצט קיינעם נישט... אָט אין אַזאַ געמיט־צושטאַנד, איז ער אָנגעקומען אין דער „קאַריער"־ביוראָ, ערגעץ אויף די הויכן פון אַרדעש.

אַ הילצערן ברעט מיט אַ שטרוי־זאַק און אַ שמאָל בלעכן שענקעלע ווי אין אַ באָד, האָט מען אים אָפּגעגעבן אין איינעם

פון די באַראַקן וועלכע זיינען געלעגן צופוסנס פון דער „קאַריער״. אין דעם זעלבן באַראַק, ווו עס האָבן זיך געפונען נאָך אַ היפּשע צאָל צוואַנגס־אַרבעטער נישט יידן, איז אויך געווען אַ יונגער יוגאָסלאַוו וועמען מען האָט גערופן אַנדזשעלאָס.

דער אַנדזשעלאָס, וואָס זיין נאַיווקייט און פּשוטקייט איז אים געליגן אויף זיין פריערדיש פנים האָט געהאַט ווייזט אויס, נאָר איין טעמע צום ריידן: וועגן „זיין טיטאָ״. ער האָט מיט אַ פריי־מיטיווער איבערגעגעבנקייט פּשוט פאַרגעטערט זיין גרויסן לאַנדס־מאַן, דעם מאַרשאַל פון יוגאָסלאַוויע:

ווען נישט אונדזער טיטאָ — האָט ער געזאָגט כמעט אַן פאַרטרויען צו חיימען, ווי נאָר ער איז איבערגעטרעטן דעם באַראַק — וואָלטן די דייטשן נישט געהאַט אַזאַ מפּלה ביי סטאַלינ־גראַד!

אָבער חיים האָט איצט אין די ערשטע מינוטן פון זיין אָנקומען נישט געהאַט דעם קאָפּ און דעם חשק צו פאַרפירן מיטן פרעמדן יוגאָסלאַוו אַ שמועס אַזש וועגן טיטאָ. ער האָט געהאַט אַנדערע זאָרגן. באַזונדער, האָט ער זיך געדאַרפט איינאָרדענען זיין ווינקל און זיך צוגרייטן צו קאָנען זיין צומאָרגנס אינדערפרי פּינקטלעך ביי דער אַרבעט.

צומאָרגנס זיבן אַזייגער אינדערפרי ווען די שאַרפע באַרג־לופט האָט נאָך אַלץ צעבלאָזן די צעמאָלענע שטויבן פון דער „קאַריער״, האָט זיך חיים שוין געפונען אין אונטערשטן אָפּטייל פון דער שטיינהאַקעריי. דאָ האָט ער שוין נישט געהאַט אַזאַ מזל ווי דאָרט אין „שאַפאַלי״ ביי די לאָמפּן. דאָ האָט מען אים צוגעשטעלט צו אַן אַרבעט אַ גאָר שווערע, כמעט איבער זיינע כוחות: אַ גאַנצן טאָג צו פירן אַן איין־רעדערדיק האַנט־וועגעלע מיט זאַמד און שטיי־נער פון איין פונקט צום צווייטן.

צווישן די אַלע אויסלענדישע אַרבעטער, ווו עס זיינען אויך געווען באַשעפטיקט אַלס ספּעציאַליסטן פראַנצויזן, איז ער דאָסמאָל

געווען דער איינציקער ייִד. אַ חוץ די אַדמיניסטראַציע, האָט דאָס קיי־נער נישט געוווּסט, אַזוי, אַז עס איז געווען אַ ריזיקע דאָס אַרויסצו־ווייזן.

אין די זונטיקס, ווען מען האָט נישט געאַרבעט, איז ער גע־זעסן אין פאַדער־הויז, און געשריבן זיינע פאַרבענקטע בריוועלעך צו רחלען. דערביי האָט ער מיט דער לינקער האַנט פאַרשטעלט דאָס בייגעלע פּאַפּיר, כדי מען זאָל נישט באַמערקן די געקעסטלטע יידישע אותיות וועלכע האָבן אים שרייבנדיק אַזוי געשראָקן און... געוואָרעמט.

ער האָט געשילדערט רחלען, זיין לאַגע, און איר איבערגעגעבן די סכנה וואָס עס שטייט אים דאָ פאָר: אַז פון צייט צו צייט קומען דאָ אַהער געשטאַפּאָ־אַגענטן וועלכע זוכן און נישטערן אין די קאַנ־צעלאַריע־ביכער און זיי פרעגן זיך אויס אויף פאַרדעכטיקע און אויף יידן.

אַ גאַנצע וואָך, ביי דער זייער שווערער אַרבעט; ביים הו־האַ פון די פליענדיקע וואַגאָנעטקעס און גערויש פון די מאַל־מאַשינען — כאָטש ער איז געווען מיד, צעבראָכן און אָפּט הונגעריק — האָט ער זיין איינזאַמקייט נישט אויף אַזוי פיל אָפּגעפילט. ווען עס איז אָבער געקומען דער פרייער זונטיק, ווען מען האָט נישט געאַרבעט; ווען דער „קאַריער"־שטח האָט אויסגעזען ווי אַ שטיל פאַרלאָזן אינדזל; מחמת אַלע זיינען זיך צעקראָכן אין די דערנעבנדיקע דערפלעך און שטעטלעך צו זייערע פריינט און באַקאַנטע: דעמאָלט האָט איצט חיים אויף רעכט אַרויסגעפילט זיין עלנטקייט.

אין אַזעלכע זונטיקס, נאָך דעם ווי ער האָט געענדיקט זיינע בריוו צו רחלען, האָט ער געשלענגלט די סטעזשקעס און די זיג־זאַגיש־מאָכיקע וועגן ביז טיף פון די בערג אַראָפּ, צום דאָרף־שטע־טעלע, סען־זשאַן־לע־סאַנטער.

וואָס האָט ער דען געקאָנט זען דאָרט אין דעם פּיטשניקן אָרט — וואָס דער נאָמען איז שוין באַלד געווען גרעסער ווי דאָס דערפל

— אין אַ זונטיק, ווען די צוויי־דריי געוועלבלעך און אפילו דאָס האַלב־איינגעפאַלענע קלויסטערל איז געווען פאַרמאַכט?

ער האָט געזען אַן אַלטע פאַרזשאַווערטע ברונעם מיט צע־דריוולטע פייכטע שטריק, אין סאַמע „צענטער" פון זאַמדיקן דאָרף־פּלעצל. ער האָט געזען עטלעכע מעקנדיקע ציגן, אַ מעלה־גרהנדיקע קו, און צוויי נאַקעט־אויסגעשפּאַנטע פערד, וועלכע זיינען ווי ער, הייִנט פריי פון דער אַרבעט, און אויך ווי ער, שפּאַצירן זיי זיך אַרום מיט לאַנגווייל.

אין דעם איינעם שטיקל קאַפּעלע וואָס איז יאָ געווען אָפן, איז קיינער נישט געווען. די „פּאַטראָנקע", די אייגנטימערין, — אַן אַלטע פויערטע מיט אַ געלעכערטן שטרויענעם זון־הוט אויפן קאָפּ — האָט זיך עפּעס געפּאָרעט אין הינטערגרונט. זי האָט פּונקט געהאַלטן אין „אויסליסקען" אַ פולע שערץ מיט אַרבעס־שויטן. ווען זי האָט זיך אויסגעדרייט און אים דערזען, האָט זי זיך ווי דערפרייט און גענומען אייַנטענהן מיט אים:

— עפּעס אַ ניי פּנים זע איך! פון וואַנען יונגערמאַן? פון פּריוואַ, אָדער אַוודאי פון ליאָן — האָט זי זיך אַליין געענטפערט — אַלץ ציט דאָ אַהער, צו דער פינצטערער קאַריער משטיינס־געזאָגט; נאָך ווייניק מענטשן דאָ אומגעקומען? מיין זון... פאַר־צוקט געוואָרן צווישן די עלעקטרישע הייב־מאַשינען! קומט מען נאָך דאָ אַלץ אַהער ווידער! ווי איז צו דער מאַמען!

חיים האָט אויף דעם אַלעם גאָרנישט געהאַט וואָס צו ענט־פערן. ער האָט איר נאָר געפרעגט, צי מען קריגט נישט דאָ עפּעס אַ צייטונג צום לייענען. זי האָט אים געענטפערט כמעט מיט בטול:

— כ'האָב עפּעס יאָ געהערט אַז ס'געפינט זיך דאָ עפּעס אַ „קאַנאַר" 1) עפּעס אַ „קוריער", נאָר איך האָב אים נאָך קיינמאָל נישט געזען. באַזונדערס — האָט זי זיך ווי געוווּנדערט פאַרוואָס

1) — מיינט אויף פראַנצויזיש — אַ קאַטשקע, אַזוי רופט דאָס פאָלק אַן אַ צייטונג.

ער פרעגט זיך אויף דעם — צו וואָס דאַרפֿט איר אַ צייטונג? זיי שרייבן דען דעם אמת? איך קאָן אייך אַלץ דערציילן וואָס עס טוט זיך דאָ!

האָט ער בלויז ביי איר געקויפֿט אַ פֿלאַש רויטן ווייַן וואָס מען קריגט דאָ אָן טיקעטן און ער איז צוריקגעגאַנגען נאָך ווייט ווייט, פֿאַרן זון־אונטערגאַנג, אין זיין איינזאַם-ליידיקן באַראַק פֿון דער „קאַריער".

אין „דערהיים" דאָרט, אינעם פֿאַרטרויערטן הייזל פֿון אַנסען, האָט דערווייל רחל נישט גערוט. זי האָט כסדר געטראַכט וועגן דער סכנותדיקער לאַגע אין וועלכער חיים געפֿינט זיך דאָרט אין דער שטיינהאַקעריי. זי האָט פֿאַרטראַכט פּלענער ווי אַזוי אים אַרויסצו־ראַטעווען פֿון דער „קאַריער".

זי האָט זיך אָפֿט געזען מיט שיינדלען — די יונגערע שוועס־טער פֿון חיימען, — וועלכע האָט געהאַט די בעסטע פֿאַלשע פּאַפּירן, דעם בעסטן „אַרישן" אויסזען און די בעסטע פּראָווינציעלע שפּראַך אין איר מויל. זי האָט זיך אויך צוזאַמענגעטראָפֿן מיט דער עלטערער שוועסטער חנהלען, און מיט אַנדערע געוועזענע באַהאַלטענע פֿונעם הייזל. רחל האָט מיט זיי אַלעמען איבערגערעדט און אויפֿגעוויזן, אַז שיינדל איז די איינציקע, וואָס קאָן מיט ווייניקער איינשטעלעניש ווי אַנדערע, פֿאָרן, און אַרויסראַטעווען חיימען פֿון דער באַדראָענדיקער „קאַריער".

שיינדל האָט זיך לייכט געלאָזט איבערצייגן אין דעם און זיך אונטערגענומען צו פֿאָרן. אָבער אַזוי לייכט איז עס איר נישט אָנגעקומען.

אַ חוץ די אייגענע ריזיקע וואָס זי האָט גענומען אויף זיך, האָט אויך אָפּגעטעמפּט איר קוראַזש די מוטער פֿון די צוויי קינדער, כאַוו־טשע ענגעלצוויייג, וועלכע האָט געטענהט:

— אַז אויב חיים וועט אַנטלויפֿן פֿון דער אַרבעט, וועלן גלייך קומען זשאַנדאַרן אין דעם הייזל אים זוכן...

קיילע, די פרוי פונעם צוגענומענעם יצחק שווימער, איז מיט איר מסכים געווען. זי האָט איר אונטערגעהאַלטן און נאָך "צוגע־זאָלצן". "אַז אים חיימען איז נאָך אַלץ בעסער ווי מיין יצחקן!"

עס איז געווען דער לעצטער "פּאַנטקאָט" 1) פון דער גרוי־זאַמער היטלער־מלחמה. יעדער האָט געפילט אַז עס דערנענטערט זיך דער טאָג פון דער ענדגילטיקער נאַצישער מפּלה. אַ געמיש פון הייטערקייט און אומרו האָט זיך פאַרוועבט ביי יעדן אייגעם: "מען דאַרף עס נאָר איבערלעבן!..." — האָט יעדער אין זיך שטיל געשעפּטשעט ווי אין אַ תפילה.

אַ מוראַדיקע, ווי עפּעס אַ מיסטישע שטילקייט האָט אַרומגע־נומען דעם באַראַק, וווּ חיים איז צוליב דעם יום־טוב, שוין ווידער געבליבן אַליין.

אין דעם מאָמענט — אין דעם שוין פון לאַנג צוגעפּאַלענעם "פּאַנטקאָט"־אָוונט — האָט זיך געשאָטנט אַרום די הויך־אָנגעשאָ־טענע שטיינער, די דראָבנע פיגור פון דער טונקל־געקליידטער שיינדל. זי איז אַריינגעפאַלן אין איין אָטעם, אין דער האַלב־פינצ־טערער קאַמער — פונקט אַזוי ווי מאַטיאַס און רחל אין "שאַפאַלי" — מיט אַ ברויט אין דער האַנט: אַלס גאָר וויכטיקן צולאָג, האָט זי מיטגעבראַכט: אַן אויסגעאַרבעטן פּלאַן, ווי אַזוי מיט חיימען צו אַנטלויפן.

עפּעס פון אַ ווייטלעכן קלויסטער־זייגער האָט עס אויסגעקלונ־גען צוועלף!

אויף איבערצונעכטיקן, האָט חיים איבערגעגעבן די שוועסטער, זיין אייגן שלאָף־ברעט, און ער אַליין האָט זיך איינגעאָרדנט אויף איינעם פון די געלעגער, פון זיינע אָפּוועזנדיקע אַרבעטס־חברים.

עס איז איבעריק צו דערציילן, אַז די ברודער און שוועסטער, האָבן די גאַנצע נאַכט קיין אויג נישט צוגעטאָן. זיי האָבן אָפּגעוואָרט

---

1) קריסטלעכער שבועות

דעם קאַיאַר, כדי אַנטרונען צו ווערן דורך די בערג, פון דעם אויס־געלאַשענעם באַראַק.

צומאָרגנס, אין דעם יום־טובדיקן פאַרטאָג, האָבן זיי זיך גע־שלייכט דורך בערגלעך און טאָלן און געפּלאָנטערט צווישן גרעזער און קוסטן, כדי זיך צו דערשלאָגן צום שאָסיי, וואָס פירט צו אַ קליינער באַן־סטאַציע.

אַרום, אין דעם טויאיקן פרימאָרגן, האָט עס געווייעט מיט שטילקייט: אַ מוראַדיקע שטילקייט וואָס האָט געגריזשעט און אָנגע־וואָרפן אַן אימה...

ווען עס איז שוין געוואָרן גרויסער טאָג, האָבן זיי ענדלעך און בשלום דערגרייכט דאָס קאַפּע־פּענצטערל פון דער קליינער באַן־סטאַציע.

געוויינלעך איז דאָס אָפּגעלאָזענע וואָקזאַלעכל געווען אַ רו־איקס און אַ שטילס. די עטלעכע פּאַסאַזשירן וואָס זיינען דאָ אַרויף אָדער אַראָפּגעשטיגן, פלעגן עס מאַכן אַן רעש און אַן טומל. איצטער אָבער, אין דעם דאָזיקן פריען פרימאָרגן, איז אַלץ געווען פאַרקערט: אַן איבערקערעניש!

גלאָז און האָלץ זיינען געלעגן צעריבן און צעקרישלט לעבן אַרויסגעריסענע באַן־רעלסן. מיליטערישע און ציווילע דייטשן, זיינען געלאָפן, געפּייפט און געריטשעט, אַרום געפּלאַצטע וואַגאָנען פון וועלכע עס האָט אַרויסגעשטאַרט און זיך אַרויסגעגליטשט — ווי די בעבעכעס פון אַן אויפגעשניטענעם בויך — קאַסטנס און זעק מיט פּראָוויאַנט, אַמוניציע, פאַרשידענע לייכטע געווערן, אייזנ־וואַרג און אַנדערע מיליטערישע אַרטיקלען. אַ רויך און אַ „סוואַנד" האָט אַרומגענומען דאָס קליינע אומשולדיקע באַן־סטאַציעלע.

עס איז קלאָר: אַז דאָ איז פאָרגעקומען אַ סאַבאָטאַזש־אַקט, אַ באַן־אַטענטאַט, קעגן אַ דייטשן מיליטערישן פראַכט־צוג...

מען קאָן זיך פאָרשטעלן, וואָס אין די הערצער פון די צוויי יידן — די ברודער און שוועסטער — האָט זיך איצט אָפּגעטאָן, בעת זיי זיינען אומגעריכט אַריינגעפאַלן אין אַזאַ פרישער סכנה: ער, אַן

אַנטלאָפּענער פון אַן אַרבעטס־לאַגער און זי, — כאַטש מיט די בעסטע פּאַפּירן — אָבער אויך מיט די „בעסטע" מעגלעכקייטן, אַז מען זאָל איר דאָ אַנטדעקן אַלס פּאַרמישטע אין זיין אַנטלויפן.

אַ מאָדנע ויתרוצצו איז איצט פאָרגעקומען אין זייערע געדאַנ־קען: פון איין זייט האָט זי געוואָרעמט אַ פרייד און עס האָט אין זיי געקאָכט אַ נקמה־געפיל פון דעם סאַבאָטאַזש־אַקט, וואָס זיי האָבן נאָר וואָס געזען פאַר זייערע אויגן. און פון דער צווייטער זייט האָט געפרירט אין זיי אַ קעלט און אַ דרעשטש אַז זיי קענען נאָר וואָס דאָ אַנטדעקט ווערן...

פונדעסטוועגן, האָבן זיי אינעם טומל און געררודער, צוזאַמען מיט נאָך איבערגעשראָקענע פּאַסאַזשירן, זיך אַרויסגעשאַרט פון דעם קליינעם באַן־הייפל, און דורך היגטערוועגן, זיך געדראַפּעט, צו דער דערנעבנדיקער באַן־סטאַציע — לֿע טעאי. דאָרט, אין דעם לֿע טעאי, האָבן זיי איבערגעוואַרט ווי אויף הייסע קוילן, אַ פּאָר האָרץ־קלאַפּנדיקע שעהען און זיך אַרויפגעכאַפּט אויף אַ שנעל־צוג, וואָס איז געלאָפן אין דער ריכטונג צום דראָם־דעפּאַרטאַמענט — קיין וואַלאַנס.

אין דער שטאָט ראָמאַנס, וואָס ליגט ביים טייך איזער, זיינען זיי אויסגעשטיגן. דאָס איז געווען דעם זעקסטן יולי פון יאָר טויזנט־ניין־הונדערט־פיר און פערציק.

ביים אַרויסגייי פונעם וואָקזאַל, האָבן זיך די ברודער און שוועסטער דערוווּסט: אַז אין דעם זעלביקן פאַרטאָג, האָבן די אַלירטע אַרמייען, געלאַנדעט אויף די ברעגן פון נאָרמאַנדי...

# אין דער שטאָט פון שיך

די באַרימטע שטאָט פון די פיינסטע שיך־אינדוסטרי פון פראַנקרייך, ראָמאַנס — איז איצט געשטאַנען אַ באַרוועסע. אַלע שיך־פאַבריקן זיינען געווען פאַרהאַקט. אַנשטאָט די עלעגאַנט־עלאַסטישע שיכלעך האָט מען געזען די טרויעריק־באַרימטע נאַצישע שטיוול, וואָס האָבן געדרעפּטשעט איבער די שטעט פון פראַנקרייך. אָבער פון דער לאַנדונג אָן — האָבן זייערע גראָבע שטיוול, ענדלעך אָנגעהויבן צו מאַכן זייערע לעצטע טריט.

טראָץ דעם וואָס ראָמאַנס איז גאַנץ ווייט פון די נאָרמאַנדישע ברעגן, האָט מען שוין אויך דאָ, אין ראָמאַנס, אין סאַמע ערשטן טאָג פון דער לאַנדונג געזען און געפילט די רוגזה און צעיושעטקייט פון די דייטשע סאָלדאַטן און זייערע אָפיצירן.

זיי זיינען געלאָפן איבער די גאַסן און פלעצער פון דער שטאָט ווי ווילדע איבערגעשראָקענע חיות. זיי זיינען געפלויגן אויף מאָטאָציקלען מיט אָנגעלאָדענע מיטראַיעטן אויף די אַקסלען; גע־ליאַרעמט מיט פאָליציי־פייפלעך; אָפּגעשטעלט די דערשראָקענע אַדורכגייער, זיי געזידלט און געשפּיגן אין זייערע פּנימער. פון מאָל צו מאָל, האָבן זיי אויסגעשאָסן אין דער לופטן און נישט זעלטן אויך אין אַ פענצטער פון אַ העכערער אָפיצינע.

ווען די בהלהדיקע גאַסן זיינען שוין געווען ווי כמעט אָפּ־געליידיקט, האָבן זיי נאָך אַלץ — ווי צו זיך אַליין — געריטשעט, געליאַרעמט און געכאָרכלט מיט סלינע ווי אין קאָנוווּלסיע...

אין אַ פּאַרוואָרפענער געגנט פון דער שטאָט, ביים אויסגוס פון טייך איזער, אונטער אַ בריקל, לעבן דאַמבעס און פישער־שיפלעך — איז געלעגן אַ נידעריק הייזל, וואָס איז געווען אַ ירו־שה־אייגנטום פון דער מאַדמואַזעל זשיגאַדיע; אַן אַלטע פריילין, שוין אוודאי ווייט אַריבער די פופציק.

זי איז געווען אַ הויכע, אַ דאַרע, עטוואָס אַ כמורנע און כמעט אַן אויסגעטרוקנטע. דערפאַר האָט זי אָבער, ווי מען זאָגט, פאַרמאָגט גייסטיקע און אַנדערע מעלות. אַזוי, אַז אירע פיזישע חסרונות האָבן זיך ביי איר ווייניק אָנגעזען.

ביז צו דער מלחמה, איז איר פאַרזעסענע מיידלשאַפט, גע־פלאָסן דאָ — ווו זי וווינט איינע אַליין — ווי דאָס שטילע גע־זשום וואָס פליסט פון איר שכנותדיקן טייך. דעמאָלט איז זי גע־ווען אַ פרומע, אַ גאָטספאַרכטיקע : געבעטן און תפילה געטאָן כמעט יעדן טאָג. אָבער ווי נאָר די נאַצישע חילות האָבן פאַרוויסט און געשענדט איר לאַנד, האָבן אירע פאַטריאָטישע געפילן — וועלכע זיינען אויך געווען אַ ירושה פון אירע זיידעס — אופסניי אויפ־געלעבט.

זי איז געווען אַ הייסע אַנהענגערין פון דעם פראַנצויזישן גענעראַל שאַרל דע גאַל, דער, וואָס האָט זיך באַזעצט מיט זיין אַרמיי אין לאָנדאָן, און פון דאָרט אויס, אָנגעפירט דעם ווידער־שטאַנד קעגן די היטלער־אָקופאַנטן, פון באַזעצטן פראַנקרייך.

זי האָט געטאָן אַלץ וואָס עס איז געווען אין אירע מעגלעכ־קייטן כדי צו סאַבאָטירן די דייטשן און געהאָלפן די אַלע וועלכע האָבן געקעמפט קעגן זיי. זי האָט מיטגעהאָלפן אפילו דעם לינקסטן טייל פון די ווידערשטענדלער, וואָס זיינען געווען אָנגעפירט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון פראַנקרייך.

אַזוי ווי אויף איר איז קיין חשד נישט געווען אַז זי מישט זיך אין אַזעלכע אומלעגאַלע אַרבעטן, האָט זי ביי זיך אויף דער־ווייל אויך אויסבאַהאַלטן יידישע קינדער, איידער די רעזיסטאַנץ האָט זיי באַזאָרגט אויף זיכערע פּלעצער.

אין אירס אַ פֿאַרהוילן צימערל, האָט מען געקאָנט הערן די לעצטע נייעס, קאָמענטאַרן, פֿאַראָרדענונגען און אויפֿרופֿן פֿון לאָנ־דאָנער און מאָסקווער ראַדיאָ און גאָר באַזונדער, ידיעות און באַ־פֿעלן, פֿון פֿראַנצויזישן גענעראַל־שטאַב פֿון לאָנדאָן. זי האָט אויך פֿון צייט צו צייט אָוועקגעגעבן אירע שטיבלעך פֿאַר אַ זיצונג אָדער באַראַטונג, פֿון דער אָרטיקער רעזיסטאַנץ און אין אַ נויטיקן פֿאַל, אַפֿילו אויך צוגעטיילט אַ נאַכט־לעגער, פֿאַר אַ פֿאַר־פֿאָלגטן אָדער געזוכטן מאַקיזאַר.

אין דעם־אַ הייזל, איז דאָס שיינדל פֿאַרפֿאָרן מיט איר ברודער חיימען, בכדי אים איבערצולאָזן אויף אַ געוויסער צייט, ביז ער וועט פֿאַרזאָרגט ווערן אויף אַן אַנדער באַהעלטעניש.

די מאַדמואַזעל זשיגאַדיע האָט פֿאַר חיימען אָפּגעגעבן אַ קליין קאָרידאָר־צימערל וואָס אַנשטאָט מיט אַ טיר, איז עס געווען באַ־נומען מיט אַ געבלימלטן פֿאָרהאַנג, פֿון דעם זעלבן שטאָף, וואָס די צודעק פֿון דער הויך־געבעטער אָטאָמאַנע האָט דאָ געהאַט.

כדי ער זאָל זיך נישט דאַרפֿן דרייען אין די צימערלעך, האָט זי אים אַריינגעגעבן אַ קרוג מיט וואַסער, אַ שיסל, אַ האַנטוך און אַ ביסל שפּייז, פֿאַר דעם ערשטן טאָג אַדורכצוקומען.

די פֿריילין זשיגאַדיע, וועלכע מען האָט אויך גערופֿן, פּשוט: „מאַדמואַזעל שאַרלאָט" — איז נישט געווען קיין רייכע; מען קאָן אַפֿילו זאָגן, אַן אָרעמע. זי איז געווען אַ לערערין אין אַ שטאָטי־שער פֿאָלקס־שול און געווען שוין אויף עמעריטור. זי האָט גע־לעבט אויף אַ גאַנץ באַשיידענער פּענסיע. אגב, האָט זי קיין סך נישט געדאַרפֿט. איז פֿאַרשטענדלעך, אַז מיט דעם ביסל אויס־קומעניש וואָס חיים האָט פֿאַרברויכט, האָט אים פֿאַרזאָרגט זיין שוועסטער.

חיים האָט זיך דורכן שפּאַלט פֿון דעם געבלימעלטן פֿאָרהאַנג, אָפּט צוגעזען און זיך צוגעהערט צו דעם לעבן פֿון זיין גאַסט־געבערין.

אירע שוין היפשלעך גרוילעכע האָר, זיינען געווען שטייף פאַרקעמט אין אַ „קאָקס" פון הינטן; ווי עס פּאַסט מן הסתם פאַר אַן אַלטער פריילין. איר אַנטועכץ איז געווען געוויג אָרעמלעך: אַ פּאָר פּראָסטע אויסגעטרעטענע שיך, מיט גישט קיין גאַנץ גלייכע קנאָפּלען; אַ לאַנג מאַנטל־קליידל, פון אַ טונקעלן שוין עט־וואָס אויסגעריבענעם שטאָף, און אַ ווייס קעלנערל, אַ מין „זשאַ־באָט", פאַרנומען אַרום שוין געריבצלטן האַלדז. זי האָט אויך גע־טראָגן אַ פּאָר פלאַטשיקע אויערן־רינגלעך פון מעש־קאָליר און אַ פּאָר געדרעטלטע ברילן, אויף דער לענגלעכער נאָז.

אויך אירע מאָלצייטן זיינען געווען אָרעם. אַבי וואָס, האָט זי געהאַט געוויג: אַ פּיצל ברויט, אַ בלעטל סאַלאַד, אַ פּאָר לאָקשן אָדער אַ קאַרטאָפל. פון מאָל צו מאָל, פאַרזוכט זי אויך אַ שטיקל פיש אָדער אַן איי, וואָס זי באַקומט אויף די טיקעטן. קיין פליישמשט האָט חיים זי קיינמאָל גישט געזען עסן. זי האָט זיך אָפּט נאָכגע־פרעגט ביי חיימען, צי אים פעלט גאָרנישט צו דער וועטשערע. זי האָט אים אָפּט פאַרגעלייגט, אַ פריש ביסל איינגעקאָכטע מייערן אָדער לאָקשן.

זי האָט אים אויך אָפּט געמוטיקט און אים אויסגערעדט, אַז ער זאָל קיין מורא גישט האָבן; דערווייל איז ער דאָ זיכער, האָט זי אים געזאָגט. פונדעסטוועגן — האָט זי אים געגעבן אָנ־צוהערן — קאָן מען גישט וויסן וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען — צי וואָלט ער גישט געווען אַמאָל זיכערער, אַז ער זאָל אַרופּ־גיין אויף די בערג, צו די מאַקיזאַרן?...

אין עטלעכע טעג אַרום, איז רחל אָנגעקומען קיין ראָמאַנס.

אויך זי, איז זייער פריינטלעך אויפגענומען געוואָרן פון דער מאַדמואַזעל זשיגאַדיע. זי האָט זי אַריינגעפירט אין חיימס קאָ־רידאָר־צימער און איר פאַרגעלייגט, אַז זי קאָן זיך דאָ איינאָרדענען צוזאַמען מיט איר מאַן — אין צווייען — האָט זי געזאָגט — וועט

אייך זיין גרינגער און היימלעכער! — דערביי האָט זי מיט אַראָפּגעלאָזענע טריבע אויגן געקוקט אויף זיך אַליין, ווי זי וואָלט זיך איצט איבערגעקוקט איר פאַרגאַנגען לעבן, אַלס אַ באַשטעטיקונג פון אירע אַרויסגעזאָגטע רייד...

ווען זי האָט פאַרלאָזט דאָס צימערל און זיי געלאָזן אַליין, האָט זיך דאָס פּאָרפאָלק איבערגעוואָרפן מיט די לעצטע ווערטער, וואָס די פריילין זשיגאַדיע האָט נאָר וואָס אַרויסגעזאָגט: „גרינגער און היימלעכער":

— היימלעכער? — זיכער יאָ! אָבער גרינגער? — האָט ביי יעדן פון זיי זיך אויסגעלייגט אַ גרויסער פראַגעצייכן??

אין די ערשטע שעהען פון זייער ווידער צוזאַמענטרעפן זיך, האָבן זיי דערווייל נישט געטראַכט דערפון, נאָר קודם טאָקע גענאָסן פון דער היימלעכקייט. זיי האָבן זיך באַמיט צו פאַרגעסן די אמתע ווירקלעכקייט. אָבער אַ סך שעהען פון דער נאַכט, האָבן זיי זיך פונדעסטוועגן דאָך איבערגעגעבן די איינדרוקן, פון זייערע לעצטע איבערלעבונגען: ער, ווי אַזוי עס איז צוגעגאַנגען זיין אַנטלויפן פון דער „קאַריער", און זי: איר בלאָנקען, נאָך דער לאַנדונג, טאָג און נאַכט אין די וועלדער אַרום אַנסען, צוזאַמען מיט חנהלען און כאַוטשע ענגעלצווייגן, בעת די ווילד-געוואָרענע דייטשן האָבן געלויערט אויף זיי. חיים האָט זיך אויך דערוווּסט, אַז שימענקע איז אָוועקגעשיקט געוואָרן ערגעץ היגטער גרענאָבל, אויף אַ זיכער באַהעלטעניש.

דערווייל זיינען אַוועק די ערשטע פּאָר טעג. היימלעכער איז אוודאי נאָך אַלץ געווען. אָבער דאָס מיזערנע לעבן ביים פּאָרפאָלק איז נישט געוואָרן גרינגער, ווי די פריילין זשיגאַדיע האָט געמיינט, נאָר דווקא, וואָס אַמאָל שווערער. קיין שפּייז-קאַרטן האָבן זיי, פאַרשטייט זיך, נישט געהאַט, און צו קויפן אויפן „שוואַרצן מאַרק", וואָלט נישט געסטייעט פון די לעצטע פּאָר פראַנק וועלכע האָבן זיך שוין אָנגעהויבן אויסצולאָזן. האָט רחל באַשלאָסן צו גיין זוכן עפּעס אַן אַרבעט.

— אַלס אַ פּרוי — האָט זי געזאָגט צו חיימען — קאָן איך זיך גיכער באַוועגן און מסתמא עפּעס געפינען!

די מאַדמואַזעל זשיגאַדיע האָט זיך תיכף געוואָנדן צו דער פּרוי פונעם דאָקטער שאַבראַל. זי האָט מיט איר איבערגערעדט און יענע האָט מסכים געווען צוצוגעמען רחלען אַלס שטוב־מיידל, אַלס אַ „פּאַקויאַוועק" — ווי רחל אַ צופרידענע האָט דאָס איבער־געגעבן חיימען אויף פּויליש.

דער דאָקטער שאַבראַל איז דעמאָלט געווען דער איינציקער וועטערינאַר־דאָקטער פון דער שטאָט ראַמאַנס, דערפאַר האָט ער געהאַט אַ גרויסע „קליענטעל". די הינט און די קעץ געבעך, האָבן געליטן, ווי להבדיל די מענטשן, פון פאַרשידענע מלחמה־קרענק: פון שלעכטער פאַרדייונג; פון „סקלעראָז"; פון שלשול און פון אַלגעמיינער „קערפּערלעכער" אָפּשוואַכונג. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס זיינען געווען קעץ און הינט פון רייכערע באַלעבאַטים. פונדעסטוועגן, האָבן זיי נישט געהאַט צוליב די קריגס־מאכלים, קיין געגענגנדיקע צאָל „קאַלאָריעס", און דער דאָקטער שאַבראַל האָט דאָס זיי אַלע געדאַרפט היילן. טייל האָט ער געגעבן אַ פּשוטן „פאַרטיפּיאַן" (שטאַרקונגס־מיטל). אַנדערע, „ערנסטערע", האָט ער פאַרשריבן אַ שטרענגע דיעטע און די גאָר רייכע, אפילו געשיקט אויף „קאָנוואַלעסאַנס" (דערהאָלטונג)...

אַז רחל פלעגט עפענען די טיר פאַר אַ קליענט מיט אַ הונט אויף דער האַנט און יענער האָט געבעטן מעלדן דעם דאָקטער, דעם נאָמען פונעם קליענט, איז רחל צעמישט געוואָרן. זי האָט זיך נישט אָריענטירט ווער עס קאָן הייסן דער קליענט: דער הונט אָדער דער באַלעבאָס?...

אָבער רחל האָט נישט בלויז געדאַרפט עפענען די טיר, זי האָט געטאָן, און דער עיקר, געמאַכט אַנדערע אַרבעטן: געראַמט די צימערן, געוואַשן ס'געפעס, אָנגעטאָן די קינדער, פאַרבייט און פאַרראַכטן אויף אַ ניי־מאַשין און אויך געענטפערט אויפן טעלעפאָן.

## ק. בענעק

עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז דער דאָקטער שאַבראַל האָט געהאַט פּרנסה בהרחבה, און פון דעם האָט אויך רחל געגאַסן און אויך אפילו חיים צו ביסלעך.

אמת, אַז ביי די מאַלצייטן איז רחל נישט געזעסן צוזאַמען מיט אַלע ביים טיש, נאָר זי האָט געגעסן, טאָקע ווי אַ הונט, איינע אַליין אין דער קיך. דערפאַר אָבער, האָט זי געהאַט די מעגלעכ־קייט „אַראָפּצוגנבענען" פון איר אייגענער פּאַרציע: אַ פּיצל פליייש, אַ רעפטל ברויט, אַ שטיקל קעז, אַ פּאָר שטיקלעך צוקער און דאָס ברענגען חיימען. אָפטמאָל אויך ביים רוימען דעם דאָק־טערס ביורא, האָט זי צוזאַמענגעקליבן אַלע „מעגאָס" (ציגאַרעטן־רעשטלעך) און אפילו געוואָגט אַרויסצונעמען אַ ביסל טוטין פון דאָקטערס טאַבאַק־זעקעלע און דאָס אויך געברענגט חיימען.

אָבער גאָר שנעל האָט רחל געמוזט פאַרלאָזן איר גוטן פּאָסטן. די באַלעבאָסטע די דאָקטעראָווע, האָט זיך עפּעס געכאַפּט, אַז איר שטוב־מיידל איז נישט „מיט אַלעמען". זי האָט געזען, אַז עס איז עפּעס נישט גאַנץ קלאָר מיט איר. בפרט, אַז די שכנות און אפילו די קליענטינס, זאָלן האָבן זיך געשושקעט, אַז איר שטוב־מיידל האָט גאָר אַ מאַן, און זיי מיינען אַז זי איז אַ באַהאַלטענע ייִדיש־קע... דאָס האָט אוודאי נישט געפעלן דער שטייפער דאָקטעראָווע, און דורך אַן אויסרייד, האָט זי רחלען באַזייטיקט פון דער אַרבעט.

אַ פּאָר שפּאַן פון דער טייך־בריק, וואָס טיילט אָפּ די שטאָט ראָמאַנס פונעם פאַרשטעטל, בורג דע פּעזאַזש, איז געלעגן אין פאַרגעסנקייט, אַ דרימלענדיקע ווילע. דער אָפּגעזונדערטער פּאַ־ווילאָן האָט אַמאָל געהערט צו אַ רייכער אַלטער אלמנה וועלכע ליגט שוין לאַנג אויפן עולם־האמת. דער יורש אירער, דער זון פון דער אַלטער פאַרשטאַרבענער פרוי, וועלכער איז אויך נישט קיין אָרעמאַן, האָט די ווילע געהאַלטן פאַרמאַכט און זיך קיינמאָל נישט אָפּגעגעבן מיט איר. אגב, איז ער געווען אַ שטיקל קרוב

פון דער פריילין זשיגאַדיע און איר אפילו צוביסלעך מיטגעהאָלפן אין איר רעזיסטאַנס־ארבעט.

איז אַט דער פּאַוויליאָן מיט איין מאָל געעפנט געוואָרן, נאָך לאַנגע, לאַנגע יאָרן, פאַרן פּאַרפאַלק, היימען און רחלען.

די ווילע, וואָס האָט שוין פון לאַנג אָן געהאַט פאַר־שטויבטע און מיט מאָך־פאַרגרינטע פענצטער און טירן פון גישט־באַוווינטקייט, האָט געהאַט פון פאָרנט אַ גערטנדל מיט עטלעכע נידעריקע שיטערע ביימלעך. כמעט אַלע צווייגן און בלעטער פון זיי, זיינען געווען פאַרגעלט און אָפּגעדאַרט. אָבער איין און איינ־ציק ביימל, אַ פייגן־בוימל, אויף וועלכן עס האָט זיך געפונען די לעצטע פייג און אַ פּאָר שיטערע גרינלעכע בלעטלעך — האָט זיך געלעבט און אַרויסגעגעבן אַ זיסלעך שמעקנדיקן ריח.

אויך די געגנט פון אַרום לעבן טייך איזער ווו די ווילע איז געלעגן, איז געווען אַ באַגרינטע, אַ לופטיקע און אַ בנעימותדיקע.

ווען דאָס פּאַרפאַלק האָט איבערגענומען די שליסלען און געעפנט די טירן, האָבן זיי געזען אַז מען דאַרף גאָרנישט אַריבער־ברענגען אַהער. אַלץ האָט זיך דאָ געפונען לרוב און אפשר נאָך צופיל: בעטן, שענק, טישן און שטולן. ליילעכער און קאָלדרעס. דיוואַנס, פאָרהאַנגען, געפעס און אַלע אַנדערע שטוב־ און קיך־מכשירים.

אין קעגנזאַץ, צו די אַלע אַלטע האַלב־פאַרפוילטע און פּרוכ־נע זאַכן, וואָס זיי האָבן זיך אַמאָל אָנגעטראָפן ביים אַריינציען זיך אינעם גאַראַזש אין דער ווילע פון האָטעל „ספּלענדיט", ביי דער מאַדאַם ווידאַל, איז דאָ אַלץ געווען אין בעסטן צושטאַנד. מען האָט בלויז געדאַרפט עפענען דעם גאַז און די עלעקטריצי־טעט, בכדי זיי זאָלן האָבן אַ באַקוועמען און אויסגעשטאַטן פּאַ־וויליאָן.

די נייע „באַלעבאַטים" האָבן זיך איצט אויף רעכט אָנגעהויבן אַרומקוקן ווו זיי זיינען דאָ אַריינגעפאַלן... זיי האָבן איינגעזען,

אַז אַלץ האָבן זיי טאָקע געענדיקט, נאָר איין „קליינינקייט" פעלט זיי נאָך. אַ פּאָר פראַנק עפּעס זיך איינצוקויפן אויף די ערשטע מאָל־צייטן... און דאָס — עפּעס ווי אין אַ סענסאַציאָנעלן ראָמאַן — איז זיי אויך באַלד אונטערגעקומען.

ווען דאָס פאַרפאַלק האָט אָנגעהויבן זוכן און נישטערן אין די שטובן, צימערלעך, אַלקערן און קעמערלעך — געדרייטע ווי אין אַ לאַבאַרינט — האָבן זיי דאָרט אַנטדעקט, גאַנצע אוצרות מיט ווערט־זאַכן פון אַמאָליקע צייטן, וואָס די געוועזענע אייגנטימערין האָט אוודאי קיינמאָל נישט באַנוצט.

זיי האָבן געזען אויף אַ זייטיק בוידעמל, אַן אָנוואָרף פון פעקלעך און זעקלעך ווי אַ באַרג שמאַטעס, אויף וועלכע עס האָט גערוט געדיכטע שיכטן מיט קויטיקן שטויב, מי יודע פון וועלכע צייטן אָן שוין ?

בעת זיי האָבן דאָס אַלץ צעגראַבלט אונטערן צעפלאַסענעם שטויב, ווי אַ רויך האָבן זיי אַרויסגעצויגן פון דאָרט : טישטעכער, מיט אַלט־מאָדישע מאַנאָגראַמען, ליילעכער, שוין פאַרגעלטע פון אַלטקייט, האַנטוכער, „שטשערקעס" און פאַרשידענע היגטער־וועש, אַלץ אין כמעט נייעם צושטאַנד.

אין אַ קעלערל ווידער, לעבן אַ שפּיגל־שענקל פון אַלטן סטיל, האָט זיך געוואַלגערט האַלב־פאַרזשאַווערטע שווערע לעפל, גאָפל־מעסער, שערן און עפּעס בינטן זייער גראָבע פעסט געפלאָכטענע שטריק, ווי פאַר פייער־לעשער. עס איז פאַר זיי געוואָרן קלאָר, אַז דאָס זיינען הפקר־געבליבענע און פאַרלאָזענע זאַכן פאַר דער געשיכטע...

חיים און רחל האָבן זיך געמאַכט פאַרגעסן פון דער „בירגער־לעכער מאָראַל" און זיי האָבן זיך אַליין באַשטימט פאַר די נישט לעגאַלע יורשים... בפרט : אַז זיי האָבן שוין נישט געהאַט וואָס צו עסן...

די ליילעכער און טישטעכער, האָט חיים אַליין אָפּגעפּאַרבט

אויף אַ טונקעלער קאָליר און זיי פּאַרקויפט צו אָרעמע מענטשן וואָס האָבן כמעט גאָרנישט געהאַט אויף זיך. די מענטשן האָבן דערפון געלאָזן אויפנייען פאַר זיך: הויזן, רעקלעך, קליידלעך און בלוזקעלעך.

יעדער ווייסט, אַז אין מלחמה־צייט איז אַלץ אַ סחורה. אַזוי, אַז אַלע אַנדערע זאַכן, האָבן זיי אויך גאַנץ לייכט פאַרקויפט. אפילו די גראָבע געפלאָכטענע שטריק, וואָס האָט ביי זיי אויס־געזען זייער אויסטערליש און משונהדיק, האָט אויך עפּעס אייגער אַ בעל־עגלה זיך געיאָגט נאָך דעם...

אין דעם מאָמענט, איז דאָס פּאַרפאַלק ווי מען זאָגט, א ביסל „געקומען צו זיך". זיי האָבן זיך איינגעקויפט און אָנגעפילט צו ביסלעך דאָס פוסטע שענקל פון שפּייז־פּראָדוקטן. דער געעפנ־טער גאַז האָט היימיש געברענט אויף דער אַלט־מאָדישער גאַז־מאַשינקע. דאָס פייער האָט אַדורכגעברענט דעם איינגעגעסענעם זשאַווער און צעזידט מיט אַ געפּייף און געזשום די מאכלים וואָס האָבן זיך געקאָכט דערויף.

ביי רחלען און חיימען האָט דאָס אַלץ אָבער אויסגעזען ווי פאַלשע פייערלעך. ווי נישט ריכטיק, ווי נישט נאַטירלעך, ווי עפּעס פון „טויזנט און איין נאַכט"... אָדער גאָר עפּעס ווי אַ מין אינסצעניזירטע פאַרשטעלונג. עפּעס אין מיטן דעריינען — אַ ווי־לאַ מיט אַלדאָס גוטס?... אָבער די „ריכטיקייט" און „נאַטירלעכ־קייט" האָט טאַקע לאַנג נישט געלאָזט וואַרטן אויף זיך.

די שוין שטאַרק צעבלוטיקטע נאַצי־אַרמיי, האָט נאָך שטאַר־קער אָנגעהויבן צו ווילדעווען. די סאָלדאַטן און אָפיצירן האָבן געשפּריצט מיט פייער און שווערד ווי פון אַ אוראַגאַן. די טרפהנע סלינע איז געפלאָסן פון זייערע פּיסקער, בעת זיי האָבן זיך שוין אָנגעטראָפן, כמעט פּנים אל פּנים, מיט די אַלירטע זעלנער און מיט די פּראַנצויזישע ווידערשטענדלער אויף „זייערע" טעריטאָ־

ריעס פון פראַנקרייך. האָבן זיי דערפאַר נקמה גענומען אין דער ציווילער באַפעלקערונג.

זיי האָבן אָפטער ווי פריער, אָפּגעשטעלט די פאַרבייגייער, אַרעסטירט, געשאָסן אין די פענצטער. זיי האָבן **אומאויפהערלעך** געזוכט און גענישטערט אין די הייזער, אין די געשעפטן, אין די הייף און אפילו אויף די בוידעמער און אין די קעלערן. דאָס האָט זיי אויך גענוצט, כדי צו וואַרפן שרעק און פּאַניק. בפרט, אַז אויף זיי אַליין האָט געציטערט די הויט, צוליב די העלדישע ווידערשטענדלער און מאַקיזאַרן וועלכע האָבן זיך געפונען אין די וועלדער און אויף די גאַר נאָענטע בערג פון ווערקאָר, דורך וואָנען זיי האָבן געקעמפט מיט זיי אויף לעבן און טויט.

אין אַ געוויסן מאָמענט, האָבן זיי אָפּגעשלאָסן גאַנצע גאַסן און באַפוילן די איינוווינער אַז זיי זאָלן אַרויס פון די שטובן. פאַר נישט אויספירן דעם באַפעל, האָבן זיי אפילו געדראָט מיט באָמ־באַרדירן. דעם דאָזיקן גורל האָט אויך געטראָפן דאָס הויז ווו עס איז געווען באַהאַלטן, די שוועסטער פון חיימען מיט אירע קינדער.

אין די אָוונטן ווען עס איז געוואָרן רויִקער, פלעגן זיך דאָך חיים מיט רחלען אַרויסכאַפּן אויף אַ קורצן שפּאַציר, אַרום די אויסגעלאָשענע ברעגן פון טייך איזער.

אין איינעם אַזאַ ווינטיקן אָוונט, בעת זיי האָבן זיך אומגע־קערט פון אַזאַ קליינעם שפּאַציר און צוריק אַריינגעקומען אינעם גערטנדל פון זייער ווילע, האָבן זיי באַמערקט ווי די איינציקע פייג, פונעם לעצטן נאָך בליענדיקן ביימל, ליגט אויף דער ערד אַן אַראָפּגעשליידערטע פונעם ווינט. די צעפּלאַצטע גרינע פייג, מיט די פייכטע רויגן־קייקעלעך פון דרויסן, האָט אויסגעזען ווי אַ ווייַ־נענדיקע און אַ געשאַכטענע... רחל האָט עס אָנגענומען פאַר אַ שלעכטן סימן. מיט רמזים, האָט זי עס אָנגעדייט פאַר חיימען...

— — — און ווי עפּעס דורך אַ מיסטעריע, האָט עס טאַקע די געשטאָרבענע פייג אָנגעוויזן, אַז דאָס וועט שוין זיין זייער לעצטע נאַכט אין דעם דאָזיקן „פאַרכישופטן שלאָס"...

צו מאַרגנס פאַרמיטאָג, בעת שיינדל, חיימס שוועסטער, האָט זיך גראָד געפונען אין דער ווילע און רחל איז געווען באַשעפטיקט אין דער קיך ביים צוגרייטן דעם מיטאָג, האָט זיך דערהערט אַן אָנפאַר, ווי אין אַ גאַלאָפּ, פון אַ גרויסן מיליטערישן לאַסט־וואָגן. דער קאַמיאָן האָט געברעמזט מיט אַ געגרילץ האַרט פאַרן טירל פון דער ווילע. פונעם וואָגן איז מיט אַ שטורעם ווי צו אַן אַטאַקע, אַראָפּגעלאָפן, צוויי עס־עס־לייט אָדער געשטאַפּאָווצעס, מיט אויס־געשטרעקטע ביקסן אין די הענט.

זיי האָבן זיך ווי אַ ווּיכער, קודם, אַריינגעריסן אין די קאָ־רידאָרן און אין די צימערן און כהרף־עין אַלץ דאָרט איבערגע־דרייט מיטן קאָפּ אַראָפּ. זיי האָבן געזוכט און געגישטערט אין יעדן ווינקל, און פאַרשטייט זיך, גאָרנישט געפונען. דערנאָך האָט איינער פון זיי אַרויסגעצויגן פונעם אַרבל־מאַנשעט, אַן אָפּגע־קלאַפּטע מאַשין־ליסטע און אַרויסגעלייענט פון דאָרט, נעמען פון „טעראָריסטן", וואָס קורסירן אין די וועלדער און בערג פון דער געגנט. צום סוף האָבן זיי געפרעגט, צי דאָ געפינען זיך נישט אַזעלכע?

ווען די איבערגעשראָקענע רחל האָט אים געענטפערט אַז זי קען נישט קיינעם פון די נעמען וואָס דער סערזשאַנט האָט דאָ אַרויסגעלייענט, האָט דער מיליטערמאַן אָנגעוויזן מיט דער אויסגעשטרעקטער ביקס אויף חיימען און זי ווידער געפרעגט:

— און דער־אָ, ווער איז?

רחל האָט זיך שנעל באַהערשט, און קאַלטבלוטיק געענטפערט:

— דער הער, איז מיינער אַ פריינט. אַזוי ווי איך וווין דאָ איינע אַליין, פאַרבעט איך דעם הער פון צייט צו צייט אויף אַ מאָל־צייט. אָט האָב איך צוזאַמען מיט אים אויך היינט פאַרבעטן מיינע אַ פריינדין אויף מיטאָג.

— נו, דאָס וועלן מיר נאָך זען! — האָט דער בענגלדיקער סאָלדאַט געענטפערט.

ביידע זעלנער האָבן חיימען אַרומגעכאַפּט הינטער די אָרעמס און אים אַרויסגעפירט אויף דער גאַס צו אַן אָפיציר וועלכער האָט געוואַרט אין דרויסן, צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע סאָלדאַטן.

דער אָפיציר, וועלכער האָט גערעדט, ווי די צוויי זעלנער, אויף אַ שלעכטן פראַנצויזיש, האָט געהייסן חיימען ווייזן זיינע פּאַפּירן און ער האָט אַרויסגעלייענט:

„עטיען ביאַלי. נאַציאָנאַליטעט: פראַנצויזישע. געבוירן: אין וואַרשע".

— וווּ־אַרט? — האָט דער אָפיציר שטרענג געפרעגט; מחמת ער האָט שוין נישט געקאָנט דערלייענען דעם שווערן נאָמען פון דעם אַדרעס.

חיים האָט אָנגערופן די גאַס און דעם נומער פון דעם שכנות־דיקן פּאַר־שטעטל בורג־דע־פּעזאַזש, וואָס איז טאַקע געווען אַרייג־געשריבן אין זיין פאַלשער אידענטיטעט־קאַרט. צום גליק האָט מען אים נישט אַהינגעפירט אויף זיין פאַלשן ווין־אַדרעס; אַנשטאָט דעם האָט אים דער אָפיציר באַפוילן אַרויפצוקריכן אויפן קאַמיאָן.

חיים האָט אָנגעוויזן דעם אָפיציר, אַז ער איז אין בלויזן העמד, אַז זיין רעקל הענגט דאָרט אין שטוב. דער שעף האָט מיטגעשיקט מיט חיימען, ווידער די צוויי זעלבע סאָלדאַטן.

— — — ווען חיים איז מיט זיי אַריינגעקומען אינעם גער־טנדל, האָט ער באַמערקט, ווי די אָראָפּגעפאַלענע פייג אַרום עט־לעכע צעווייקטע בלעטלעך, ליגט נאָך אַלץ כסדר אויפן זעלבן אָרט...

ווען ער האָט איבערגעטרעטן די שוועל צוזאַמען מיט די צוויי זעלנער, איז שוין דאָרטן געווען רויִק ווי אויף אַ בית־עולם. קיי־נער איז שוין דאָרט נישט געווען. די צוויי פרויען זיינען דערווייל אַנטרונען דורך אַ הינטער־טירל, וואָס דאָס הייפל האָט פאַרמאַגט.

— „די ווייבער, די ווייבער!" — האָבן די צוויי זעלנער ווי זיך אָפּגעשמועסט, אויסגעריטשעט — „עס זיינען דאָך דאַ גע־ווען צוויי ווייבער?"

חיים האָט דערויף גאָרנישט וואָס געהאַט צו ענטפערן. אַנ־שטאָט אַן ענטפער, האָט ער זיך אָנגעטאָן זיין רעקל און אומבאַ־מערקטערהייט אַראָפּגענומען די צוויי פּעקלעך „גאַלואַז״ (די פּאָ־פּולערסטע פראַנצויזישע ציגאַרעטן) וואָס ער האָט געהאַט ליגן אויפן קאַמין. צום סוף, פאַרן אַרויסגיין אים, האָט ער נאָך, חיים, צוגע־דרייט דאָס שרייפל פון דער ברענענדיקער גאַז־מאַשינקע, אויף וועלכער עס איז געשטאַנען אַ טעפּל וואָס האָט זיך געפּאַרעט און געבלעזלט אַ זופּ, וועלכע איז געווען צוגעגרייט פון רחלען צום מיטאָג...

קאפיטל זעכצן

# אויף דער שוועל פון גיהנום

אויפן מיליטערישן קאמיאן, האבן זיך שוין געפונען, נאך עטלעכע אויפגעכאפטע יונגע פראנצויזן.

דער וואגן איז געפארן ווי א שיכור און ווי אן א ציל. ווילד, שנעל, זיג־זאגיש, און צומאל גאר לאנגזאם און ארויף אויף א טראטואר...

די זעלנער וואס האבן באוואכט די געפירטע, האבן שטיי־ענדיקערהייט, געפאכעט מיט די ביקסן ווי אין א דועל... זיי האבן געשריגן, געליארעמט און אפטמאל אויסגעשאסן אין דער לופטן. אויפן וועג, האבן זיי פון צייט צו צייט אפגעשטעלט דעם וואגן און ארויפגעכאפט פארבייגייענדיקע מענער. סוף כל סוף, איז דער קאמיאן צוגעפירט געווארן צו אן אויסגעליידיקטע קינדער־שול, וועלכע האט צוליב דער פעריען־צייט נישט פונקציאנירט.

פריער, האט עס דא געפלאסן מיט חן און מיט קינדערשער פרייד. איצט, איז דאס געווען אומרייניע פארשמוציקטע שטובן, ווו עס האבן זיך געפונען בערג מיט פייכטע צעריבענע שטרוי צום איבערשלאפן, פאר די כסדרדיקע פריש־געכאפטע פראנצויזישע יונגעלייט.

א חוץ די סתם פארכאפטע, האט זיך שוין דא פון פריער געפונען, א גרופע מאקיזארן און ווידערשטעגדלער פון די נאענטע בערג. זיי, די רעזיסטאנטן, זיינען געווען באזונדער שטרענג באוואכט און אפגעזונדערט אין א ספעציעלן צימער.

עס האָט זיך אָנגעהויבן די אויספּאַרשונג.

די אויספאָרשער האָבן יעדן איינעם דווקא געוואָלט איינ־רעדן אַז ער איז אַ מאַקיזאַר. ביי די וועלכע זיי האָבן געהאַט וועל־כע עס איז באַווייזן, האָבן זיי אויף דערוויל אַריינגעוואָרפן אין אַן אָפּגעזונדערט צימערל אָדער אין אַ באַוואַכטן שול־קעלער. ביי אַנדערע, ביי וועמען זיי האָבן פונדעסטוועגן נישט געקאָנט האָבן דעם מינדסטן חשד דערויף, האָבן זיי סתם אָפּגעפּסקנט און באַ־שטימט צום דעפּאָרטירן אויף צוואַנגס־אַרבעט קיין דייטשלאַנד.

די אויספּאַרשונג איז צוגעגאַנגען מיט גערודער, זייער שנעל און ברוטאַל. זיי האָבן עס געמוזט מאַכן גיך, ווייל עס איז אַלץ אָנ־געקומען פרישע טראַנספּאָרטן.

אַלעמענס טויט־דערשראָקענע אויגן זיינען געווען געווענדעט צו דער באַוואַכטער טיר ווו עס זיינען געווען פאַרשפּאַרט די פּאַרטיזאַנער. מען האָט אויפגעכאַפּט צעקרישלטע ווערטער און שושקערייען פון די, אַהער און אַהין, לויפנדיקע סאָלדאַטן און אָפיצירן. מען האָט געשמועסט וועגן עקזעקוציעס גלייך אויפן אָרט...

ווי אין אַזעלכע סיטואַציעס — האָבן טייל דערציילט, אַז זיי האָבן געזען פירן צום שיסן. אַנדערע האָבן פאַרזיכערט, אַז זיי האָבן געהערט פּאַרטויבטע זאַלפּן הינטערן וועגטל...

משפּחה און קרובים, צווישן וועלכע עס האָט זיך אויך גע־פונען רחל, זיינען ווי וואַנזיניקע אָנגעקומען צו לויפן. מען האָט זיי אָבער נישט צוגעלאָזן. זיי האָבן איינגעזאַפּט אין זיך, די מיט גיפט־פאַרסמטע קלאַנגען וואָס עס האָבן פאַרשפּרייט די שטעטל־דיקע איינוווינער, אַז מען זאָל די פאַרגאַנגענע נאַכט האָבן דער־שאָסן, אַ גרעסערע גרופּע פון די געפאַנגענע...

די שולע פונעם קליינעם באַרג־שטעטעלע וואָס איז געלעגן צווישן די הויכן פון ווערקאָר, האָט אויסגעהויכט איר לעצטן קינ־דער־אָטעם. אַנשטאָט מיט פריידיק־קינדערשן ריח, זיינען די דאָר־

## ק. בענעק

פישע לערן־צימערלעך אָנגעפּילט און מטמא געוואָרן מיט שטינ־קענדיקער לופט פון נאַצישע עס־עס־לייט, געשטאַפּאָ־יונגען און סתם דייטשן. זייערע שטיוול האָבן געסקריפּעט, זייערע קולות האָבן געריטשעט און זייערע שפּאָרן האָבן געקלונגען צום טאָקט מיט די קאָלבעס און פוסשטויסן, מיט וואָס זיי האָבן מקבל־פּנים געווען די אַלע ניי־געבערענגטע אַרעסטירטע. דאָס שאַרכנדיקע גע־ווער, דער אָפּהילך פון די אָפּצאַסן־נעגל און זייערע שטשירנדיקע ציין, האָבן זיך אויסגעמישט מיט די שטימען פון די טעמפּע אויס־פּאַרשער און איינגעהילט דעם קליינעם שול־בנין ווי מיט אַ בראַנד:

— „דער ערשטער, דער צווייטער, דער דריטער, דער פירטער": פּעסטע באַווייזן! קיין דעפּאָרטאַציע! צווייטער שטאָק! זיי בלייבן אין פראַנקרייך.

זייערע לעצטע אויסרופן: „זאָלן לעבן די פראַנצויזישע פּאַר־טיזאַנער! אַ טויט דעם היטלעריזם! זאָלן לעבן די אַלייִרטע אַרמייען" — און שפּעטער דאָס גרילצן פון די מיטראַיעטן — באַשטעטיקט, זייער „בלייבן" אין פראַנקרייך...

— „דער פינפטער, זעקסטער, זיבנטער און אַכטער": קלעפּ, שפּייען אין פּנים און אויסגעהאַקטע ציינער: אויפן ערשטן שטאָק!
— דעפּאָרטאַציע!

חיים איז געווען דער נײַנטער:

— ווי לאַנג ביסטו אין מאַקי?

— איך בין קיינמאָל אין מאַקי נישט געווען?

אַ פּאַטש אין דער לינקער באַק.

— פאַר וואָס האָט מען דיך אַרעסטירט?

— מען האָט געזוכט ווידערשטענדלער און נישט געפונען האָט מען מיך גענומען אויף זייער אָרט!

אַ פּאַטש אין דער רעכטער באַק.

— דיין נאָמען?

— עטיען ביאַלי!

— דיין נאַציאָנאַליטעט?

— פראַנצויזישע!

— רעליגיע?

חיימען האָט עס געגעבן אַ ברי אין מוח, אָבער אינעם זעלבן אויגנבליק, האָט ער זיך באַהערשט, און געענטפערט:

— קאַטוילישע!

ביים נאַצישן קאָמענדאַנט, האָט זיך די ווילדע יוכע אויפס־ניי אָנגעצונדן. די פאַרשמאַלצטע אויגן־לעפלעך האָבן זיך אָנ־געהויבן שאָקלען און טריפן מיט גיפט. נאָך עטלעכע שטורכן אין די זייטן, אַ פוס־שטויס פון הינטן און אין באַגלייטונג מיט אַ געלער סלינע אויף די ליפּן, אַרויסמורמלענדיק: „שייסע, פראַנצאָזען, באָלשעוויקן, יודען, דאָנער־וועטער, ראַוס!" — האָט מען אים חיימען באַשטימט, אויפן ערשטן שטאָק צו די דעפּאָרטירנדיקע.

די וואָס זיינען באַשטימט געוואָרן דעפּאָרטירט צו ווערן אויף צוואַנגס־אַרבעט קיין דייטשלאַנד, זיינען ווידער, ווי פריער, אַרומ־געפירט געוואָרן אין גרויסע מיליטערישע לאַסט־אויטאָמאָבילן אויף די פראַנצויזישע זוניק־אויסגעטרוקנטע וועגן, צווישן בערג, טאָלן און פעלדער, אויף זייער דערוויילִיקער אומבאַקאַנטער רייזע.

זיי האָבן געוווּסט, די געפירטע, אַז סוף כל סוף וועט מען זיי צושטעלן צו דער דייטשער גרענעץ. דערווייל האָט מען זיי אָבער געפירט, אַהין און צוריק, ווי מען וואָלט זיך געררייצט מיט זיי:

„מען וועט אייך נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל וויזן אייערע פעלדער און וועלדער; אייערע בערג און טייכן אַרום וועלכע איר זייט געבוירן און אויפגעהאָדעוועט געוואָרן!"...

די קאָרן־, די ווייץ־ און די גערשטן־זאַנגען אויף די פעלדער האָבן זיך געשאָקלט און זיי געטרייסט:

„זייט באַגריסט אונדזערע יִנגלעך! אויך אונדז איז נישט גוט! אַמאָל זיינען מיר דאָ געשטאַנען אין געדיכטע רייען, פעטע און פולע. מיר האָבן אייך אַלעמען געזעטיקט. איצטער שטייען מיר הוילע, איינגעדראָטע ווי פאַרשעמטע; ווייט אָפּגערוקט איינע פון דער אַנדערער ווי פרעמדע. מיר ווילן נישט וואַקסן פאַרן שונא! — פאָרט געזונט און קומט געזונט — ווען איר וועט זיך צוריקקערן, וועלן מיר ווידער פאַר אייך וואַקסן!"

עס זיינען געווען צווישן די געפאַנגענע, אַ גרויסע צאָל פויערים־קינדער פון דער געגנט. זיי האָבן זיך אויסגעקוקט אויפן פאַרזיי און פינקטלעך אויסגערעכנט וויפל קינטאַלן ווייץ און קאָרן אויף אַ העקטאַר, די ערד האָט דאָ אַרויסגעגעבן. איצט פירט מען זיי — דורך די געשענדעטע פעלדער — הונגעריקע און דורשטיקע, ווי די פי און בהמות, — וועלכע זיינען שוין פון פריער אויסגערויבט געוואָרן — צו אַ „שכן", וועלכער איז שוין צום דריטן מאָל באַפאַלן און געשענדט זייער פאָטערלאַנד...

דער וואָגן האָט זיך דערנענטערט צו דער גרויסער מיטל־דרום שטאָט, וואַלאַנס.

מיט רעש און געפילדער איז ער אַדורכגעלאָפן אַלע גאַסן, און זיך מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט, הינטער דער צווייטער זייט שטאָט; ביי אַ לאַנגער נידעריקער הילצערנער געביידע, מיט אַ צעשפּאָל־טענעם קרומען ציגל־דאַך ווי ביי אַ שאָפּע.

מיט אַ צייט צוריק איז דער דאָזיקער לאַנגער באַראַק געווען די געגנטלעכע פייערלעשער געביידע. איצט, איז ער אַלט און האַלב־פאַרפוילט און ביז היינט שטייט ער ליידיק. אָט, דעם דאָזיקן בנין, האָט מען דאָס געמאַכט פאַר דער ערשטער סטאַנציע פאַר די געפאַנגענע, אויף זייער וועג קיין דייטשלאַנד.

דער פייכטער באַראַק, איז געווען זייער אַ גרויסער. אין אים

איז געווען טונקל אפילו בייטאָג. איצט, שוין מיטן באַלד צוגע־פאַלענעם אָוונט, האָט מען כמעט נישט געזען איינער דעם אַנדערן. אויך דאָ — ווי דאָרט אין דער קינדער־שול — איז אויף דער ערד געלעגן צעריבענע שטרוי, ווי העלע צעבערגלטע זאַמדן.

עס איז צוגעפאַלן דער אָוונט. יעדער האָט זיך אויסגעגראַבלט אַ ווינקל ווו זיך אַוועקצולייגן.

די בייע „איינוווינער", וועלכע זיינען געווען יונגע דאָרפישע און קליין־שטעטלדיקע קינדער, האָבן אויסגעפילט אַלע פינצטערע ווינקעלעך פון דער דאָזיקער כמורנער כאַלופע, מיט אַן אַ שיער יונג לעבן. פון די לעכער אַרויס, האָט זיך געהערט, שטילער גע־זאַנג, אויף מעלאָדיעס פון פאַרשידענע פראַנצויזישע פאָלקסטימ־לעכע און ליבע־לידער. עס האָבן געפלאָסן טענער פון מויל־האַר־מאָניקעס און דאָ און דאָרט, אַ פרייד און אַ געלעכטער, פון דער־ציילטע וויצן און גלייך־ווערטלעך, וואָס די יינגלעך האָבן זיך איבערגעגעבן איינער דעם אַנדערן.

בעת עס האָט זיך געצויגן די פולע נאַכט, ווען דורכן אַלטן טיר־טויער האָט זיך שוין געלאָשן דער לעצטער לבנה־שטראַל, האָט אַ מאָדנע סענטימענטאַליטעט אַרומגעהילט די נאָך וואַכנ־דיקע אָבער שוין מידע יינגלעך. איינער האָט אַ פאַרבענקטער און ווי אין זיך אַריין, אויסגעפייפט די מעלאַנכאָליש־עלעגישע מעלאָדיע פון דעם פאָפּולערן ראָמאַנטיש־פראַנצויזישן ליד:

„זשע סווי סעל סע סואַר..." (כ'בין אַליין היינט אין אָוונט)...

און כמעט אַלע איבעריקע, האָבן מיט ווערטער אונטערגעכאַפּט:

„אָוועק מאַ רעווע־ע..." (מיט מיין חלום)...

אַזוי אַרום זיינען זיי — ווי דורך מאַמעס איינגעזונגענע שלאָף־לידער — אַנדרימלט געוואָרן ביז צומאָרגנס אינדערפרי...

חיים האָט די גאַנצע נאַכט נישט צוגעמאַכט קיין אויג. ער האָט אפילו מורא געהאַט איינצודרימלען.

אין מוח האָט זיך ביי אים געדרייט ווי ווערעם און געטאָ־טשעט געדאַנקען, ווי אַזוי ער איז דאָ אַריינגעפאַלן? און ער האָט געטראַכט: ווי אַזוי וועט ער דאָ אַרויסקריכן? ער איז דאָך, דאָך נישט דער זעלבער ווי אַלע איבעריקע אַרעסטירטע. זיי זייַנען פאַרט נאָך פרייליך און האַפערדיק; און ער?... — האָט ביי אים געגליט אין די שלייפן — אפילו פאַר זיי, פאַר די יִיִגגלעך, מוז ער זיך דאָך פונדעסטוועגן, אויך אויסהיטן אַז ער איז אַ ייִד?...

אינדערפרי — נאָכן וואַשן זיך ביי די פאַרזשאַווערטע וואַ־סער־קראַנען — האָט ער זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט אַ פּאָר פאַר־כמורעטע טריבע אויגן — אויסגעלאָשענע ווי זיינע — ביי אַ יונגנמאַן פון ברייטלעכן און נידעריקן וווּקס. די פּאָר קאַרגע ווער־טער וואָס ער האָט אים געהערט רעדן, זייַנען געווען מיט אַן „אַקצענט", און ווי מיט אַן איינגעגעסענעם טרויעריקן ניגון, דורך וועלכן, חיים האָט דערפילט אַ היימיש־ייִדישע קרובהשאַפט...

ער האָט געוווּסט, חיים, אַז מען דאַרף זיין פאַרזיכטיק. ער האָט אָבער דאָך געזוכט אַ וועג, ווי אַזוי יענעם צו פאַרטשעפּען.

ער האָט געזען ווי דער ברייטלעכער בחור נעמט אַרויס פון אַ בוזים־טאַש, אַ צעריבן פּעקל „גרי" (די ביליקסטע מאַכאָרקע), און פאַרדרייט מיט כמעט ציטערנדיקע פינגער אַ סיגאַרעטל. דאַן האָט זיך חיים דערנענטערט צו אים און געפרעגט:

— אפשר קאָנסטו מיר חבר — פאַרפונדעווען אַ „פּיפּ", שוין נישט געררויכערט פון נעכטן אַן?

דער אומבאַקאַנטער חבר, האָט ווי אינסטינקטיוו, אַ ציטער געטאָן און טאַקע מיט ציטערנדיקע פינגער אים דערלאַנגט דאָס צעקנייטשטע פּעקל מאַכאָרקע מיט די נאָך מער צוקנייטשטע זייד־פּאַפּירלעך.

ביים דרייען דעם טאַבאַק־מיעך, ביי וועלכן כמעט אַ העלפט איז אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד, האָבן זיי גאַרנישט גערעדט צווישן זיך; זיי האָבן געשוויגן; זיי האָבן זיך, ווייזט אויס, פאַר־

שטאַנען אויפֿן ווונק... צום סוף, האָבן זיי זיך טיפֿער אַריינגע־
קוקט אין די אויגן אַריין, און אַלץ אָן איין וואָרט אַרויסצורעדן,
האָט זיך יעדער פֿון זיי מסתמא געטרייסט מיטן געדאַנק פֿון אחים
לצרה...

אויף איבערמאָרגן אינדערפֿרי, ווען די זון האָט אָנגעהויבן
אַדורכפּאַסעווען די פּאַרלאָזענע געקנאָדערטע „קויקעס" נאָכן אויפֿ־
שטיין פֿון די געפֿאַנגענע, האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אַ רעש און
אַ טומל אויפֿן גרויסן פּאַרמלאָזן הויף אַרום דער שאַפּע.

פֿון איין זייט — אַ געשריי, אַ גערויש פֿון דייטשע וועכ־
טער און סאָנטינעלן, וועלכע האָבן געיאָגט און געפּלאָגט און נישט
געלאָזן אויף די אויגן. פֿון דער צווייטער זייט — לאַשטשנדיקע
בליקן און טרייסטנדיקע ווערטער, פֿון פראַנצויזישע יונגעלייט און
מיידלעך, וועלכע זיינען אָנגעקומען פֿון וואַלאַנס, אויף קליינע
טראַנספּאָרט־וועגעלעך, מיט אַ קלימפּערריי. פֿון די קאַמיאָנעטקעס
האָט אַרויסגעזעצט אַ פּאַרע, פֿון די הייסע קענדלעך מילך און
קאַפֿע וואָס האָט זיך דאָרט געפֿונען. די פּאַרע איז ווייט געפֿלאָסן
און איינגעהילט דעם גאַנצן באַראַק־בנין.

פֿון די אויטאָמאָביל־טירלעך, האָבן ווי צו אַ היילקער שלאַכט
זיך אַרויסגעלאָזן מענער און פֿרויען אָרומגעצוימטע מיט שאַרפֿע
רויטע קרייצן אַרום די אָרעמס. זיי האָבן געטיילט יעדן איינעם
פֿון די ייִנגלעך, אַ וואַרעמען פֿרישטיק, וואָס די אַרעסטירטע האָבן
שוין נישט געגעסן זייט לאַנגע טעג.

די מיטגלידער פֿון פראַנצויזישן „רויטן־קרייץ" פֿון וואַלאַנס,
האָבן זיך מיט מסירת־נפֿש, פּשוט אַריינגעריסן, צווישן די פראַנ־
צויזישע געפֿאַנגענע ייִנגלעך און געהאָלפֿן מיט וואָס זיי האָבן נאָר
געקאָנט:

מיט עסן, מיט טרינקען, מיט טרייסט און באַדויער — פֿון
איין זייט, און מיט האַס און צאָרן צו די פֿאַרפֿאַלגער — פֿון דער
צווייטער זייט.

מיטאָג־צייט, זיינען זיי ווידער אָנגעקומען מיט די צעקלונגענע וועגעלעך אין וועלכע עס האָבן זיך געפונען: טעלער, גאָפּל־לעפל, ברויט, זופּ־קעסלען, פלייש און געמיזע.

חיים האָט מיט אַ באַזונדערן אַפּעטיט געגעסן דעם געשמאַקן „לעגים”, וועלכער איז עפּעס ווי אַ סימבאָל, באַשטאַנען, פון זיין אייביק־באַליבט מאכל — פון... בעבעלעך.

די וואַכנדיקע דייטשן, וואָס האָבן זיך געדרייט אַרום די פּאַרעדיקע קעסלען, האָבן מיט ביסטרע בליקן און ציין־קריצעניש, זיך צוגעקוקט צו דער ריירנדיקער סאָלידאַריטעט וואָס די מענער און פרויען פון וואַלאַנס, ווייזן אַרויס צו די געפאַנגענע. זיי האָבן געקוקט מיט רוגזה און עין הרע צו די עסנדיקע. פון דער זייט, האָט אַ בענדלדיקער האַקנקרייצלער אַריינגעוואָרפן:

— זאָלן זיי, די פוילענצער, פרעסן פון די פראַנצויזישע קעסלען, וועט דאָס דייטשע רייך מיט אַ טאָג ווייניקער דאַרפן באַשפּייזן די לומפּן!

אין איינעם פון די טעג, אין אַ הייסן פאַרמיטאָג, בעת די זון איז געשטאַנען אויפן לויטערן הימל אַן אומבאַוועגלעכע און געבאַקן דעם צעשפּאַלטענעם שינדל־דאַך, און בעת די גרעסטע טייל געפאַנגענע האָבן זיך געווישט דעם קלעפּיקן שווייס, וואַרטנדיק אויפן פריילעכן קלימפּעריי פון די קליינע שפּייז־וועגעלעך — איז מיטאַמאָל און אומגעריכט, ווידער אויסגעוואַקסן רחל. זי איז געווען באַגלייט, מיט די צוויי פאַרזאָרגטע פּנימער, פון דער מאַדמואַזעל זשיגאַדיע און חיימס יִנגערע שוועסטער שיינדל.

די דריי פרויען, האָבן געפּלאָנטערט צווישן די שפּייז־וואַגאַנעטקעס וועלכע זיינען פּונקט אין דער זעלבער צייט אָנגעקומען און האָבן זיך אָוועקגעשטעלט פאַרן אָפענעם טויער, פון דער לאַנגער פייער־לעשער־געביידע.

ווען חיים האָט אָנגעקוקט רחלען, האָט ער נישט געגלייבט

זיינע אייגענע אויגן. דורך דער קורצער צייט וואָס זיי האָבן זיך נישט געזען, איז זי קוים געווען צו דערקענען.

אַ זייער שטאַרק אָפּגעמאָגערטע און אַ פּנים ווייס ווי קאַלך, מיט האַלב־אויסגעלאָשענע שייַנען אין אירע לענגלעכע אויגן — האָט זי אויסגעזען ווי זי וואָלט דאָס געווען די אַרעסטירטע און געפאַנגענע. חיים האָט אין דעם מאָמענט, אינגאַנצן פאַרגעסן אין זיך. אַ צער און אַ ווייטיק האָט אים אַרומגענומען ווען ער האָט דערהערט די ערשטע פּאָר שטילע ווערטער, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעשלייכט דורך אירע בלאַסע ליפּן, ווי פון אַ מענטש, וואָס איז נאָר וואָס אויפגעשטאַנען פון אַ לאַנג־דויערנדיקער קראַנקייט.

די גאַנצע איבער אַכצן קילאָמעטער וואָס טיילט אָפּ די דע־פּאַרטעמאַנטאַלע הויפּט־שטאָט וואַלאַנס, פון דער צווייטער גרע־סערער שטאָט ראָמאַנס, האָבן די דריי פרויען נישט מיט ווייניק איינשטעלעניש, כמעט אַדורכגעמאַכט צו פוס.

חיים האָט באַמערקט ווי עס איז געהאַנגען אויף רחלס אָרעם דאָס געפלאָכטענע שטרויענע קאָשיקל, מיט וועלכן זי פלעגט גיין איינקויפן פאַר זייער געברויך, אין די מאָגערע געוועלבלעך פון ראָמאַנס.

ער האָט איר דערציילט רחלען, זיין כמעט שטומען צוזאַמענ־טרעף דאָ, מיט נאָך אַזאַ איינעם ווי ער... און אַז דער "רויטער־קרייץ" פון וואַלאַנס, זאָרגט און קאָרמעט זיי מיט כל־טוב; דורך דעם הייבט ער ביי יעדן דעם מאָראַל. ער האָט פאַר איר געשיל־דערט דאָס נעכטיקע מיטאָג, ביי וועלכן עס האָט אויך קיין בעבע־לעך־געמיזע נישט געפעלט...

רחל איז זייער צופרידן געווען פון דעם וואָס חיים האָט איר דאָ איבערגעגעבן. זי האָט אפילו באַקומען אַ ראָזלעכע פאַרב אויפן פּנים. אין געדאַנק האָט זי אָבער געטראַכט: אַז די גאַנצע מי וואָס ליגט איצט דאָ ביי איר אין קוישל, איז געווען אומזיסט... זי האָט פונדעסטוועגן צעעפנט דאָס קויבערל און ווי אַ פאַרשעמטע,

אַרויסגעשטעלט פון דאָרט: שיסעלעך און „מענאַשקעס" פול אָנ־געהויפטע, מיט אַ גאַנץ צוגעגרייט מיטאָג. פלייש, פאַרשפּייז, אַ דעסערט און דער עיקר... אַ טעפּעלע מיט גוט איינגעדעמפּטע בע־בעלעך — עסנוואַרג, וואָס זי האָט אַראָפּגענומען פון איר מויל, אָדער מיט גרויס אָנשטרענגונג דאָס איינגעשאַפט פאַר אים, אויף די שוואַרצע אומלעגאַלע מערק.

נאָך אַ זיבן־אַכט טעג „פאַרברענגען" אין דעם לאַנגן באַראַק לעבן וואַלאַנס, האָט מען די געפאַנגענע ווידער אַריינגעשליידערט אין די שווערע לאַסט־אויטאָמאָבילן, און זיי געפירט, שוין מיט אַ שנעלערן טעמפּאָ, כמעט אין גאַלאָפּ, צפונדיק, צו מזרח־פראַנק־רייך.

אַ קעלט און אַ פראָסט האָט אַלעמען אַרומגענומען, אויף יעדן שפּאַן ערד, וואָס די לויפנדיקע קאַמיאָנען האָבן זיך וואָס אַמאָל מער דערווייטערט פון זייערע היים־ערטער... ווי אַ סטאַדע שעפּסן וואָס דערפילן פון דערווייטנס אַ שעכט־הויז, אַזוי האָבן זיך די אַלע געפאַנגענע געפילט וואָס נענטער, און נענטער צו די דייטשע גרענעצן...

⁂

די שמוציקע בהמות־וואַגאָנען פונעם דעפּאָרטאַציע־צוג, קייק־לען זיך מיט אומזיכערקייט, ווי די האַלב־שיכורע שומרים וואָס באַגלייטן דעם וועג.

דאָ און דאָרט — צעריסענע אָדער אויסגעבויגענע רעלסן און דער צוג מוז מיט שווערקייט פאַרקערעווען אויף אַ זייטיקער ליניע.

דאָ און דאָרט — אַנשטאָט אַ געוועזענע בריק — אַ הויפן

שטיינער, זאַמד־בערג, צעריבענע בעלקעס צוזאַמענגעפּלאָכטענע מיט אייזערנע און שטאָלענע בריק־טיילן, צעשליסענע וואַגאָנען, איבערגעדרייטע לאָקאָמאָטיוון מיט די רעדער צום הימל און אויפֿגעריסענע קריגס־מאַטעריאַלן — די אַרבעט און די באַשטעטיקונג, פֿון די, ביי זיי אַזוי גערופֿענע: טעראָריסטן... און דער צוג, מוז שוין ווידער נעמען אַן אַנדערן וועג.

די אַלירטע אַוויאַציע פֿון אויבן און די דרייסטע פּאַרטיזאַנען־טעטיקייט פֿון אונטן, פֿאַרהעלן די געמיטער פֿון די געפּירטע מיט האָפֿענונג און גלויבן און ביי די הינט־וואַכנדיקע נאַציס, רופֿט עס אַרויס אַ חיהשן ווילדן גרימצאָרן.

די הערצער קלאַפּן אין פֿאַרשידענע ריכטונגען. פֿון די געפּירטע אוז פֿון די פּירער...

דער לאַנגער קאָנוואָי־צוג, שלייכט זיך אַדורך ווי בגנבה, שטיל און אָן רעש, דורך די וואַגעזן — די לעצטע בערג פֿאַר דער גרענעץ — ווו עס האַלט זיך אויף, די דאָרטיקע מאַקיזאַרן, פֿאַר וועלכע די היטלער־סאָלדאַטן, ציטערן און פּלאַטערן אַזוי פּחדניש־צעשראָקענע...

זיי שטרעקן אויס די ביקסן־רערן דורך די וואַגאָן־לעכער אַקעגן די בערג, מיט אַ מוראדיקער נערוועזיטעט. און ווי מיט גסיסה־געראַנגל, געלונגט זיי צוצופֿירן די שלעפּ־באַן — מיט די קרוב טויזנט דעפּאָרטירנדיקע — צו דער שוועל פֿון גיהנום.

די לעצטע צעשטראַלטע דין־פֿאַרבענקטע בליקן פֿון די געפּירטע, צו די פֿראַנצויזישע פֿעלדער און וועלדער...

ווייסע טיכלעך, פֿון די דאָרטיקע פֿראַנצויזישע גרענעץ־איינוווינער, פּלאַטערן מיט חן און ליבשאַפֿט, אַנטקעגן די פֿאַרהאַמערטע וואַגאָנען.

## ק. בענעק

צעשראָקענע תמימותדיקע אויגן פון פויערים, פון פויערטעס, באַגריסן דעם צוג, דורך פאָכען מיט פעלד־כלי־זין, מיט דערמונ־טערנדיקע בליקן, מיט אַ געפלאָטער פון פעלד־בלימלעך און מיט... פאַרביסענע ליפּן. דאָס דערמאָנט נאָכאַמאָל די געפירטע, אַז זיי מאַכן איצט די לעצטע שריט אויף זייער ערד וואָס גיט זיי מיט אַזוי פיל דערינערונגען. אַז זיי פאַרלאָזן איצט זייער לאַנד, וואָס פירט שוין צום דריטן מאָל אַ מעכטיקן געראַנגל מיט אַן אייביקן שונא.

— — — גאָר באַזונדער האָט עס חיימען, פון זיין זייט, דערמאָנט: אַז מען שטופּט אים איצט אַריין, אינעם שאַרף־צייַ־נערדיקן פּיסק, פון דעם אכזריותדיקסטן רוצח פון דער געשיכטע פון זיין פאָלק...

# קאפיטל זיבעצן

## „אך, ווי עס שמעקט די היימאט!...“

דער צוג הייבט אָן לויפן מיט מער זיכערקייט, צו רוישן חוצפּהדיקער, און מיט דעם באַרימטן „נאָרמאַלן“ פאַרטעמפּטן דייטשן ריטם.

די סאָלדאַטן און אונטער־אָפיצירן וועלכע באַוואַכן די גע־פאַנגענע, צעקנעפּלען זיך די בונטע שווערע שינעלן, ווישן זיך די צעפּלאַמטע פּנימער פונעם שמוציקן שווייס, אָטעמען פרייער אָפּ, ווי נאָך אַן איבערגעקומענער געפאַר, און וואַרפן זיך איבער מיט אָפּגעהאַקטע ווערטער און פראַזן, פון איין ווינקל אין צווייטן אַריין:

— אָ, ווי דו פילסט זיך גוט, ווען דו טרעטסט איבער דער דייטשער ערד!

— ענדלעך אַריינגעקריגן די גאַנצע שייסע!

— אַך, ווי עס שמעקט די היימאַט!

די דעפּאָרטירטע פון זייער זייט — שוין אויף דער דייטשער טעריטאָריע — הייבן אויך אָן פילן, ווי עס „שמעקט די היימאַט“.

זיי הייבן אָן נאָך מער ווי פריער, צו שפּירן דעם פאַרשטונ־קענעם ריח פון די נאַצישע גראָבע שטיוול, פון קאַזאַרמע־געררוך און פון די גרויע מאַנאָטאָנע זעלנערישע אוניפאָרמען, וואָס עס שפּאַרט צו זיי אַריין פון דרויסן, אין די ענגע וואַגאָנען אַריין.

זיי הייבן אָן באַנעמען דעם טעם פון „שייסע“, שמוציקע

פראַנצאָזען״, ״באָלשעוויקעס און יודען״ — נעמען אדער פסעוודאָ־נימען, וועלכע פאַרבלייבן שוין פאַר זיי ביזן סוף אַריין.

מען הערט אויף מיטאַמאָל צו זען, געוויינלעכע ציוויל־געקליידטע מענטשן.

די געפירטע הייבן אָן איינזאַפּן אין זיך, די פאַרלאָשענע בליקן, אויסגעקרומטע פּנימער, צעבראָכענע פיגורן און פאַרשמאַכטע געשטאַלטן — מיט היי־גאָפּל און רידלס, אויף איינגעשרומפּענע אָקסלען — פון מענטשן מיט געפּאַסעוועטע טראַנטעס, געטריבענע דורך עס־עס־לייט און הינט כמעט אויפן גאַנצן וועג פון דער היימאַט, ביז צו דער שטאָט און לאַגער וואָהין זיי זיינען באַשטימט געליפערט צו ווערן.

דורך די לויזע וואַגאָן־שפּאַרעס און דורך די קליינע פאַר־קראַטעוועטע פענצטערלעך, האָבן זיי געזען, אומאויפהערלעכע דעפּילאַדן, פון נאַציִשע קאַניבאַלן — די אויספירער פון דער דייטשער פאַרברעכערישקייט — אין זייערע פאַרשידנאַרטיקע אוני־פאָרמען.

זיי זעען כל המינים ״פאָלקס־שטורמיסטן״. רויט־נע/ערדיקע, וועלכע מאַרשירן ווי אין אַ הייליקער פּראָצעסיע. זיי זעען ״גאָל־דענע היטלער־יוגנט״, אונטערוועלטישע, מיט ווויל־יונגערישן גאַנג און מיט אַ צעיאָכמערט געזאַנג, פון ייִדן־פרעסערישן האָרסט־וועסל־ליד.

זיי זעען און זעען:

דעגענערירטע, פאַרשידענע ״פאָלקס־אַפּפער״; ״ווייבער־שטור־עמס״; קרענקלעכע מיט ביליק פאַרשייטע פּראָסטיטואירנדיקע פרויען־זשעסטן; ״היימאַט־שוץ״ און אַנדערע מענטשן־פרעסערישע דייטשן און דייטשקעס, וועלכע ״באַגריסן״ די דעפּאָרטירטע, מיט ברוטאַל־ציניִשע בליקן און מיט חוזקדיקן געלעכטער.

דאָס אַלץ, האָט זיי נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל דערמאָנט —

די פאַרשלעפּטע געפירטע פראַנצויזישע ייִנגלעך — אין דעם באַ־צישן סאָלדאַט, וואָס האָט מיט פרייד אויסגערופן צו זיין חבר:

„אָ, ווי דו פילסט זיך גוט ווען דו טרעטסט איבער דער דייטשער ערד", ווי אויך אין דעם צווייטן זעלנער, וועלכער האָט אים אָפּגעענטפערט:

— „אַך, ווי עס שמעקט די היימאַט!"...

⁂

דער שטורמישער צפון־ים, צווישן האָלאַנד און דענעמאַרק, האָט געשוימט און געכוואַליעט, ווען דער צוג האָט געקרייצט און געשלענגלט די ברעגן, אין דער הויך פון דער דייטשער טעריטאָריע.

עס איז געווען ווייט נאָך האַלבער נאַכט.

די שיפן, באַרקן און זעגלען, זיינען געלעגן נעבן די ראַנדן אויפן אָפענעם ים, פינצטערע, אויסגעלאָשענע און אומבאַוועגלעכע, ווי ריזיקע געפּענטעטע חיות.

זיי זיינען באַלויכטן געוואָרן דורך די העלע שוימען פון די כוואַליעס און פון צייט צו צייט, דורך די ענגלישע באָמבאַרדיר־אַויאָנען, וועלכע זיינען אַדורכגעפלויגן אויף זייערע „שפּאַצירן". נאָך ברעמען און האַמבורג.

אָט אין דער דאָזיקער פינצטערער נאָך־האַלבער נאַכט, האָט זיך דער צוג אָפּגעשטעלט, אָן רעש און אָן געפּילדער, אויף דער ראַמפּע, פון דער אָפּגעשטאָרבענער באַן־סטאַציע פון דער מיטל־גרויסער האַפן־שטאָט וועזערמונדע.

אין דרויסן — פאַרן אומבאַלויכטענעם באַן־הויף — האָבן שוין געוואַרט לאַסט־וועגענער פאַר די אָנגעקומענע דעפּאָרטירטע. מען האָט ווי ביי אַ שטילער לוויה, דורך די אָפּגעליידיקטע

גאסן, זיי צוגעפירט צו אַ פּראָוויזאָרישן אויפנעם־לאַגער, וועלכער האָט זיך געפונען אויפן ברעג פונעם ברייטן טייך ווזער.

אינעם באַלויכטענעם לאַגער, האָבן די פאַרפרישעטע אויגן, פון דער נאַכט־פינצטערניש — ביי די דעפּאָרטירטע — צוריק אויפגעלויכטן. די אויגן האָבן באַזונדער אויפגעשיינט, בעת זיי האָבן געזען אַרום זיך, יינגלעך, מיט טונקל־בלויע בערעטן אויף די קעפּ. די ניי־געקומענע, האָבן אויך געהערט ווי זיי רעדן פראַנ־צויזיש... די יינגלעך האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרען אַרום זיי.

די „נאַכט־יינגלעך", זיינען געווען צוואַנגס־אַרבעטער פון פראַנקרייך, וועלכע זיינען שוין דאָ געווען פון פריער. די דייטשן האָבן זיי דאָ אַהערגעבראַכט, כדי צו באַדינען און געבן די ערש־טע אָנווייזונגען די פריש געקומענע.

די נייע און אַלטע פראַנצויזישע דעפּאָרטירטע, זיינען זיך געפאַלן אויף די העלדזער ווי לייבלעכע ברידער. די אַלטע האָבן זיך אויסגעפרעגט ביי די געקומענע, וועגן די מלחמה־נייעסן, ווי עס זעט איצט אויס אין פראַנקרייך און גאָר באַזונדער, וואָס עס הערט זיך אין פּאַריז? יעדער פון זיי האָט געוואָלט וויסן פון וועלכער געגנט איינער שטאַמט, כדי אַזוי אַרום אפשר זיך דער־וויסן, וועגן זייערע אייגענע און נאָענטע...

די אַלטע האָבן זיך פעסט געאַרעמט מיט די נייע און איינ־געזאַפּט אין זיך, די פראַנצויזישע לופט און ריחות, וואָס האָט נאָך געווייעט און געפלאָסן פון די פּנימער ביי די פריש־געקומענע, פון די פעלדער, וועלדער, שטעט און דערפער, פון זייער געמיינ־זאַם פאָטערלאַנד. ביי פיל פון זיי, האָבן געפינקלט טרערן. „אַלטע" און „נייע" טרערן האָבן זיך אויסגעמישט...

צומאַרגנס איבערפרי, איז דאָ, אין דער הויכער צפונדיקער געגענט, נאָך געווען גענוג מילד און וואַרעם. און כאָטש עס איז שוין געווען אין טיפן סעפּטעמבער, האָט די זון נאָך באַשיינט

די נידעריקע לאַגער־באַראַקן וועלכע האָבן צווישן די קוסטן אויס־געזען ווי גרויסע שוואָמען־קעפּ, אַרום די ראַנדן פונעם טייך וועזער.

דאָס וואַסער איז זיך געפלאָסן רויִק, מילד און פרידלעך, נישט אַנדערש ווי די סענע, די ווייסל, דער הודסאָן און אַלע אַנדערע וואַסערן און טייכן פון דער וועלט.

דייטשע זעלנער און מאַטראָסן האָבן זיך געבאָדן, געשווימען און זיך געפּלעשטשעט אין די וואַסערן, ווי ס׳וואָלט גאָר דאָ קיין מלחמה נישט געווען. אַ מאָדנער געדאַנק איז דורך חיימס מוח דע־מאָלט אַדורך: ער האָט געטראַכט, אַז נאַקעטערהייט, זעען זיי פונדעסטוועגן אויס ווי מענטשן...

באַלד האָט זיך אָנגעהויבן די רעגיסטראַציע און קאָנטראָל־פאָרמאַליטעטן, דורך אַ סעקרעטאַר, אַ דאָלמעטשער, וועלכער איז געווען אַן איטאַליענישער פּריוויליקער. אַ חוץ אויף אַנדערע שפּראַכן, האָט ער אויך גערעדט און געשריבן אויף אַ קאָרעקטן און גוטן פראַנצויזיש. אַ טייל פון די יינגלעך, מערסטנס דאָרפישע, וואָס האָבן אינגאַנצן קיין אידענטיטעט־קאַרטן נישט געהאַט, האָט דער איטאַליענישער פּרייוויליקער זיי פאַרשריבן לויט זייערע מינד־לעכע דערקלערונגען.

חיים האָט כסדר געטראַכט און מורא געהאַט, אַז זיין איי־גענע צונג, זאָל אים נישט אַמאָל פאַרראַטן... פונדעסטוועגן, ווען דער דאָלמעטשער האָט אים איילים איבערגעפרעגט, צי זיין פאַר־נאָמען „עטיען", שרייבט זיך מיט איין „ען" אָדער מיט צוויי? האָט ער גלאַטיק און דרייסט אָפּגעענטפערט: „מיט צוויי ענען" — טאַקע אַזוי ווי עס איז געווען פאַרשריבן אין זיינע פאַלשע פּאַפּירן.

ער האָט ווי געוויינלעך, דער איטאַליענער, ביי יעדן גע־פרעגט זיין נאָמען, באַשעפטיקונג, עלטער און ווין־אָרט. גאָר

באזונדער האָט ער געלייגט אַכט, און אַקצענטירט, ביי דער פראַגע וועגן רעליגיע.

חיים האָט מיט שטוינונג זיך צוגעהערט, ווי אַ פּראָסט־פּרי־מיטיוועַר בחור, וואָס אַ שטיק דאָרף איז אים נאָך געלעגן אויפן פּנים, האָט געענטפערט דעם סעקרעטאַר אויף יענעמס פראַגע וועגן רעליגיע:

— כ'ווייס נישט — האָט ער געזאָגט — איך בין נאָך קיינמאָל אין קיין קירכע נישט געווען!

באַלד נאָכן דאָזיקן דאָרפס־ייִנגל, איז געקומען די ריי פון אַ יונגנמאַן אַ בלאַסן, אַ פאַרגרינטן, מיט אַ קענטלעכן פּחד אין זיינע פינקלענדיקע צעשראָקענע אויגן. ער האָט געטראָגן — ווי מאָדנע עס זאָל נישט האָבן אויסגעזען — דעם נאָמען: „ראָזענ־בערג". (חיים האָט עס ביי זיך אויסגעטייטשט, אַז ביים מאַכן זיך זיינע פאַלשע דאָקומענטן, האָט דער בחור אוודאי געמיינט, אַז דער „זכות" פון דעם באַרימטן נאַצישן גדולס נאָמען: ראָזענ־בערג — וועט אים ביישטיין)... אָבער צווישן זיינע פּנים־שטריכן און נערוועזע תנועות, האָט אוודאי בלויז איין חיים אַרויסגע־לייענט זיין ייִדישקייט...

ער האָט זיך פונדעסטוועגן נישט פאַרלוירן, דער יונגערמאַן. ער האָט רויִק און זאַכלעך אויף דער פראַגע: רעליגיע! גע־ענטפערט: — קאַטוילישע!...

נאָך אים האָבן די ווייטערדיקע, כמעט אַלע געענטפערט דאָס זעלבע. און נישט מיט קיין גאַנץ קלאָר קול, אויך... חיים.

מען האָט זיי אַלעמען געפירט צו אַ מעדיצינישער קאָמיסיע. חיים האָט אַ פאַרצווייפלטער איבערגעציטערט. דאָ, האָט ער גע־טראַכט, וועט שוין אפילו דער בעסטער ענטפער נישט פועלן...

אויפן וועג, וואוהין מען האָט זיי געפירט צו־פוס, דורך הינטערשטאָטישע פעלדלדיקע וועגן און סטעזשקעס, איז חיימס אומרויִקער בליק געפאַלן, אויף אַ צעקנייטשט אָפּגעריסן שטיקל

פּאַפּיר, וועלכעס איז געווען צוגעקלעפּט אויף דער גרינער פייכט־לעכער ערד.

ווי אַן עלעקטרישער שטראָם, איז אים איבערן גאַנצן לייב אַדורך:

עס איז געווען אַ שטיקל איינגעריסן און צעריבן בלעטל פון אַ... סידור, צי פון אַ מחזור, אָדער גאָר פון עפּעס אַן אַנדערן הייליקן ספר. חיים האָט נישט געגלייבט זיינע אויגן.

ווי קומט עס דאָ אַהער?

ער האָט בולט געזען חיים, די קאַנטיקע געפינטלטע אותיות וועלכע ער האָט געקאָנט איבערלייענען אפילו פון דערווייטנס.

„מזמור שיר חנוכת הבית לדוד".

נאָך דעם, האָט ער אין גאַנג, נאָך געקאָנט דערכאַפּן, אַ קלע־נערע און שוין אַ האַלב־פאַרבלאַטיקטע שורה:

„רפואות הנפש, ורפואות הגוף".

קיינעם פון די געפּירטע פּראַנצויזן איז נישט איינגעפאַלן, פאַרשטייט זיך, צו וואַרפן די מינדסטע אויפמערקזאַמקייט אויף דעם האַלב־צעווייקטן שטיקל פּאַפּיר. אָבער חיימען, כאָטש ער איז קיינמאָל קיין רעליגיעזער נישט געווען, האָט עס אים דאָס מאָל געצויגן צו דער ערד... ער האָט אָבער באַרעכנט די געפאַר און געמאַכט זיך נישט זעענדיק. ער איז צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע, וואָס האָבן אַרויפגעטראָטעוועט אויף דעם הייליקן שטיקל פּאַפּיר, געגאַנגען ווייטער...

אין חיימס מוח האָט געגליט די גרויזאַם־סימבאָלישע ווער־טער וואָס ער האָט נאָר וואָס געזען. רפואות הנפש, ורפואות הגוף! און גאָר באַזונדער, דער „מזמור שיר חנוכת הבית" — אויף די טומאַדיקע וועגן און שטעגן, פון דעם שוין אפילו גוססדיקן דייטשלאַנד?

דער „גרויזאַמער סימבאָל" האָט זיך אפשר אויפגעקלערט

דערמיט, וואָס גייענדיק אַלץ ווייטער און ווייטער און אַדורכ־האַקנדיק אַ באַן־שלאַבאַן, איז חיים אומפאַרגלייכלעך נאָך מער ווי פריער, מוראדיק דערשיטערט געוואָרן.

אויף שטיינער, אויף רעלסן־סלופּעס און אויפן קאַלטן נאַ־קעטן אספאַלט, האָט ער געזען זיצן מענטשן מיט געשטרייפטע לייוונטענע בגדים... אָפּגעטיילט פון זיי, האָבן זיך אויך געפונען עטלעכע קלענערע און גרעסערע קינדער, מיט קלומיקלעך אין די הענט...

ווען חיים האָט דאָס דערזען, האָבן זיך ביי אים די קני גע־בראָכן אינעם גאַנג. עס האָט אים אַ שלאָג געטאָן פאַר די אויגן ווי אַ בראַנד, דאָס געשטאַלט פון זיין שוועסטער לילי, וועלכע מען האָט צוזאַמען מיט איר אַכט־יאָריקן זון, אינעם פאַרטאָג פון שוואַרצן דאָנערשטיק פון זעכצנטן יולי טויזנט־ניין־הונדערט־צוויי־און־פער־ציק, אַריינגעוואָרפן אין די פאַריזער ספּאָרט־האַלע, „וועלאָדראָם ד׳היווער", אויף דעפּאָרטאַציע...

אין זייער פאַרלוירנקייט און מיט זייערע אויגן פול מיט פחד ווי פאַרן טויט, האָבן זיי אויסגעזען, די מענטשן, אַז זיי האָבן שוין דאָ גאָרנישט וואָס צו דערוואַרטן; אויסער אויף דעם צוג, וועל־כער דאַרף זיי פירן ערגעץ צו אַ דייטשן קאַלך־אויוון...

אָן שום ספק, האָט חיים באַנומען און געזען אַז זיי זיינען יידן. און אַז פון זיי שטאַמט אוודאי דאָס צעווייקטע און צעווייטיקטע שטיקל פּאַפּיר ?...

אויך די נישט יידישע געפאַנגענע האָבן דאָס באַנומען. זיי האָבן מיטפילנדיקע, טרויעריקע און מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, שטיל זיך איבערגעשעפּטשעט :

— יידן, יידן, אומשולדיקע יידן !

די אַרויסשטאַרצנדיקע קינען ווי ביי סקעלעטן, און די מיט בלוט־פאַרלאָפענע אויגן פון די יידן, האָבן געוואָרפן, פיל־זאָגנדיקע

פאַרצווייפלטע בליקן, ווי לעצטע „עס.אָ.עס״־רופן, צו די אַדורכגע־פירטע ציוויל־געקליידטע געפאַנגענע:

„עס איז שוין קיינער נישטאָ וועד עס זאָל אונדז העלפן!״

„אפשר קענט איר אונדז ראַטעווען?״

„— — — — ווי גערן וואָלטן מיר איצט געגאַנגען מיט אייך צוזאַמען!״...

ביי דער מעדיצינישער קאָמיסיע, האָט זיך יעדער נאַציאָנאַלי־טעט געהאַט דאָ איר אייגענעם דאָקטער.

דער פראַנצויזישער מעדיצינער וואָס האָט באַהאַרכט און באַ־טאַפּט פון אַלע זייטן, האָט געוואָרפן אַן אויסמיידנדיקן בליק אויפן אונטערשטן טייל פון חיימס קערפּער... ער האָט מיט צערטלעכקייט אַרויפגעלייגט די האַנט אויף זיין אַקסל, ווי ער, דער דאָקטער, וואָלט דערמיט ביי חיימען, געוואָלט אָפּווישן דאָס יידישקייט... מיט מיטליידנדיקע עטוואָס פאַרמרוזשעטע אויגן, האָט ער צו אים ווי כמעט אויסגעזיפצט:

— גוט צו דער אַרבעט!

דער גאַנצער ערשטער טאָג איז אויסגעפילט געוואָרן אויף אַרומצופירן זיי, גרופּנווייז, אויף פאַרשידענע פּלעצער, אַמטן און קאַנצעלאַריעס.

אַ טונקל־בלאָנדע דייטשקע אין די פריע מיטל־יאָרן, אָנגעטאָן האַלב־מיליטעריש, מיט אַ שטאָפּן האַקן־קרייצל אויף דער רעכטער קלאַפּע, האָט געפירט די גרופּע ווו חיים האָט זיך געפונען — זיי איינמעלדן אין דער זשאַנדאַרמעריע. אויפן וועג, האָט זי זיך אַדורכ־געשמועסט, אין אַ גאַנץ קאָרעקטן פראַנצויזיש, מיט אַ טייל פון די געפירטע.

זי האָט דערמאָנט די יאָרן, ווען זי האָט געלערנט אין דער פאַריזער סאָרבאָנע: באַוווּנדערט און פאַרהערלעכט די קונסט־אוצ־רות פון וועלט־באַרימטן „לוווּר״־מוזיי און ווי פאַרבענקט, האָט זי

זיך דערינערט, אין אירע אָפטע שפּאַצירן אויף די עליזעי־פעלדער און אין די אָוונטן און נעכט, אין די ראָמאַנטישע אַלייען פון די בולאָנער וועלדער...

— אייגנטלעך, צו אייך פראַנצויזן האָבן מיר גאָרנישט ! — האָט זי גרויסמוטיק „געטרייסט" די געפאַנגענע — מיט אייך פירן מיר נישט די קריג ! מיר פירן זי בלויז מיט די באָלשעוויקן און יידן, וועלכע האָבן אונדז די קריג אָנגעוואָרפן !

ווען זי האָט געזען אַז קיינער ענטפערט איר גאָרנישט, האָט זי פונדעסטוועגן, ווייטער גערעדט :

— ווען די אַמעריקאַנער און ענגלענדער וואָלטן זיך אויפגעפירט ווי אייער נאָבעלער מאַרשאַל פּעטען, וואָלט די קריג שוין לאַנג געווען פאַרענדיקט — האָט זי פּרובירט ווירקן אויף די געפילן — האָבן זיי זיך אָבער פאַרעקשנט און זיך פאַראייניקט מיט די יידן און באָלשעוויקן ! דערפאַר ליידן מיר אַלע אַזוי פיל — האָט זי פרום און שיער נישט סענטימענטאַל פאַרענדיקט דאָס רעדן — שוין האַרט פאַרן טויער פון דער זשאַנדאַרמעריע.

צו יענער צייט, — דאָס איז געווען סוף סעפּטעמבער, טויזנט־ניין־הונדערט־פיר און פערציק — האָט דאָס טרפהנע בלוט פון דער ווילדער נאַצישער חיה, געטריפט פון אַלע זייטן. די קלעפּ זיינען געפאַלן מיט אַן אומגעהויערער שנעלקייט : אויפן מזרח — פון די סאָוויעטן און אויפן מערב — פון די אַליִרטע. אַז אַפּקלאַנג דערפון, האָט מען אויך געקענט באַמערקן, אויף די פאַרקרומטע פּרצופים פון די מיט בלעך־באַהאַנגענע זשאַנדאַרן, וועלכע זיינען געווען אויס־געזעצט ביי די שוואַרצע ביוראָ־טישן ווי אין אַ געריכט-זאַל.

נאָכן „הייל-היטלער" ! וואָס די האַלב־ציווילע דאַמע האָט גע־הויבן, האָבן זיי געוואָרפן, די זשאַנדאַרן, פאַרביטערטע און שנאה־דיקע בליקן אויף די אַפּגעריסענע פראַנצויזישע ייִנגלעך : ווי זיי וואָלטן דאָס אין אַלעם שולדיק געווען, — טראָץ דעם, וואָס „זייער נאָבעלער" מאַרשאַל פּעטען, האָט אַלץ געטאָן, אַז עס זאָל אַזוי נישט זיין...

מיט הויט־ציטערניש און מיט ציין־קריצעניש האָבן זיי צווישן זיך און מיט דער „פירערין“, אַ סך גערעדט וועגן די לעצטע גע־שעענישן אויף די פראָנטן. זיי האָבן פיל מאָל דערמאָנט די נעמען פון די אייראָפּעאישע הויפּטשטעט: בערלין, וואַרשע, מאָסקווע און מערערע מאָל — פּאַריז.

אין זייערע רעזיגנירטע כמעט פאַרחלשטע רייד ווי נאָך אַ ביטערער פּיל, האָבן די יינגלעך געזען און באַנומען, ווי זייער „הערן־ראַסע“, צאַנקט און לעשט זיך...

נאָך די אַלע מוטלאָזע געשפּרעכן זייערע, האָבן די זשאַנדאַרן זיך גענומען צו זייער אייגנטלעכער פּאָליציי־אַרבעט.

זיי האָבן ביי יעדן פון די יינגלעך טיף אַריינגעקוקט אין די אויגן ווי ביי אַ פאַרברעכער. דאָ געוואָרפן אַ וואָרט, דאָ גע־שטעלט אַ פראַגע און פאַרשריבן אין אַ ברוינעם בוך אַריין די גרויס פון כמעט אַ פערטל טיש.

גערעדט האָבן זיי בלויז צו דער פירערין, וועלכע האָט דער עיקר אויסגעפירט די ראָל פון אַ דאָלמעטשערין.

צום סוף, האָבן זיי געוויגן, געמאָסטן, געמאַכט פינגער־אָפּדרוקן און ביי יעדן איינעם געפרעגט:

— „צו איסט דער אַרבייטער ניכטס אַמאָל קיין יודע?“ די איבערזעצערין האָט יעדעס מאָל געשאָקלט מיטן קאָפּ, אויף ניין!

חיים איז צופעליק געווען דער לעצטער. אויף דעם זשאַנ־דאַרס פראַגע ביי אים: יודע? — האָט די „אינטעליגענטע“ און „סענטימענטאַלע“ דייטשקע וועלכע האָט אַזוי פאַרהערלעכט די קונסט־אוצרות פון „לוווּר“, דאָס מאָל נישט געשאָקלט מיטן קאָפּ. און מין הסתם אַלס דעם לעצטן, האָט זי געענטפערט מיט סאַטיס־פאַקציע און צופרידנקייט:

אַך, גאַט באַהיט, קיינע יודע!

## קאפיטל אכצן

# אין א דייטשן ארבעטס-לאגער

אַ ריזיק־ריזיקער שטח ווי אַ גאַנצער שטאָט־טייל, האָבן פאַר־נומען די פאַבריקן, אוזינען און אַטעליעס פון דער מעכטיקער שיף־בוי־געזעלשאַפט „אודזשעמאַק". דאָס איז געווען אַ „סוקערזאַל", אַ פיליע אָדער אַן אָפּטייל, פון דער גרעסטער דייטשער שיף־בוי־אינדוסטרי, וואָס די צענטראַלעס האָבן זיך געפונען אין האַמבורג, ברעמען און אין קוקסהאַווען.

דאָ זיינען געווען באַשעפטיקט ביי אַן ערך, פון אַ זעקס טויזנט אַרבעטער, צווישן זיי, אַ צוויי טויזנט דעפּאָרטירטע, פון וועלכע דער גרעסטער טייל זיינען געווען פון פראַנקרייך.

אָט, אין די דאָזיקע פאַבריקן און ווערקשטעלן, האָט מען איינ־געגלידערט די אַלע פרישע דעפּאָרטירטע וועלכע זיינען אַרויסגעפירט געוואָרן פון זייערע שטאָטישע און דאָרפישע היימען, פון די דראָם און איזער־דעפּאַרטאַמענטן פון פראַנקרייך, צו זייער שקלאַפן־אַרבעט, ערגעץ אויף די הויכן ביים דייטשן צפון־ים.

די שטאָט וועזערמונדע און ווי זי האָט זיך אויך גערופן: ברעמערהאַוון — מיט בערך אַ הונדערט טויזנט איינוווינער — איז געווען געבויט אויפן טיפּיש־דייטשן סטיל: מיט שפּיציקע טורעמלעך, באַגערטלטע הייזלעך, אָפּגעשלאָסענע ווילַיעלעך, אָרנאַמענטירטע געליישטע בריקן און אַלטערטימלעכע קירכעס און קלויסטערלעך.

און כאָטש עס איז דאָ כסדר געפלאָסן אַ פאַרטויבטער גערזשום פון כל־ערליי גיגאַנטישע מאַשינען, וועלכע האָבן אויסגעאַרבעט די פאַרשידענע טיילן צו די אונטער־וואַסער־שיפן וואָס מען האָט דאָ

צומיינסטן פאַבריצירט — האָבן די מענטשן, די אויטאָמאָבילן און אַפילו די טראַמווייען, זיך געשלייכט אויף די שטילע גאַסן, ווי די שאָטנס. מען האָט כמעט נישט געהערט קיין באַוועגונג, ווי די טראָטואַרן און ברוקן וואָלטן געווען פון גומע...

די שטאָט האָט אויך געהאַט אַ נישט אָפיציעלן דריטן נאָמען: „פישעריי־האָפן". ווערמונדע איז געווען דער גרעסטער צענטער פון פיש־פאַנג, און כמעט די גרעסטע פיש און הערינג־אינדוסטריע פונעם גאַנצן לאַנד.

איז אפשר דערפאַר אַזאַ שטילקייט?...

יעדנפאַלס, אַ מאָדנער דייטשער צוזאַמענשטעל: אַ שטאָט פון שטילע פרידלעכע פיש און רוישיק־קריגערישע שיפן, — איז דאָס געווען די ווערמונדע.

דער גרעסטער טייל פון די דעפּאָרטירטע אויסלענדער אָבער, האָבן געאַרבעט אין די אַטעליעס פון די אומענדלעכע ריזיקע הייף: אין די סטאָלערייען, אין די שמידערייען, אין די בלעכערייען און אויף די פאַרמאַכטע אונטערוואַסער־שיפן פון דער געזעלשאַפט, „אוד־זשעמאַק".

זיי, די אויסלענדער, איז צוגעטיילט געוואָרן, די שווערסטע און שמוציקסטע אַרבעטן: ביי די קוילן, ביי די הויך־אויוונס, ביים אויס און אַנלאָדן די וואַגאָנען. ביים טראָגן די צעמענט־זעקלעך, ביים שעפּן די בלאָטעס אַרום די רושטאָוואַניעס, לעבן אויסגוס פון טייך ווערער.

מען קאָן נישט זאָגן; זיי האָבן פונדעסטוועגן געהאַט אַ שפּאָר ביסל „פּריווילעגיעס" אויך — די אַרישע אויסלענדישע צוואַנגס־אַרבעטער:

מען האָט זיי נישט אויסגעבערענט קיין ציפערן אונטער די עלנ־בויגנס, אַזוי ווי מען האָט עס געטאָן אין די יידישע טויט־לאַגערן. אנשטאָט דעם, האָט מען יעדן געגעבן אַ שוואַרצן בלעכענעם נומער, וואָס זיי האָבן געמוזט טראָגן ווי אַ הונט אויפן האַלדז: מען האָט זיי געגעבן יעדער וואָך, אַ פּעקל ציגאַרעטן און צוויי מאָל אין

חודש, צו זעקס קלעצלעך צוקער, אַלס צולאָג, צו דער העל־געלער סאַכאַרין־קאַפּע וואָס זיי האָבן געזופּט ווי אַ נודנער מעדיצין, יעדן פרימאָרגן.

אַ חוץ דעם, האָבן זיי געהאַט אַ באַמתדיקער גאָר גרויסער פּריווילעגיע: אין די זונטיקס און אין די יום־טובים, האָבן זיי געקריגן דאָס רעכט אומבאַוואַכטערהייט צו שפּאַצירן איבער די גאַסן פון דער שטאָט. דאָס, צו וועלכן עס האָבן נישט געהאַט קיין רעכט, די רוסישע דעפּאָרטירטע, צוליב דעם, ווייל מען האָט זיי נישט פאַרעכנט פאַר קיין אַריער...

דערווייל איז די מילדע לופט פון אָנהייב אָקטאָבער, אַוועק־געבלאָזן געוואָרן דורך די שטאַרקע ווינטן, רעגנס און אייזיקע האָגלען. עס איז מיט איינמאָל געוואָרן אַ ווינטערדיקער קעלט.

די פראַנצויזן און נאָך מער די איטאַליענער, וועלכע זיינען נישט געוווינט געווען צו אַזעלכע פריע קעלטן, האָבן זיך געטוליעט אין זייערע לייוונטענע זעק־מלבושים — די אַזוי גערופענע: אַרבעטס־קליידער — וואָס יעדער האָט צוזאַמען מיטן נומער באַ־קומען. זיי האָבן שוין באַצייטנס געקלאַפּט מיט די הילצערנע שיך און זיך פאַרשטעקט ווי נאָר עס איז געווען מעגלעך: אין די ווינקלען אַרום די אַטעליעס, לעבן די ברענענדיקע הויך־אויוונס און אונטער די דעכלעך, כדי זיך צו שיצן קעגן מראַזשנעם רעגן און אייז־קאַלטן ווינט.

די שטרענגע ווערק־פירער און מייסטער, אָנגעטאָענע אין זייערע לעדערנע אָדער גומענע רעגן־מאַנטלען, לאָנגע, ביז צו די טשוועקעס פון די שטיוול, פאַרזעענע מיט שפּיציקע באַשלאַקאָווע „קאַפּישאָנען" אויף די קעפּ — האָבן זיי שנעל אויפגעזוכט. זיי האָבן זיי ברוטאַל אַרויסגעגראַבלט פון די באַהעלטענישן און לעכער. אַלס שטראָף, האָבן זיי אָפט דערלאַנגט מיט די לעדערנע ראַפּניקעס, און אין האַרבערע פאַלן, אויך צוגענומען די ברויט־ראַציע פון געגעבענעם טאָג.

צו אַזאַ שטרענגן מייסטער, איז אין די ערשטע צייטן פון זיין אָנקומען צו דער אַרבעט, אַריינגעפאַלן חיים:

אַן אויסגעצויגענער מיטל־יאָריקער דייטש פון אוקריינישער אָפּשטאַם, מיט קליינע כיטרע קאַלאַמיקן־אייגעלעך און מיט אַן איינגעגעסענעם ריץ אונטערן לינקן קין־באַק — האָט ער זיך ספּעציעל איזדעקעוועט אין די פראַנצויזישע דעפּאַרטירטע.

געוויינלעך, האָט מען די אויסלענדער דאָ גערופן לויט די שוואַרצע בלעכענע נומערן וואָס זיי האָבן געטראָגן אויף די העלדזער. דער אָבער, דער אוקריינישער דייטש, האָט חיימען נישט אַנדערש גערופן ווי: „פּאָלענצער” אָדער „שמוציקער פראַנצאָזע!” ער האָט אים ביי דער אַרבעט געשטופּט און געשטויסן און מיט סאַדיזם, אים געהייסן אַנלייגן אַ טאָפּלטער משא אויפן האַנט־וואָגן וואָס ער האָט געדאַרפט פירן פון איין אָרט צום צווייטן. ער האָט אים בכן באַפוילן, אַז ער זאָל איינער אַליין חיים, איבערטראָגן די שווערע מעטאַלענע זויער־שטאָף־פלאַשן, וואָס געוויינלעך, דאַרף מען עס טראָגן אין צווייען. ווען חיים, נאָך דער גרעסטער באַמי־אונג, האָט עס דאָך נישט געקאָנט באַוויזן, האָט זיך פון זיין פאַרביסענעם פיסק, אַנגעהויבן שיטן אַ מבול מיט זידל־ווערטער, געמישט, מיט שטורכן און קולאַקעס, שוין נישט בלויז אויף חיימס אַדרעס, נאָר אויך אויפן חשבון פון אַלע פראַנצויזן:

— פראַנצויזישע שווינען אונד פּאָלענצער! אומזאָנסט, פרעסט איר אַללע היער דאָס דויטשע בראָוט!

דערביי האָט ביי אים אַרויסגעצישעט דורך די אָפּגעקרישלטע פאַרגעלטע ציינער, אַ דייטשישער: „דאַנער־וועטער” און אַ רוסי־שער: „יאָפּט טוואָי־מאַט” — אַלס אַ צולאָג...

חיים אָבער, האָט דאָס אַלץ אָנגענומען „באהבה”. פיל, פיל ערגער וואָלט געווען, — האָט ער געטראַכט — ווען אָט דער דייטשישער־אוקריינישער כוליגאַן, וואָלט אים געוווסט אָנצורופן, נישט מיט זיין פאַלשן נאָמען: „שמוציקער פראַנצאָזע”, נאָר מיט זיין „אמתן” נאָמען: „שמוציקער יודע!”...

מען האָט אים געוואָרפן, חיימען, אַזוי ווי אַלע אויסלענדישע צוואַנגס־אַרבעטער, יעדעס מאָל, צו פאַרשידענע אַנדערע אַרבעטן און צו פאַרשידענע אַנדערע מייסטער, ווערק־פירער און „פאָר־אַרבעטער”.

מיטאָמאָל, איז ער איבערגעגעבן געוואָרן — ווי מאָדנע עס זאָל נישט האָבן אויסגעזען — צו אַ „ווערק־פירער" פון דער היטלער־יוגנט: צו אַ יינגל, פון אַ פּופצן־זעכצן־יאָריקן עלטער...

דאָס יינגל, וועלכער האָט גראָד פאַרמאָגט אַן איינגעבוירענער אינטעליגענץ און געהאַט אַ גאַנץ גוטן כאַראַקטער, האָט נאָך נישט באַוויזן, ווייזט אויס, פאַרדאַרבן צו ווערן מיטן גיפטיקן סם, פון זיינע לערער און פירער. דערווייל האָט ער געאַרבעט און זיך געלערנט.

דריי האַלבע טעג אין דער וואָך, האָט ער אויסגעפעלט ביי דער אַרבעט, כדי צו באַזוכן דעם „פאַרטיי־קורס" פון דער היטלער־יוגנט, צו שטודירן אַלס פּאָליטישער און טעכנישער קאַדר, ביי די אויסלענדישע אַרבעטער.

אין דער צייט וואָס חיים האָט געאַרבעט אונטער זיין „פירער־שאַפט", האָט דאָס יינגל אַ סך גערעדט מיט אים. ער האָט אים קודם כל פאַרגעלייגט, אַז ער זאָל אים צו ביסלעך אויסלערנען פראַנצויזיש, און ער, פון זיין זייט, וועט אים לערנען צו רעדן אויף דייטש.

ער האָט אים פיל אויסגעפרעגט וועגן פראַנקרייך — דאָס יינגל:

צי דאָרט איז אויך פאַראַן אַ היטלער־יוגנט? און צי איז פּאַריז טאַקע אַזוי שיין און אַזאַ אינטערעסאַנטע שטאָט, ווי מען זאָגט?

ער האָט זיך אויסגעפרעגט, וועגן אייפל־טורעם, וועגן לוּוור און וועגן דער... „פאָליע־בערזשער?" מיטאָמאָל האָט ער זיך געגעבן אַ פרעג: „צי עס געפינען זיך נאָך אַ סך יידן אין פראַנקרייך?" צום סוף, האָט ער מיט באַגייסטערונג איבערגעגעבן חיימען, אַז זיין פירער האָט אים פאַרזיכערט, אַז באַלד נאָכן זיג, וועט ער אים אַהינשיקן דאָרט קיין פּאַריז, אויף אַ באַזוך.

מיט זיינע צעפלאָנטערטע רייד און צעדרייטע שאלות, האָט חיים שטאַרק באַדויערט דאָס יינגל. ער האָט איצט בולט געזען חיים, וואָס דאָס פאָלק פון בעטהאָוון, פון געטע און שילער, האָט געמאַכט פון איר יוגנט!

אין אַנדערע טעג, האָט דאָס ייִנגל גערעדט מיט אים, וועגן פּאָליטיק און וועגן דער מלחמה:

— זאָגען זי מיר פראַנצאָזע, — האָט ער נאָכן צוריקקערן זיך פון אַזאַ „פּאַרטיי־קורס", אַ פרעג געטאָן חיימען — ווער האָבען זי געגרענער, אונדזער פירער היטלער, אָדער דעם סטאַלין?

חיים איז פון דעם ייִנגלס פראַגע, פאַרשטייט זיך, צומישט געוואָרן. אויף אַזאַ פּלוצימדיקער פראַגע האָט ער זיך אינגאַנצן נישט געריכט. עס האָט אים אָנגעהויבן צו דרייען אין די שלייפן און אַן איבערקער אין די אינווייניין, אַ שווייס האָט אים אַרויס־געשלאָגן אויפן פּנים. ער האָט זיך געמאַכט נישט הערנדיק און אָנגעהויבן... פלינקער זיך באַוועגן ביי דער אַרבעט.

דאָס ייִנגל האָט אים אָבער ווייטער געפרעגט:

— זאָגען זי מיר געפעליגס, לויט אײַנעס מיינונג, ווער וועט געווונען די קריג, דויטשלאַנד אָדער רוסלאַנד?

דאָ האָט חיים איינגעזען אַז ער וועט זיך שוין נישט קאָנען אַרויסדרייען, אַז ער קען נישט כסדר שווייגן, אַז ער מוז עפּעס זאָגן.

ער האָט זיך אויפגעהויבן פון דער איינגעבויגענער אַרבעטס־פּאָזע און מיט נישט ווייניק צעמישטקייט, האַלב אויף דייטש און האַלב אויף פראַנצויזיש, געענטפערט:

— איך ווייס נישט, איך מיש זיך אינגאַנצן נישט מיט קיין פּאָליטיק. איך ווייס בלויז — האָט חיים אים געוואָלט מיט עפּעס אָקעגנקומען — אַז די דייטשע אַרמיי, איז שטענדיק געווען די שטאַרקסטע!

נאָך דעם דאָזיקן ענטפער וועלכער האָט אים אַביסל באַפרי־דיקט, האָט דאָס היטלער־ייִנגל, צומאַרגנס ביים אָנבייסן, מחבד געווען חיימען מיט אַן עפּל, וואָס ער האָט מיטגרעברענגט פון דער היים...

⁂

טויזנטער אויפשריפטן, שילדלעך, מעלדונגען און אַנדערע וואָרענונגען, זאָגן אַז, אינעם שטח און אין אַרום פון דער ווערזערמונדער שיף־בוי־געזעלשאַפט און פישעריי־האַפן — אַז עס איז „פאַרבאָטען!“ — אַ פאַרבאָט, אויף אַלץ און אַלעמען:

„פאַרבאָטן צו טראָגן טונקעלע ברילן ביי דער אַרבעט!“

„פאַרבאָטן זיך צו דערנענטערן צו דער אונטער־וואַסער־שיף „ט. פּ. 97“.

„צוליבן טויט פון מיין הונט, איז דער איינטריט אין מיין ווילע, שטרענג פאַרבאָטן!“.

ווען מען גייט איבער די גאַסן און פּלעצער פון אָט דער מאָדנער צפונדיקער האַפן־שטאָט, שלאָגט עס אויך אָן אויפהער כסדר אין די אויגן, די פעטע שטראַלנדיקע אותיות, ווי דייטשלאַנדס אַ לייט־מאָטיוו: „פאַרבאָטען!“

און אָט זיינען די אַלע פאַרבאָטנס מיטאַיינעמאָל פריי געוואָרן.

באַפרייט האָבן עס די פיר־הונדערט און צוואַנציק טויזנט, צינד און בראַנד־באָמבעס, וואָס זיינען געפאַלן פון זעקס־הונדערט באָמבאַרדיר־אַוויאָנען, אין פאַרלויף פון ניין און צוואַנציק מינוט; בערך: אַ פינף־זעקס וואָכן שפּעטער, נאָך דעם ווי די לעצטע גרופּן פראַנצויזישע דעפּאָרטירטע זיינען געבראַנגט געוואָרן צו דער אַרבעט קיין ווערזערמונדע.

און אַ מערקווירדיקע באַפרייאונג איז געקומען אויף דער שטאָט:

ווערזעמונדע איז מיט איינמאָל באַפרייט געוואָרן, פון אַן אַכט טויזנט איבעריקע איינוווינער...

די הייזער, די גאַסן, די מענטשן, האָבן זיך „פריי“ געוואַלגערט אויף דער ערד; צוזאַמען מיט זייערע פאַרגאַנגענהייטן; צעשטויבטע פאַרמעגנס; כל־המינים חפצים: קינדערשע שיכלעך; האַקן־קרייצן; „פּירערישע“ צוזאָגן און פאַרלוירענע האָפענונגען...

אַ גרויסע טייל איינוווינער, האָבן זיך געבאַגערט אויף די חורבות, האַלב און גאַנץ־ליגנדיקע — ווי אין טראַגישע שווים־

פּאַזעס— אַרום זייערע איבערבלייבענישן. זיי האָבן זיך געקלאַמערט אויף די אַש־בערג, אַרום זייערע טייערסטע אָנדענקונגען: חתונה־פאָטאָגראַפיעס, אַלטע אַנטיק־זאַכן און אָפּגעזענקטע ליבעס־בריוו...

אַנדערע האָבן אַרויסגעצויגן, אַ פּאָר נאָך גאַנגבאַרע הויזן, אַ פאַרסמאַליעטן טאָפּ, אַ גאַנץ געבליבענער פלאַש ביר און אַנדערע נויטיקע שפּייז און שטוב־זאַכן.

די קילע האַרבסט־זון, האָט באַשיינט און באַשטראַלט — ווי אין אַ מעפיסטאָפעליש געלעכטער — די זיך אַרומוואַלגערנדיקע, פאַררויכערטע און אָפּגעגריזשעטע „פאַרבאַטענס", פון כמעט דער גאַנצער שטאָט וועזערמונדע.

נאָך דעם דאָזיקן טויטן־טאַנץ, איז די שטאָט שוין אויף לאַנג, לאַנג געבליבן ליגן אין אויסגעצויגענע אויף דער ערד...

עס האָט נישט געהאָלפן די פּאַרטיי־לאָזונג: „אַלץ צוריק־שטעלן ווי געוועזן!" עס האָט נישט געהאָלפן, דאָס שלעפּן באַלד אויף צומאָרגנס, מיט אַ גאַנצער שעה פריער צו דער אַרבעט. עס האָבן אויך נישט געהאָלפן, די שפּאָגל נייע „פאַרבאַטענס", וואָס האָבן זיך ווידער באַוויזן, אויף די צעקרישלטע און צעלעכערטע ווענט. די שטאָט איז פאַרבליבן פריי און אָפן: זי איז געוואָרן אַן עפנטלעך פיש־הויז, כמעט פאַר דער גרעסטער טייל איבערגעבלי־בענער שטאָט־באַפעלקערונג — אגב, אַן אַנשטאַלט, וואָס די וועזער־מונדער מענלעכער באַפעלקערונג, האָבן קיינמאָל נישט געהאַט אין זייער באַזיץ.

זי איז געוואָרן אַ צוזאַמענפלי־אָרט פון די גרעסטע שטשורעס וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון די זינקנדיקע שיפן אויפן ברייטן טייך וועזער, און פון די אַנטלויפנדיקע, פון אונטער די חורבות, פון די הערינג און סאַרדינען־שפּייכלער, פון דעם שכנותדיקן פּי־שעריי־האַפן.

צום סוף, איז זי אויך געוואָרן אַ צענטראַל־פּונקט, פון דיזענ־טעריע, טיפוס, כאָלערע און אַנדערע אַנשטעקנדיקע קראַנקייטן, וואָס האָבן אָנגעהויבן בושעווען, אונטער די קלאָרע הימלען, פון דער געוועזענער שיינער וועזערמונד.

## ק. בענעק

די שטאָט, ווי שפּעטער דאָס גאַנצע לאַנד, איז געבליבן ליגן אַ באַזיגטע: מיט אַרויסגעריסענע געדערים און קישקעס: אַ פאַר־שעמטע, אַ חרובה און פאַר אַלעמענס אויגן צו שאַנד און צו שפּאָט.

דער דאָזיקער טאָג, איז געווען דער אָנהייב פון דער באַ־פרייאונג. אָבער די גאַנצע אמתע באַפרייאונג, איז געקומען אַ סך שפּעטער.

## קאפיטל נײַנצן

# מען אַרבעט ווידער

די צונויפגעלאַטעטע שטיקלעך פּאַבריקן, האָבן אָנגעהויבן שלאָבערדיק זיך באַוועגן, מיט הינקענדיקע מאָטאָרן, מיט צעלאָבערטע טראַנסמיסיעס, מיט אַלטע פאַרפוילטע רוי־מאַטעריאַלן און איבערגעבראָכענע צונויפגעשאַרטן קוילן־אָפּפאַל.

די זשאַווערנדיקע רעדער האָבן זיך געדרייט, געהעשעט און געסאָפּעט מיט אַ פייפנדיקן עכאָ, ווי דאָס כסדרדיקן הוסטן פון אַ חולה־מסכן; ווי פון איינעם וואָס שפּייט אויס די רעשטלעך פון די שווינדזוכטיקע לונגען.

נאָך יעדן דריי פון אַ מאַשין־ראָד, נאָך יעדן קלאַפּ פון אַ האַמער, נאָך יעדער צוזאַמענשאַר פון די צעקרישלטע ציגל־בערג — אַ פרישער לופט־אַלאַרם!

די אויסלענדישע צוואַנגס־אַרבעטער צוזאַמען מיט די דײַטשישע, צעלויפן זיך אין אַלע ווינקלען פון די לאַנגע און ברייטע פאַבריקס־הייף. זיי ווערן אָבער פאַרהאַלטן, פון בייזע שוואַרצע ווערטער, געצייכנטע אויף טראַנספּעראַנטן:

„פאַרלאָזן די אַרבעט אַפילו בעת אַ לופט־אַלאַרם, שטרענג פאַרבאָטן!"

דערווייל מאַכן די ענגלישע יעגער, מיט רעש און יאָמער, זייערע אַקראָבאַטישע קונץ־שטיק, איבער די קעפּ פון די האַלב־ווילדע און טויט־דערשראָקענע אַרבעטער — אָן שום ווידערשטאַנד פון דער „העלדישער לופט־וואַפע".

די אַרבעטער געוווינען זיך דאָך ביסלעכווייז צו. די טויט־שרעק ווערט לאַנגזאַם אויסגעוועפּט. קיינער ווייסט אָבער נישט צי מיינען זיי, די ענגלענדער, די פּריש־צונויפגעשטיקעוועטע פאַבריקן, אָדער זיי שפּילן זיך דאָ דערווייל אַרום אויף זייער טאָג־טעגלעכן וועג, נאָך ברעמען און האַמבורג ?

די אַעראָפּלאַנען פאַרלאָזן שוין דעם שטח פון דער שטאָט. אַלע אָטעמען פרייער אָפּ. עס זאַמלען זיך צוזאַמען אין קלענערע קרענצלעך, די אַרבעטער. טייל באַדויערן, וואָס די אַוויאָנען האָבן גענומען די ריכטונג צו האַמבורג; ווייל אין דער־אָ שטאָט, האָבן זיי פאַמיליעס און קרובים... אַנדערע, שמועסן פּאָליטיק; אַז דער פירער האָט געזאָגט: „אַז ער וועט צוריקנעמען ווין". און אַז „ביי די טויערן פון בערלין, וועט דער שונא פאַרבלוטן"...

אַ יונג פאַשיסטל פון דער היטלער־יוגנט, מישט זיך אַ צעפלאַמטער אַריין מיט אַ ירגוזן:

— איר האָט געזען די אויטאָמאָבילן מיט רוי־מאַטעריאַלן, וואָס זיינען נעכטן אָנגעקומען פון ברעמען ? — און ער ווייזט אָן מיט אַ פינגער אויף אַ לאַסט־וואָגן, אינגאַנצן צעלעכערט פון באָמבעס — דאָס איז די מערדערישע אַרבעט פון די אַנגלאָ־זאַקסן! יאָ, יאָ — זאָגט ער ווייטער, אַ פאַרויטלטער און צעהיצטער:

— דער טאָג פון ראַכע וועט קומען!

ביי אַן אַנדער גרופּע, — שוין נישט אַזאַ באַגייסטערטע פאַר די „ראַכע וואָס וועט קומען" — היט מען זיך פאַר די בייזע אויגן פון דער געשטאַפּאָ און ס.ס.־לייט. מען שמועסט שטיל און מען וויצלט זיך נאָך שטילער, אויפן חשבון פון דער „לופטוואַפע":

— און ווו פליען זיי איצטער דאָך ? — פרעגט אַ באַברילטער אויסגעטרוקנטער הויכער דייטש, אין דעם געזעמל אַריין.

וואָס האָסטו זיך צו זאָרגן פאַר זיי ? — ענטפערט אַ גרויער קליינקעפּלדיקער דייטשער אַרבעטער — האָב נאָר נישט קיין אַנגסט! אונדזערע אויסשפּיר־אַעראָפּלאַנען וועלן אוודאי באַלד

אקעגן־פליען און גלייך ביי זיי קאָנטראָלירן, צי זיי האָבן דייטשע אַריינפּאַר־וויזעס !...

כאָטש דער אַלאַרם איז באַכנישט פאַרענדיקט, שטייט מען נאָך אַלץ אין געזעמלעך, אויסגעמישט צוזאַמען מיט אויסלענדער. מען שמועסט און מען דיסקוטירט.

מיטאַמאָל, פליען ווידער אָן מיט רעש, צוויי אַוויאָנען. פון איבעראַשונג, צי פון שרעק, צעפאַלן זיך די צונויפגעפּרעסטע גרופּן, ווי לויזע בינטלעך שטרוי, אויף אַ ווינטלדיק פעלד. זיי באַהעפטן זיך צוריק, נאָך דעם, ווי די אַעראָפּלאַנען זיינען בליץ־שנעל אַדורכ־געפלויגן. מען הערט אָבער נישט קיין שום אַלאַרם.

דער גרעסטער טייל פון דער דייטשער פאַרטעמפּטער אַרבעטער מאַסע, ווערט האַפערדיקער, שטאָלצער. זיי ווערן אַרומגענומען מיט „ראַכע געפילן". אַ לייכט געפּליסטער, זשומעט אָן פון פאַרשידענע זייטן :

— „דאָס זיינען אונדזערע, אונדזערע !"

— אַוודאי, — ברומט אונטער, אַ גאַר אַלטיטשקער אָפּגע־מאָגערט־פאַרזויערט דייטשל, — זיכער ! איצט האָבן זיי די לופט־הערשאַפט ! אַז די ענגלענדער זיינען שוין נישטאָ, זיינען זיי געוואָרן העלדן !...

דאָס אַלטע גרויע דייטשל, נישט אויפהערנדיק חוזקן, שטרעקט אויס די האַנט מיט אַ „הייל־היטלער", און ער ווייזט אָן אויף עט־לעכע פליענדיקע שוואַרצע קראָען, וואָס פאַטשן מיט די פליגל כמעט אין דער זעלבער ריכטונג, ווי די גאַר וואָס אַדורכגעפלויגענע צוויי אומבאַקאַנטע אַוויאָנען :

— אַ־דאָס — ווייזט ער אָן מיט דער זעלבער „הייל־היטלער־האַנט", — אָט־אָ־די — שפּיזט ער כסדר נאָך די שוואַרצע פליענ־דיקע קראָען, אונטער דיסקרעטע שמייכלען פון זיין ווידערשפּעניקער גרופּע — אָט אַ די, זיינען דאָס היינט אונדזערע „פלוכט־צויגע"...

⁂

נאָך די באָמבאַרדירונגען, האָט אין דער שטאָט און אינעם געגנט, אַלץ אויסגעפּעלט.

אויב עס האָט זיך נאָך ביז איצט געפונען עטלעכע שטיקלעך קאַרטאָפל אין דער וואַסערדיקער זופּ, איז עס פאַרטרעטן געוואָרן מיט עפּעס אַ מין געלער מאַסע, פון צעריבענע ריבן, וואָס האָט אויסגעזען ווי דער קלעפּיקער ליים, אויף וועלכן מען האָט געטאָפּ־טשעט, אַרום די איינגעפאַלענע פאַבריק־געביידעס. מען האָט כמעט אינגאַנצן אויפגעהערט צו באַשפּייזן, די ביז איצט אַזוי אויך, אויס־געהונגערטע אויסלענדישע צוואַנגס־אַרבעטער; טראָץ דעם, וואָס די אַרבעט איז דאָך ווייטער אָנגעגאַנגען.

אין די טונקעלע אָוונטן, נאָך דער אַרבעט, האָט זיך חיים, צוזאַמען מיט זיינע פראַנצויזישע חברים, געהויקערט אויף די פעלד־לעך און וועלדלעך אַרום די פאַבריקן: זיי האָבן זיך געהויבן און געענידערט, ווי ריזיקע זשאַבעס, צווישן גרעזער און בלעטער, פון וואַנען זיי האָבן פון מאָל צו מאָל, אַרויסגענישטערט אַ שוועמל, אָדער אַ סאַלאַט־בלעטל, כדי זיך צו דערהאַלטן דאָס חיות. ער האָט אויך חיים, צוזאַמען מיט זיי געראַיעט, אַרום די הילצערנע אויפ־געריסענע פיש־סקלאַדעס, פון וואַנען זיי האָבן מיט גרויס איינ־שטעלעניש, אַרויסגעצויגן אַ געטריקנט פלאַטשיק „מאַרי"־פישל, און אָפּגעזעגנקט שאַכטל קאָנסערוון, אָדער אַ פּאָר גרויסע פאַרדאַרטע פיש־קעפּ, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אין אַרום.

די איינשטעלעניש איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז זיי האָבן זיך געדראַפּעט אויף די טרעפּלעך פון אַ דערנעבן שטייענדיקן אויסגעלאָ־שענעם באַן־לאָקאָמאָטיוו, און געשעפּט פונעם אייל־רעזערוואואַר דעם מאַשין־בוימל, וואָס זיי האָבן איבערגעגאָסן אין זייערע „גאַמעלס", כדי זיך צו שמעלצן די אַרויסגעריסענע שוואָמען און סאַלאַט־בלעט־לעך, וועלכע זיי האָבן זיך פון פריער איינגעשאַפּט.

חיים האָט דאָס צוזאַמען מיט זיינע פראַנצויזישע חברים אַלץ מיטגעמאַכט...

ערשטנס, האָט דאָס די רויע נויט און הונגער אים געשטויסן

דערצו. אַ חוץ דעם, האָט ער מיט גאָרנישט געוואָלט באַווייזן, אַז ער איז עפּעס מיט וואָס עס איז, אַן אויסנאַם פון זיי אַלעמען... כאָטש, דאָס געפיל פון זיינע „ספּעציעלע באַדינגונגען", האָט אים געמאַטערט און געפּייניקט, אַז ער וואָלט זיך דאָך געדאַרפט אָפּ־האַלטן דאָס מיטצומאַכן.

דערווייל איז די אַרבעט, פון טאָג צו טאָג, שוין נישט אַנגע־גאַנגען מיט אַזאַ שטייפקייט און אַנגעצויגנקייט ווי פריער.

ביי די מייסטער און וועכטער, האָט אָנגעהויבן אויסצורינען די זעלבסט־זיכערקייט. פון צייט צו צייט, האָט ווער פון זיי צוגע־וואָרפן אַ גוט וואָרט אויך: ווי אַן אויסקויף, ווי ער וואָלט זיך אין „יעדן פאַל" — געוואָלט מיט עפּעס פאַרזיכערן:

„ אַז די קריג וועט זיך ענדיקן, און די פּראָגנאַזיזן וועלן צוריק־פאָרן אין זייער היימאַט!"

דעמאָלט, האָט זיך חיים געפונען אין אַ סטאָלערײַ צווישן געהילץ, ערגעץ אויף אַ הייך אין אַ שאָפּע, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ געוואָלדיקער גרויסער בוידעם. מען האָט אים דאָרט אַרויפ־געשיקט אַלס געהילף, צו צוויי גרייז־גרויע דייטשן, וואָס צוליב זייער הויכן עלטער, איז זיי צוגעטיילט געוואָרן אַ לייכטערע אַרבעט.

ביי די צוויי דייטשן אָדער דייטשלעך — וועלכע זיינען ביידע געווען נידעריקע, דאַרע און דראַבנע; מיט צעאַקערטע קנייטשן אויף די אויסגעאַרבעטע פּנימער — האָבן אַראָפּגעהאַנגען לײדיק־געפאַלדעטע גוידערלעך, ווי ביי געשחטענע גענדז.

אַ חוץ וואָס איינער האָט געטראָגן געדרעטלטע ברילן און דער צווייטער האָט נישט געהאַט קיין ציין, האָבן זיי ביידע שיער נישט אויסגעזען ווי אַ צווילינג.

איינער פון די אַלטעטשקע האָט זיך אַרויסגעשיילט פון די געוויקלטע געהובלעכץ און טראַטשינעס און אַנגעהויבן איינטענהען מיט חיימען. חיים האָט זיך געמאַכט נישט פאַרשטייענדיק קיין דייטש, און אנשטאָט מיטן מויל, האָט ער געענטפערט מיט די

אַקסלען. דאַן האָט דער אַלטער אָפּגעווישט דאָס פּוך־זעגעכץ פון די בריל־שייבלעך און געוואָרפן אַ זויערן בליק אויף היטלערס פּאָר־טרעט, וואָס האָט געהאַנגען אויף אַ וואַנט איבער זייערע קעפּ. דער־נאָך האָט ער איבערגעוואָרפן דעם בליק אויף חיימען, און זיך אָנגע־רופן צו זיין חבר:

— אַ שטומע צונג, דער קערל!

די צוויי זקנים — וועלכע האָבן אויך אויסגעזען, צו ביסלעך, חסר־דעה; — האָבן זיך איבערגעקייקלט צו דער פאַרגאַנגענהייט: צו דער צייט, בעת יעדער פון זיי איז נאָך געווען מיט אַן עטלעכע צענדליק יאָר יונגער. זיי האָבן אין אַ נידער־זאַקסישן דייטש זיך אָנגעהויבן פּשטלען, וועגן דער דעמאָלטיקער הויך־פּאָליטיק.

האָט איינער געזאָגט: „שטרעזמאַן", האָט דער צווייטער גע־ענטפערט: „שאַמבערליין". האָט דער ערשטער ווידער געזאָגט: „נאָסקע", האָט דער אַנדערער אָפּגעענטפערט: „טעלמאַן". דערנאָך האָט חיים געהערט אַ געפּלעכט פון נעמען, וואָס אַלע זיינען אים געווען באַקאַנט: שיידעמאַן, זשאָרעס, לעניִן, קאַשען, וואַנדערוועלדע און לעאָן בלום.

פון דעם ווייטערדיקן געשפּרעך, ביי וועלכן זיי האָבן זיך גאַנץ היציק געקריגט און וואָס חיים האָט קוים פאַרשטאַנען, האָט עס אויסגעזען, אַז איינער איז אַ געוועזענער סאָציאַליסט און דער צוויי־טער, אַ געוועזענער קאָמוניסט, און אַז זיי זיינען נישט מסכים צווישן זיך...

דער מיט די געדרעטלטע ברילן, האָט זיך אומגעקערט מיט רייד, וועגן דער איצטיקער מלחמה. ער האָט ווידער געוואָרפן אַ בליק אויף היטלערס פּאָרטרעט און גלייך ווידעראַמאָל אויף חיימען. ער האָט אָפּגעזיפצט, און מיט אַ באַדויערנדיקער שטים זיך אָנגערופן צו זיין חבר:

— ווער ווייסט, צי אָט דער יונגער קערל, וועט נאָך אַמאָל אָנזען זיין פאַמיליע און זיין היימאַט?

— דערויף, האָט דער אָן־צייכיקער זיך פאַרטראַכט און מיט אַ שטילן טרויעריקן זיפץ, אים אָפּגעענטפערט:

— יאָ, יאָ, אַזאַ איסט דאָס! ווען די ק.פּד. און די ס.פּ.ד. וואָלטן געווען פאַראייניקט, וואָלט זיכער צו דעם נישט געקומען!...

אַן אַנדערן טאָג, האָט מען חיימען צוגעטיילט צו אַ מייסטער, אויף אַן אונטער־וואַסער־שיף, וואָס האָט זיך געפונען אויפן אָפּע־נעם ים־אויסגוס פאַרן אַראָפּלאָזן אין וואַסער.

עס איז געווען אין אַ טאָג פון דער סאַמע לעצטער האַרבסט־וואָך.

אויפן דעק פון דער שיף, האָט דער ווינט אומבערחמנותדיק געשמיסן און געגליוועט די לייבער, הינטער די לויזע זעק־מלבו־שים. די נעגל פון די הענט און פיס, האָבן מיט געשטייפטקייט, גע־בריט און געשטאָכן. מען האָט געהערט אַ כסדרדיקער הוסטעריי פון די לייכט געקליידטע אַרבעטער, ווי אין באַגלייטונג, צום גע־רויש, פון די מונטנע כוואַליעס, וואָס האָבן אָן אויפהער, געשמיסן די בעטאָנירטע מאַסיווע ים־ווענט.

מאַטראָסן, מייסטער און װערק־פירער, האָבן זיך אָפּט פאַר־שטעקט אין די געהייצטע קאַבינעס פון די דערגעבנדיקע שיפן. זיי האָבן זיך צוריק באַוויזן דערוואַרעמטע, סמאַטשקענדיקע מיט די ליפּן, קייענדיקע, אָדער מיט ציגאַרעטלעך אין די מיילער.

אַ דין בילעריי פון אַ יונג הינטל, האָט אַרויסגעהאַוקעט מיט אַ געוויין דורך אַ צוגעהאַקטער קאַבינע־טיר, מיט בענקשאַפט צו זיין בעל־הבית, וועלכער האָט אים איבערגעלאָזט דאָרט אַליין. זיכער האָט דאָס צעפּיעשטשעטע הינטל נישט געאָנט פון חיימס געדאַנקען וועלכע האָבן געטראַכט: „הלואי, וואָלט איך געווען אויף דיין אָרט!"...

אַ מייסטער, אַן אויסגעוואַרעמטער, האָט צוגערופן אַ פּראָוו־צווישן צוואַנגס־אַרבעטער, מיט רויטע אָפּגעפרוירענע אויערן און מיט ציטערנדיקע קניען פון דער אייזיקער ים־קעלט, און געהייסן אים אַריינשרויפן שרייפלעך ערגעץ אין זייטיק־פאַרבאָרגענע רערן־

לעכער, צו וועלכע עס איז זייער שווער געווען צו דערגרייכן. ער האָט געפּאַסט און געדרייט, געדרייט און געפּאַסט, דער פּראַנצויז; אַזש אַ שווייס איז אים אַרויס אויפן פּנים. און אַזוי ווי ביי אים זיינען די שפּיץ־פינגער אויך געווען פאַרפרוירן, האָט ער מיט זיי פּשוט נישט געקאָנט אַריינדרינגען אין דעם ענגן חלל פון דעם פאַרהוילן לעכל.

דער מייסטער, אַ בייזער, האָט זיך דענערווירט, געקוויטשעט, געשאָלטן און געזידלט אין אַלע אויסלענדער אַריין:

— אַזאַנע פאַולע אוסלענדער־באַנדען האַבע איך נימאַלס גע־זען!

ער האָט ברוטאַל און מיט רוגזה דעם פראַנצויז אַ שטופּ אָוועקגעגעבן, און צוגערופן חיימען.

חיים האָט זיך נישט פאַרלוירן און זיך שנעל אַריענטירט. צום ערשט האָט ער זיך געבלאָזן אין די פינגער און זיי אויפגעטייעט מיט דער וואַרעמער פאַרע. ער האָט אַרויסגענומען אַ שרויף פונעם קעסטל און לאַנגזאַם זי אייגעפּאַסט אויפן קוים זעבאַרן שטאַנגען־לעכל פון דער רער. ער האָט זי צוגעדריקט מיט אַ פינגער פון דער צווייטער האַנט, און עפּעס ווי דורך אַ נס, איז עס אים באַלד ביים ערשטן מאָל געלונגען: די שרויף האָט זיך אַריינגעדרייט...

די בייזע בליקן פונעם מייסטער, זיינען עטוואָס אָפּגעטעמפּט געוואָרן. ער האָט אפילו אַ קאָלטן שמייכל געגעבן. און אַנווייזנדיק אויפן פאַרשעמטן פראַנצויזישן חבר זיינעם, האָט זיך דער מייסטער צו חיימען אַנגערופן:

— אַה, האַ, דער מוסט יודע זיין!

אינעם גרויסן אָפּגעזענגטן פאַבריק־האַל האָבן נאָך די באָמ־באַרדירונג און שרפות, די מאַשינען גערוישט און געסקריפּעט מיט אַן אומנאַטירלעכן טומל. די שווערע דיקע קייטן, האָבן זיך געצויגן אַרויף און אַראָפּ, אַן רעגלמעסיקייט ווי ביי אַלטע אָפּגענוצטע זיי־גערס, וואָס גייען נאָך ווי מיט עקשנות זייער לעצטן וועג.

גאָר אויבן, אויף דער שמאָלער פּלאַטע פון אַ הייב־מאַשין, האָט זיך ריטמיש באַוועגט אַן אַרבעטער. ער האָט שנעל מאַגנע־ווירט מיט בײדע הענט ווי אַן אַקראָבאַט, ביים צו און אָפּקייטלען די פּלי־וואַגאָנעטקעס, שטאַבעס, רערן און אַנדערע שווערע אייזערנע און שטאָלענע טיילן, וועלכע האָבן זיך אומגערן געהויבן אַרויף און אַראָפּ.

מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט אַ מוראדיקער קראַך, ווי אַ ערד־ציטערניש וואָס האָט אויפגעטרייסלט די געביידע און דעם גאַנצן אַרום.

לכתחלה, האָבן אַלע אַרבעטער געמיינט, אַז אַ פּרישע באָמ־באַרדירונג האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף זייערע קעפּ. עס איז געוואָרן אַ מהומה און זיי זייגען זיך צעלאָפן צו דער ריכטונג פון די דערנעבנדיקע שוץ־קעלערס. אָבער ווען די טירן פון די שעלטערס זייגען געווען פאַרמאַכט און די אַרבעט איז ווייטער אָנגעגאַנגען, האָבן זיי געזען, ווי אונטער דער איינגעפאַלענער הייב־מאַשין, ליגט אַ צעפּלאַטשיקטע טונקל־רויטע מאַסע, מיט שטיקלעך ביינער פון הענט און פיס אַרומגעזייט פון אַלע זייטן.

דאָס איז געווען דער אַרבעטער, וועלכער האָט זיך מיט מינוטן פריער, אַזוי קונציק באַוועגט אויף דער ענגער פּלאַטע פון דער הויך.

באַלד האָט מען צעטריבן אַלע „נייגעריקע". שנעל האָט מען צוזאַמענגעשאַרט מיט אַ שופלע, די רעשטלעך פלייש און ביינער וואָס זייגען אַרומגעליגן דערנעבן. די אַרבעט איז נישט איבער־געריסן געוואָרן אויף קיין רגע און בליץ־שנעל איז איינגעאָרדנט געוואָרן זיין „שטילע לוויה".

דער הרג, איז אָבער נישט געווען פון דער סאַמע „ריינסטער ראַסע": ער איז געווען אַ רוסישער קריגס־געפאַנגענער אָדער אַ דעפּאָרטירטער. דערפאַר, איז זיין קבר געווען, דער פלאַמיקער הויך־אויוון, אין וועלכן מען האָט אים אַריינגעוואָרפן, אַז קיינער זאָל נישט זען...

# קאפיטל צוואנציק

## מען שיקט חיימען נאָך קוקסהאווען

אויפן סאַמע שפּיץ פון צפון־ים, דאָרט ווי די עלבע פליסט מיט שטורעם אין ים־אריין, אַנטקעגן דעם באַפעסטיקטן אינדזל העלגאָ־לאַנד, איינגעאָנצן אַ קאַרגע פערציק קילאָמעטער פון וועזערמונדע, ליגט דאָס באַקאַנטע אינדוסטריעלע דייטשע שטעטל — קוקסהאַווען.

אין דעם שטעטל — אַ קליינעם און אַ רייגס, מיט אַ גאָטיש קירכעלע, אַן אָפּגעריבן באַגילדעט וואָקזאַלעכל, און מיט אַ דריי־קאַנטיקן „היטלער־פּלאַץ" — געפינט זיך, ווי אין וועזערמונדע, אַ פישעריי־האַפן און דער עיקר אַ גרויסע שיף־בוי־פאַבריק, וועלכע איז, ווער ווייסט פאַרוואָס, נישט באָמבאַרדירט געוואָרן ?...

מען האָט זיי „אויסגעבאָרגט", די אָוועקגעשיקטע קיין קוקס־האַווען, אויף אַ קורצער צייט, כדי וואָס שנעלער צו קאָנען פאַרענ־דיקן, אַ „פרעסירטן קאָמאַנד" (1) (ווי חיים האָט זיך דאָס אין זיין פראָנצויזיש־יידישן זשאַרגאָן אויסגעטייטשט) — אַ וויכטיקע אונ־טער־וואַסער־שיף — צו וועלכע עס האָט זיך געניויטיקט נאָך אַ היפש ביסל אויסלענדישע שוואַרץ־אַרבעטער.

די גרופּע פראַנצויזן מיט וועלכע חיים איז געפאָרן צוזאַמען, זיינען צעשיט געוואָרן אין פאַרשידענע הינטער־שטאָטישע לאַגערן ווו זיי זיינען געווען צוזאַמען. אָבער נאָר איין חיים, צום שלים־מזל, איז אַריינגעפאַלן אין אַ לאַגער צווישן בלויז... איטאַליענער.

---

1) אַן איילקע באַשטעלונג.

„אויך צו צרות געוווינט מען זיך צו!" — האָט זיך חיים אַליין באַדויערט זיין מזל. — אין וועזערמונדע האָט ער שוין געהאַט זיין „קויקע", זיין שענקעלע, זיין „גאַמעל" מיטן הילצערנעם לעפל און דער עיקר, זיינע חברים, צו וועלכע ער האָט געקאָנט אַ וואָרט אַרויסרעדן. דאָ אָבער, אין דער קוקסהאַווען — נאָכנישט וויסנדיק וואָס עס דערוואַרט אים דאָ — האָט ער זיך געפילט ווי נאָכאַמאָל דעפּאָרטירט. קיין איטאַליעניש האָט ער, פאַרשטייט זיך, נישט געקאָנט רעדן; קיין דייטש, האָט ער נישט געוואָלט רעדן; איז אים כסדר אויסגעקומען זיך אַרומצודרייען ווי אַ שטומער.

אין די זונטיקס, אויף די אָפּגעליידיקטע געסלעך און ראָגן, האָט ער זיך ווען עס איז, צונויפגעטראָפן מיט פאַרשידענע פּראָג־צויזן, וועלכע האָבן זיך ווי ער, אַרויסגעלאָזן קלייבן „מעגאָס" (ציגאַ־רעטן־עקלעך). ער האָט זיך מיט זיי אָוועקגעזעצט אויפן היטלער־פּלאַץ און זיך אויסגעשמועסט וועגן די לעצטע פראָנט־געשעענישן וואָס זיינען צו זיי נעפּלדיק דערגאַנגען. נאָך דעם, האָבן זיי זיך איבערגעגעבן זייערע אייגענע איבערלעבונגען פון דער וואָך.

אין חיימס בשותפותדיקער שלאָף־קאַמער, ווו ער האָט געוווינט צוזאַמען מיט איבער אַ צענדליק דעפּאָרטירטע איטאַליענער, האָט ער מיט זיי גערעדט אויף שטום־לשון. ער האָט זיך אָבער ווייניק וואָס פון זיי געקאָנט עפּעס דערוויסן.

אין אַ זייער קאַלטן דעצעמבער־אָוונט נאָך דער אַרבעט און נאָכן „אָוונט־ברויט", ביים רויכיקן אויוון פון די אַריינגעגנבעטע נאַסע פיש־פעסלעך, האָבן זיך די איטאַליענער אַרומגעזעצט ביים שאַרסקן הילצערנעם טיש. עטלעכע האָבן זיי געדרייט ציגאַרעטלעך פון די צוזאַמענגעקליבענע צעמאַרשטשעטע עקלעך, און איינער האָט אַרויסגענומען פון זיין „מיזעטל" אַ צעקנייטשטן העפט, און אים צעבלעטערט אויפן נאַקעטן טיש. אינעם העפטל האָבן זיך געפונען אַ שפּאַר ביסל באַשריבענע זייטלעך.

חיים האָט זיך משער געווען, אַז דער וואָס האָט צעבלעטערט דעם קייעט, מוז זיין אַוודאי אַ זשורנאַליסט אָדער אַ שרייבער; בפרט,

אַז אין אַ פריערדיקן שמועס צווישן אים און זיינעם אַן איטאַליענישן חבר, האָט חיים בולט אַרויסגעהערט די נעמען: דאַנטע, פּיראַנדעלאָ; דאַנונציאָ; גאַריבאַלדי — צוזאַמען מיט די נעמען פון היינטצייטיקע פּאָליטיקער, שרייבער, פילאָזאָפן און שריפטשטעלער.

נאָך דעם ווי איינער פון זיי האָט פאַריגלט די טיר, האָט אַ צווייטער געגעבן אַ צייכן מיט אַ פינגער, און אַלע זיינען געבליבן שטיל. דער וואָס האָט אַרויסגענומען דאָס שוין כמעט צעפּאַלענע העפטל, האָט מיט שטילע געמאָסטענע ווערטער, אָנגעהויבן לייענען.

חיים האָט פון זיין ווינקל זיך איינגעהערט אין דעם עלעגיש־זינגענדיקן קול פון דעם יונגן איטאַליענער: זאָל דאָס טאַקע זיין דער מחבר? — האָט זיך חיים געטראַכט — דער מיט די צעפּאַטלטע האָר, מיטן צעכראַשטשעטן אָפענעם ברוידיקן קאָלנער; דער מיט די שטענדיק פאַרטראַכטע אויגן, וועלכער קומט תמיד כמעט דער ערשטער נאָך דער אַרבעט מיטן אָנגעהאַנגענעם "מיזעטל", אין דער קאַמער אַריין?

חיים האָט פאַרשטייט זיך, נישט פאַרשטאַנען דעם אינהאַלט פון די פאַרגעלייענטע לידער און פּאָעמען. צו אים איז אָבער דער־גאַנגען, ווי מוזיק, דער קלאַנג פון דעם געפּרעסטן ריטם און דער עכאָ פון די שלאַגנדיקע גראַמען. עפּעס האָט ער דאָך אויך אַ מאָל געהאַט אַ שייכות צו אַזעלכע שרייבערישע ענינים...

פאַרשטאַנען האָט ער חיים, אַז עס איז נישט סתם קיין אַבס־טראַקטע פּאָעזיע, נאָר אַז עס האָט עפּעס אַ צוזאַמענהאַנג מיט זייער איצטיקן לעבן. ער האָט אָפט געהערט איבערחזרן די ווערטער: "דעפּאַרטאַדאָ"; "איטאַליאַנאָ"; "לאַ גוערא"; „גערמאַנאָ" און אַנדערע אויסדרוקן וועלכע ער האָט פיל־ווייניק פאַרשטאַנען. ווערטער וועל־כע האָבן אויך געהאַט אַ שייכות צו זיין אייגן לעבן...

⁂

ווידער איז וועזערמונדע; ווידער צוריק ביי די שלעכטע און „גוטע" מייסטער, ווערק־פירער, און „פאַר־אַרבייטער". ווידער אין די רו־טעג, אויף די גאַסן און פלעצער, ביים זוכן די פּאַפּיראָסן־עקלעך.

דאָס קלייבן די „מעגאַס" — אַ חוץ דעם פּראַקטישן נוצן וואָס ס'האָט געברענגט — איז אויך געווען דער איינציקער שפּאַציר און דאָס איינציקע פאַרגעניגן, פאַר אַ סך פון די דעפּאָרטירטע צוואַנגס־אַרבעטער. אַבי מען האָט נאָר געטראָגן דעם נומער אויפן האַלדז, האָט מען דעמאָלט פאַר קיינעם קיין מורא נישט געהאַט.

פון זייערע אויסגעלאָשענע אויגן, פון זייערע צעלאַבערטע זאַק־בגדים, פאַרוואַקסענע האָר און דער עיקר, פון זייערע שוין האַלב־צעריבענע בערעטן, וואָס כמעט יעדער האָט געטראָגן, אַלס באַווייז אַז ער איז אַ פראַנצויז — האָבן די איינוווינער פון דער שטאָט זיי שוין דערקענט.

אויף אַזעלכע שפּאַצירן, האָט חיים געזוכט אויף די מויערן, אויף די פּלויטן און אויף די ווענט; עפּעס אַן אויפשריפט; אַ רוף, אָדער אַ לאָזונג, קעגן דער מלחמה. ער האָט געזוכט אַ פּראָטעסט קעגן פאַשיזם און קעגן „פירער". די מויערן און ווענט זיינען אָבער געווען ליידיק. ריין, ווי אָפּגעוואַשן מיט זייף... אַנשטאָט דעם, האָט זיך אָבער געפונען אויף די גאַסן, ראָגן און פּלעצער און כמעט אויף יעדער שריט און טריט: פאַרביק־אילוסטרירטע אַפּישן מיט אַ געמעל, פון עפּעס אַ מיסטעריעזן קול, וואָס בלאָזט אַריין אין אַן אויער פון אַ דייטש, מיט אַ צושריפט:

„פּי־ס,ס! שאַ שטיל, האַלט ס'מויל, היט זיך פאַרן פיינט!"

חיים האָט מיט ווייטיק געטראַכט: ווי איז דאָס מעגלעך? זיינען דאָך דאָ געווען אַזעלכע גרויסע סאָציאַליסטישע און קאָמו־ניסטישע פאַרטייען און פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען? ווו זיינען זיי אַלע אַהינגעקומען??

ער האָט זיך דערמאָנט דאָס יאָר, טויזנט ניין הונדערט פיר און דרייסיק, בעת די פראַנצויזישע פאַשיסטן האָבן געוואָלט פאַרכאַפּן די מאַכט אין פראַנקרייך. וואָס פאַראַ שטורעם און אויפברויז האָט דאַן אַרויסגערופן ביים פראַנצויזישן פאָלק און דער עיקר, ביי די אַרבעטער־פּאַרטייען און זייערע פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס: די באַריקאַדן אויף כמעט אַלע גאַסן און פּלעצער פון דער הויפּט־שטאָט. די קאַמפן און געשלעגן מיט די פאַשיסטן אין מיטן דער נאַכט, אויף דעם אַריסטאָקראַטישן פּאַריזער פּלאַס דע לאַ קאָנקאָרד. דעמאָלט, דערמאָנט ער זיך, זיינען אַלע געגאַנגען צוזאַמען און פאַר־יאָגט די פאַשיסטן.

אויף איינעם אַזאַ שפּאַציר, צווישן בייגן און הויבן זיך ביים קלייבן די „מעגאָס", אַרום די ראָגן און רינשטאָקן, נישט ווייט פון דער עק שטאָט, איז חיים איבערגעשראָקן געוואָרן פון אַ לייכטן ריר, וואָס האָט זיך געגליטשט אויף זיין פּלייצע. ווען ער האָט זיך האַסטיק אויסגעדרייט, איז ער איבעראַשט געוואָרן, זעענדיק, ווי אַ פרוי פון אַריבער די מיטל־יאָרן, אָרעמלעך געקליידט, מיט אָנ־זעעוודיקע קנייטשן אַרום די שוין שטאַרק פאַרגרויטע האָר — האַלט איר האַנט אויף זיינס אַן אַקסל...

אַ פּאָר גוטמוטיקע אויגן און אַ ווייך קול, האָט אים מיטאַמאָל אַרומגענומען:

— אַרעמע פראַנצאַזע! — האָט זי שטיל געשעפּטשעט צו אים. — האָבע קיין אַנגסט ניכט! איך בין אַ מוטער ווי דיין מו־טער! קאָן דען אַ מוטער שלים מאַכען איר קינד? — האָט זי אים באַרואיקט, זעענדיק זיין צעשראָקנקייט:

— אויך מיין זאָן געפינט זיך אין דער פרעמד — האָט זי אים געטרייסט — פיליייכט ביי דיר אין פראַנקרייך; ער איז זאָלדאַט אין דער קריג; אים האָט מען געצווונגען. אָבער דו, דו ביסט דאָך

אַרבייטער, ווארום האָבסטו פאַרלאָזט דיין היימאַט און גערעגווויליגג אַהערגעקאָמען אַרבייטען קיין דויטשלאַנד ? הערשט פיליכט אַר־בייטסלאָזיקייט אין פראַנקרייך ?

ווען חיים האָט זיך שטאַרקער איינגעקוקט אין איר ליידנדיק פנים און זיך איינגעהערט אין איר כמעט צעוויטיקטער שטים, האָט ער אינגאַנצן פאַרלוירן די שרעק, און איר געענטפערט מיט צוטרוי :

— איך בין נישט געקומען געוויליק מאַדאַם, מען האָט מיך געכאַפּט און געצוואונגען צו פאָרן !

— וואָרום האָסט דו פריער זיך נישט פאַרשטעקט אַז מען זאָל דיך נישט געפינען ?

חיים האָט דערויף נישט געענטפערט. אויך זי האָט מער נישט געפרעגט. נאָר פאָרן אַוועקגיין, האָט זי אים אָן ווערטער, אַריינגע־שטעקט אין דער האַנט אַריין, עטלעכע קליינטשיקע קיכעלעך און אַ שפייז־טיקעט, אויף צווייהונדערט און פופציק גראַם ברויט...

## דאָס לעבן אין די שלאָף-באַראַקן

אַן אומגעהויערע לאַנגע, פינצטערע, איינשטאָקיקע געביידע, וואָס האָט אַמאָל געדינט פאַר די צענטראַלע פיש און הערינג־סקלאַדעס פון דער באַוווסטער וועזערמונדער פיש־פּראָדוקציע, ווו עס לעבן און ווינען: פראַנצויזן, איטאַליענער, רוסן און פּאַליאַקן צוזאַמען מיט אַ מחנה שטשורעס, וועלכע פילן זיך נאָך בעסער צווישן די לעבעדיקע אויסלענדער, ווי פריער, צווישן די טויטע פיש און הערינג — זייערע אַמאָליקע שכנים...

די נאַכט פון דער גרויסער באָמבאַרדירונג, האָט דער לאַגער געברענט צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע הייזער, געביידעס און פאַבריקן פון דער שטאָט.

פון דערווייטנס — לענג־אויס פון די פעלדער אַרום טייך וועזער, וווהין די קנאַפּע טויזנט באַווינער פון די באַראַקן זייַנען אַנטרונען, לויפנדיק פון די שווישטשענדיק־באַלויכטענע ציגנד־באָמבעס — האָבן זיי געזען און געשפּירט דעם פלאַם און רויך, וואָס האָט פאַרצוקט זייער לעצט ביסל האָב און גוטס.

עס האָט געברענט אַ פּעקעלע שפּייז, וואָס איז באַשטאַנען פון רויע געלע ריבן, אַביסל זאַלץ און מושטאַרדע — ווען מענס אַ „פרישטיק״ — מיטצונעמען צו דער אַרבעט. עס האָט געברענט, אַ שנירל מיט הענגענדיקע אַלטע צעריסענע וועש, וואָס איטלעכעס העמד און לייבל האָבן באַקומען אַלע פאַרבן, ביים וואַשן קאַלירטע צוזאַמען מיט ווייסע. עס האָט געברענט אַן אויסגעריבענער זעל־

נער־מאַנטל פון אַ קריגס־געפאַנגענעם. עס האָט געשרפּהט, עמיצנס אַ נאַר וואָס באַקומענע נאָך נישט אַנגעריזרטע ברויט־ראַציע. און עס האָט אויסגערויכערט אַ בילד, פון אַ שוואַרץ־חנעוודיק פּראַג־צויזיש געליבט מיידל, צוזאַמען מיטן שענקל־טירל, אויף וועלכן דער פּאָרטרעט איז געווען צוגעשטאָכן...

באַגין, נאָך דער שטורמישער וואָך־נאַכט, זיינען כמעט אַלע צוריקגעקומען.

געפעלט האָט קאַטושאַ, אַ ליטווישע דעפּאַרטירטע. אין אָוונט, בעת דער באָמבאַרדירונג, איז זי האַלב־משוגע געלאָפן, אונטער־האַלטנדיק איר פּיצל קינד אויפן בויך מיט איין האַנט, און ביים פּאַרכטיקן שעפּטשען: „אַ באָזשע מוי!" — צלמענדיק זיך מיט דער צווייטער האַנט — איז זי געלאָפן און געלאָפן אַן באַוווּסטזיין, און אַזוי לויפנדיק, איז זי אַ וואַנזיניקע צוזאַמען מיטן קינד, אַרייַנ־געפאַלן אינעם טיפן טייך ווזער.

עס האָט געפעלט, דער פּוילישער ייִד, מיטן איבערגעמאַכטן נאָמען: וויגיע —איינער פון די דריי, וואָס זיינען געווען פאַר־שטעלט אונטער פאַלשע פּאַפּירן, אַלס פראַנצויזן. און עס האָט געפעלט, דער געוועזענער גרופּן־פירער פון דער באַלמער פּאַרטי־זאַנען־אָפּטיילונג, דער העל־בלאָנדער פראַנסואַ. עס האָט זיך צוריקגעשלעפּט אַ הינקענדיקער אויפן רעכטן פוס, דער רוסישער לאַגער־סאַניטאַר, דער פול־פּנימדיקער מישקאַ.

אַלע איבעריקע זיינען צוריקגעקומען גאַנץ און געזונט. אויך דער גראָב־פּעסלדיקער דייטשער לאַגער־פירער מיטן דעקאָרירטן ברוסט־קאַסטן אַזש ביז צום בויך: אַלאָ גערינג. די מעדאַלן און אויסצייכענונגען האָט ער באַקומען, פאַר פירן דעם לאַגער ביד חזקה; פאַר שפּאָרזאַמקייט ביי דער באַשפּייזונג און גאָר באַזונדער, פאַר ברוטאַליטעט און סאַדיזם, קעגן די אויסלענדישע צוואַנגס־אַרבעטער.

ער איז געקומען, דער לאַגער־פירער, ווי געוויינלעך, אין

דערפרי, ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען, — — מיט דער זעלבער חוצפּהדיק־פאַרשייטער מינע. ווי שטענדיק, האָט ער געפּאַכעט מיט זיין שפּיץ־רוט וואָס ער לאָזט אים כמעט קיינמאָל פון דער האַנט נישט אַרויס און געזאָגט, דאָך עטוואָס שטאַמלענדיק:

— וואָס איז דאָ פאַרגעקומען־וואָס? פאַרוואָס גייט מען נישט צו דער אַרבעט — פאַרוואָס?

גיין, האָט מען איצט שוין טאַקע געקענט אַ סך פרייער...

די גאַנצע לענג פון דער געביידע ביז צום פּראָנצוויזישן באַראַק, איז געלעגן אויסגעצויגן אויף דער ערד. עס איז געבליבן דאָ און דאָרט, טיילן, הויך ווי אַ מענטש, און פאַרשידענע לעכער און ווינקלען ווו די היימלאָזע האָבן זיך אָנגעהויבן ביסלעכווייז איינצוואָרדענען. ווי נאָר עס איז אויסגעגאַנגען דאָס לעצטע פייערל, האָט דאָס לאַגער־לעבן לאַנגזאַם, זיך אָנגעהויבן צוריק אָנצוצינדן.

די רוסן האָבן זיך איינגעאָרדנט אין די פאַרשידענע ענגע לעכער און אין די אונטערשטע פאַרבליבענע טיילן פון זייערע באַראַקן. זיי האָבן אַרויפגעצויגן אָפּגעזענקטע זעק און פלאַכטעס, אַלס שוץ, קעגן רעגן און ווינט. זיי האָבן אַריינגעשלעפּט פון די צעשטערטע פיש־האַלעס, שמאָלע פלאַכע קאַסטנס, ווי ארונס פאַר מתים — אַלס בעטן — און ווידער אָנגעהויבן זייער לאַגער־לעבן.

די איטאַליענער און פּאָליאַקן האָט מען צעשאָטן אין פאַרשידענע אַנדערע הינטער־שטאָטישע לאַגערן. און די פּראַנצויזן, האָבן צוריק באַקומען זייער על פּי נס גאַנץ געבליבענעם באַראַק, וועלכער איז געוואָרן פאַר זיי צוריק... „נאָרמאַלער" לאַגער.

כמעט אַלץ און אַלץ איז געוואָרן פאַרברענט, און ווי אויף להכעיס: די פליי, לייז און וואַנצן זיינען פאַרבליבן. אויך די שטשורעס האָבן זיך צוריק געיאָוועט, און אינעם פּראָנצויזישן באַראַק אָמערסטן...

אין די אָוונטן — שוין אונטערן שיין פון אַ קאַרביד־לעמפּל — האָט זיך יעדער ווי פריער, ווידער „אָדורכגעקוקט", אַ העמד,

אַ פּאָר געלעכערטע גאַטקעס, אַ צעשליסן לייבל, אַ צוויטנדיקן שאַל און אַפּילו אַן „איבער־מלבוש״: „דורכגעלעזן אַ צייטונג!״ — ווי רועל, דער געוועזענער פּאַרטיזאַנער פון ווערקאָר, האָט עס מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל אָנגערופן.

ניקאָלאָ, דער יוגנטלעכער פון געמישטע פּראָנצויזיש־איטאַ־ליענישע עלטערן, דער איינציקער וואָס האָט אויפן דאַלמעטשערס פּראַגע וועגן רעליגיע, געענטפערט: „קיין רעליגיע!״ — האָט אַ פאַרשעמטער מקנא געווען אַלע „אַדורכקוקער״. ניקאָלאָ האָט נישט געהאַט, נישט קיין העמד, נישט קיין גאַטקעס, נישט קיין לייבל און אַוודאי נישט קיין אויבער־מלבוש. ער האָט בלויז פאַר־מאָגט אַ גוט האַרץ און אַ גרויען אַרבעטס־אַנצוג אויף זיין נאַקעטן לייב. דעמאָלט האָט ער זיך אָנגעקגעשטעלט ביי זיין שמאָל שענקל, ווי ער וואָלט זיך דערמיט געוואָלט פאַרמעסטן. ער האָט אויפגע־לענט דאָס טירל און אַרויפגעלייגט שטופּנווייז אַ פינגער אויף יעדן פון די פיר שיסעלעך געקאַכטע קילע ריבן אין בלויזן וואַסער. דאָס האָט ער באַקומען פון זיינע „אויסגעטויגטע״ חברים ביי דער עס־רייע. ער האָט זיך עטוואָס פאַרטראַכט ווי ביי אַ שווערן רעכע־נונג און אַריינגעשעפּטשעט אין אָפּענעם שענקל אַריין:

„איינס אויף איצטער, ס׳צווייטע פאַרן שלאָפן גיין, ס׳דריטע פאַרן מאָרגנדיקן פרישטיק, און דאָס פערטע, מיטצונעמען צו דער אַרבעט!״

מיטאָמאָל, מען קלאַפּט. דער בייכיקער לאַגער־פירער קייקלט זיך אַריין אינעם באַראַק און מיט שאַרפע שטראַלן פון זיין טאַשן־לאָמפּ, באַשפּריצט ער אַלעמען. מיט זיין צעגרילטע חזר־שטים, צעשרייט ער זיך:

וואָס מיינט איר זיך, וואָס, וואָס! איר וועט מיר אַרויס־לייכטן מיט פייער דורך די פענצטער? איר ווילט שוין ווידער צוציען אייער פאַרדאַמטע פלוכטצויגע, פלוכטצויגע. — סיקעט ער איבער צוויי מאָל מיט פאַרקרומעניש.

ער גיט אַ בלאָז מיט זיינע גראָב־פליישיקע ליפּן אויפן ביד־

נעם ציטערנדיקן פייערל פונעם קאַרביד־לעמפּל; אַ שווישטש מיט דער לעדערנער רוזקע, ווי ביי צירק־חיות; אַ פּעטן שפּיי אויף דער זאַמדיקער פּאַדלאָגע, און פּעסלט זיך אַרויס מיט אַ שטאַרקן זעץ אין דער טיר.

אין דער שטאָק־פינצטערניש, לויפן אַ טייל צו זייערע שענ־קעלעך „באַשיצן" די רעשטן פון די ברויט־ראַציעס וואָס זיי האָבן זיך געלאָזן אויף צומאָרגנס. אַנדערע, וועלכע האָבן שוין קיין ברויט נישט געהאַט, קריכן אַרויף אויף זייערע פּריטשעס כאַפּן אַ דרימל און ניקאָלאַ לויפט פּאַרזיכטיק קוקן צי „גערינג", דער לאַגער־פירער, געפינט זיך נאָך אַלץ אין שטח פונעם לאַגער.

אַרום דער גאַנצער פינצטערער זשומעריי, הערט מען פון אַ ווינקל אַרויס מאַראַס שטימע אַ זיפּצנדיקע:

— אַך, וואָס פאַר אַ לעבן, אַ לעבן!

ער שאַרט זיך דורך די פּאַרלאָזענע בענק, דערנענטערנדיק זיך צום שטיקל אָפּגעבראָכענעם שפּיגעלע וואָס איז צוגעקלעפּט צו דער וואַנט. ער צינדט אָן אַ שוועבעלע, און פאַריכט און גלעט זיך צו די קורצע שטייפע האָר. ער רייבט אָן נאָך אַ שוועבעלע, קלויבט זיך זאָרגפעלטיק אַראָפּ אַ שטויבעלע פונעם פאַרפּעצטן רעקל, און ער רופט אויס צו זיינע חברים:

— נו, חברה, גייען מיר היינט „שע מאַקסים" ?... 1)

אין אַן אַנדערן אָווּנט, לייענט מען אמתדיקע צייטונגען — אַריינגעשמוגלטע דורך די ייִנגלעך וואָס אַרבעטן אַרום די וואָקזאַל־רעלסן. רועל לייענט און אַלע הערן זיך איין.

אַ סענסאַציע: אַ „קעפּל", איבער אַ דיקן שוואַרצן שטריך: „געשטאָרבן זשאַק דאָריאָ!" 2)

---

1) עלעגאַנטסטע און רייכסטע קאַבאַרעט־קאַפע, לעבן דער פּאַריזער אָפּעראַ.

2) פראַנצויזישער געוועזענער סעקרעטאַר פון דער קאָמו־ניסטישער פּאַרטיי, וועלכער איז געוואָרן אַ נאַצי־אָפּיציר.

נאָך איידער רועל נעמט לייענען דעם גאַנצן טעקסט, שטראַלן שוין ביי איינִיקע די פּנימער. זיי רייבן זיך די הענט פאַר נחת, פייפן און ברומען זיך אונטער. דער קליינער ראָזשע פּעטי, דער מיטן ברייטן נאַיִוון תמימותדיקן פּנים, דער וואָס האָט ליב ביי יעדער געלעגנהייט צו דערציילן וועגן די דאָרפישע „גאַנזעסן" (פריילעכע מיידלעך) מיט וועלכע ער פלעגט אין די זומער־אָוונטן גיין שפּאַצירן — ווייסט נישט צי ער דאַרף זיך מיטפרייען אָדער נישט. ער פרעגט נישט דרייסט זיין נאָענטסטן טיש־שכן, ליעוורעוון, (דעם דריטן ייד מיט פאַלשע פראַנצויזישע פּאַפּירן) צי דער דאַריאַ איז געווען אַ פראַנצויז אָדער אַ דייטש?

ליעוורעוו צעשמייכלט זיך און ענטפערט אים: אַז דאַריאַ איז געווען אַ פראַנצויז.

— טאָ פאַרוואָס זיינען אַלע אַזוי צופרידן אַז ער איז געשטאָרבן, קאָן ער נישט פאַרשטיין און ער פרעגט ווייטער:

— איז ער נישט אַמאָל געווען אַ פרייוויליקער?...

ווען די צייטונג ליגט שוין אויפן טיש אַ פרייע, ציט זי צו זיך צו ליעוורעוו, וועלכער געפינט דאָרט אַ פרישׁ שטיקל נייעס:

„איזראַעל האָט צוריק איבערגענומען די מאַכט אין באַ־פרייטן (באַפרייטן מיט גענדזן־פיסלעך) פאַריז!" — לייענט ער אַרויס אויפן קול פאַר אַלעמען — וועלנדיק אַזוי אַרום אָפּציען די אויפמערקזאַמקייט פון יעדן מעגלעכן חשד אויף אים, אַז ער איז אַ ייד...

ווען דער זעלבער ליעוורעוו לויפט תיכף נאָכן לייענען אַרויס צום קראַן זיך אָנטרונקען מיט וואַסער, רופט זיך אָפּ מאַראָ צו די חברים:

— איך מיין יונגען, אַז דער ליעוורעוו מוז אַוודאי זיין אַ ייד. עפּעס קלייבט ער מיר צופיל אַרויס די יידישע שטיקלעך פון דעם בלאַט „פראַנס פור לע פראַנסע".

איוו — ליעוורעווס נאָענטסטער חבר — נעמט אים אָבער פאַרטיידיקן:

— מיר האָט זיך אויך אַזוי אויסגעדוכטן, איך האָב אים טאַקע אַנומלטן געגעבן אָנצוהערן וועגן דעם. כ׳האָב אים פאַר־זיכטיק געפרעגט. האָט ער געענטפערט: ניין!

עפּעס געפעלט מיר אויך נישט — לאָזט זיך מאַראַ נישט איינרעדן — בעת מיר גייען אַלע צוזאַמען יעדער וואָך אין „דוש״ אַריין, דרייט זיך שטענדיק ליעווּרעוו אַרויס מיטצוגיין, מיטן תי־רוץ: אַז ער איז קראַנק! איך מיין — ווילט ער זיך, מאַראַ — אַז ער מוז טאַקע האָבן די „יידישע קרענק!״...

אין די אָוונטן, ביי דער ריי אַרום די ריזיקע זופּ־קעסלען, לעבט דער עולם באַזונדער אויף. עס איז נאָך דעם שווערן טאָג אַרבעט און מען פילט זיך עטוואָס פרייער. דאָ זעט מען זיך מיט אַלעמען. מען האַנדלט און מען „טוישט״, אַזוי ווי אויף אַ בערזע. מען צעקריגט זיך דערביי און מען בעט זיך צוריק איבער. דאָ דערוויסט מען זיך די פּרייזן פון יעדן אַרטיקל באַזונדער.

פאַר אַ זופּ פון ריבן געקאָכט מיט מייערן „צאַלט״ מען: פאַר פינף לעפל עסן: צוויי ציגאַרעטן־פּאַפּירלעך. ווען די זופּ איז אָבער אויך מיט קאַרטאָפל, קאָסט זי שוין, פיר אָדער פינף פּאַפּירלעך.

דער האַנדל מיט ברויט איז דאָ אינגאַנצן אַנדערש ווי לויט אַלע שטענדיקע אָנגענומענע כללים: וואָס דאָס ברויט איז עלטער, קאָסט עס טייערער. מיט דער־אַ חשובער סחורה, וואָס קיינער קריגט נישט מער ווי אַנדערהאַלבן קילאָגראַם אַ וואָך, איז דער האַנדל זייער קאָמפּליצירט. מען האָט זיך דאָ אויסגעלערנט צו מעסטן אויפן קוואַדראַט און קוביק־סענטימעטער...

ביי דעם גאַנצן טומל, הו־האַ, און געמיש פון קיך און בערזע, מוז מען אין דער ריי דאָך זיין דיסציפּלינירט, שטיין פּינקטלעך איינער הינטערן צווייטן. פאַר דעם זאָרגט שוין דער לאַגער־פירער „גערינג״. ער פּאַנעוועט אַרום אַהין און צוריק מיט די כיטרע אייגעלעך מיט דער שפּיץ־רוט אין דער האַנט ווי אַ באַהאַלטענער

שפּיאָן. ווי נאָר ער דערזעט ביי עמיצן אַרויסשטעקן אַ פּוס, גיט ער אַ טרעט אַרויף אויף אים מיטן גראָבן שטיוול. אַז ער באַמערקט אַרויסשטעקן אַ האַנט: אַ שמיץ מיט דער פּאַכנדיקער נאַגייקע.

אַמערסטן בריקעוועט ער אַרום ביי דער רוסישער עס־ריי. דאָ צעשפּילט ער זיך; דאָ לאָזט ער לויפן זיינע אַלע חיהשע און סאַדיסטישע אינסטינקטן:

— ביסט נאָך הונגעריק? — רייצט ער זיך מיט אַ ציניש־איינשטודירטן רחמנות־טאָן, מיט אַ הויכן רוס וועלכער גייט פאַר אים פאַרביי מיט אַ ליידיקער שיסל אין דער האַנט, נאָכן פאַרענ־דיקן זיין מאַלצייט.

דער נאַיִווער רוס וועלכער ווייסט נאָכנישט פון „גערינגס״ שטיקלעך, נעמט עס אָן פאַר ערנסט און ער שאָקלט מיטן לאַנגן קאָפּ אויף יאָ! דער לאַגער־פירער נעמט ביי אים אַרויס מיט זיינע ביידע קישלדיקע הענט, די ליידיקע שיסל און גיט זי אַ טו אָן אופן פנים פונעם רוס, מיט דער גאַנץ קלעפּיקייט פון נאַכן עסן, — ווי אַ מאַסקע.

מישקאַ — דער סאַניטאַר פון די רוסישע באַראַקן — געפינט זיך פּונקט אַנטקעגן, צוקוקנדיק זיך צו אַט דער סצענע פון אַ ווינקל. די הויט פון פנים ווערט ביי אים טונקעלער. ער פאַרבייסט די ליפּן, ווי ס׳וואָלט געוועזן זיין אייגענער ווייטיק. זיין זויערע קרומע מינע, זעט ביי אים אויס, ווי ער וואָלט דאָס אַלץ טיף, טיף אַריינגענומען אין זכרון.

⁂

דער לאַגער־פירער האָט אודאי איינגעזען אַז דאָס איז שוין דער לעצטער ווינטער פון דער מלחמה און דער לעצטער אַקט פון דער נאַ־צישער הערשאַפט אין איראָפּע און אפילו איבערן אייגענעם פאָלק — האָט ער ערב ניי־יאָר צוויסן געגעבן אַז אין דער סילוועסטער־

נאַכט קאָן מען אויף זיין אין די באַראַקן ביזן פרימאָרגן: מען מעג זינגען, טאַנצן און זיך פאַרווײַלן: מען קאָן עסן, טרינקען, שפּילן אין קאָרטן און דער עיקר, פאַרברענגען מיט די „פּרויליינס" וועלכע ער וועט דערלויבן אין דער ניי־יאָר־נאַכט צו „לייסטן געזעל־שאַפט" די פראַנצויזישע אַרבעטער.

ווער זיינען דאָס געווען די „פּרויליינס" וועלכע דער לאַגער־פירער האָט דערלויבט צו „לייסטן געזעלשאַפט" צו די פראַנצוי־זישע צוואַנגס־אַרבעטער?

די עטלעכע מיידלעך וועלכע זיינען געווען באַשעפטיקט ביי פאַרשידענע לייכטערע אַרבעט און האָבן זיך געדרייט אין צווישנצייט אין די ביוראָס און קאַנטאָרן אַרום די דירעקטאָרן, שעפן און לאַגער-פירער — זיינען געווען פרייוויליק-אַנגאַזשירטע פראַנ־צויזינס צו אַרבעטן אין דייטשלאַנד. אין די זונטיקס און אין די יום־טוב־טעג, האָבן זיי זיך אויך געדרייט אַרום די פראַנצויזישע יינגלעך — זייערע לאַנדסלייט — אַרום די וועלכע האָבן זיי צוממערסטן געפאַלן...

זיי האָבן געהאַט, פאַרשטייט זיך, אַ פּריווילעגירטן און פרייען רעזשים און זיי האָבן אויך געדאַרפט „כאַפּן אַן אויג" און נוצן ברענגען דעם דייטשן רייך...

די יינגלעך האָבן נישט גערן געזען די דאָזיקע מיידלעך — די פראַנצויזישע „פּרויליינס" — זיי האָבן זיי אויסגעמיטן, כאָטש טייל פון זיי זיינען געווען יונגע און שיינע. אָבער אין דער דאָזיקער ניי־יאָר־נאַכט בעת עס האָבן זיך באַוויזן אויף די שמור־ציקע צעראַצטע טישן פולע פלאַשן ביר און אַפילו — מען האָט נישט געוווסט פונוואַנען — פינקלדיקן פראַנצויזישן רויטן וויין — האָבן זיך פונדעסטוועגן די יינגלעך צוזאַמענגעזעצט מיט זיי. דער ריח פון ביר און וויין און דער גערוך פון די מיידלשע פרישע יונגע לייבער צו וועלכע זיי זיינען אַזוי אויסגעהונגערט געווען האָט זיי פאַרטשאַדעט און ביי זיי פאַרדרייט די קעפּ. דאָס

צאַפּלענדיק־יונגלערישע בלוט האָט ביי זיי געגומען קאָכן אין פאַרגעסנקייט. אַזוי, אַז זיי האָבן גערן געזען ווי די מיידלשע קעפּ מיט די צעשויבערטע האָר זייגען געפאַלן אויף זייערע אַקסלען און בוזימס. דאָס זעלבע האָט מען אויך געזען אויף פאַרקערט...

די יונגלערישע, פון ווינט און פראָסט, צעפּאַדערטע ליפּן האָבן זיך געווישט אויף די רויט־געשמירטע ליפּנס פון זייערע פּאַרטנערינס און די פינגער ווי שלענגלעך זייגען זיך צעקראָכן אין די פאַרשידן־פאַרהוילענע קערפּער־טיילן קעגנזייטיק ביי די יינגלעך און מיידלעך.

עס זיינען אָבער נישט געווען קיין גענוגנדיקע צאָל מיידלעך אַז עס זאָל סטייען פאַר יעדן יינגל באַזונדער; זיינען טייל פון די „פּרוויליינס" געווען אַזוי ברייטהאַרציק אַזש זיי האָבן זיך גע־טיילט צו צוויי יינגלעך: צו איינעם פון רעכטס און צום צווייטן פון לינקס...

חיים, וועלכער איז געווען פיל עלטער פון זיינע שקלאַפן־קאָלעגן און וועמענס בלוט האָט פונדעסטוועגן געקאָכט צוזאַמען מיט זייערס, האָט געהאַט דאָס גליק אָדער אומגליק זיך צו געפינען מיט אַן „אייגן" באַזונדער מיידל. דער ויתרוצצו צווישן מוח און געפיל האָט געגומען ביי אים עגבערן. ער האָט באַרעכנט מיט וואָס דאָס קען זיך ענדיקן. ער האָט אָבער נישט געקאָנט און נישט געטאָרט אַרויסווייזן זיין באַזונדערע לאַגע אין וועלכע ער געפינט זיך. און ווידעראַמאָל צום שלים־מזל האָט ער דעם מיידל ספּעציעל געפעלן... צי דערפאַר ווייל ער האָט זיך פאַרלאָזט שפּיציק־פאַר־שניטענע וואָנסעלעך און דערמיט אויסגעזען מער מענעריש ווי די אַנדערע, צי גאָר דערפאַר וואָס ער האָט כמעט שטענדיק גע־טראָגן אַ געליאַמעוועט דייטשיש היטל מיט אַ ברייטן דאַשעק צוליב וועלכן מען האָט געקאָנט מיינען אַז ער איז אויך אַ פריי־וויליק־אַנגאַזשירטער. ער האָט אַליין נישט געוווסט פאַר וואָס ?... אַלנפאַלס, זי האָט אים כסדר אַריינגעשושקעט אין אויער דעם טראַדיציאָנעל־פראַנצויזישן : „שערי !"...

פאַרטאָג, איידער עס האָט אָנגעהויבן בלויען, האָבן די מיידלעך מיט די איינצלנע און טאָפּלטע יינגלעך זיך שוין געוואַקלט אויף די שאַרסקע בענק און אַרום די צעריבענע טישן, צום אַרויס־גיין. יעדעס פּאָרל אָדער טאָפּלט־פּאָרל האָט געזוכט אָן אינטים ווינקל כדי צו פאַרענדיקן די אויסטערלישע וואָך־נאַכט.

חיים, און גאָר באַזונדער „זיין" מיידל, האָט זיך מיטגעוואַקלט אינעם קאַראַהאַד צוזאַמען מיט אַלעמען, וואָס דער לאַגער־פירער האָט אַזוי מאַקאַבריש די לעצטע נאַכט פון יאָר אונטערגעפירט.

חיים האָט אָבער באַנומען די פאַטאַליטעט וואָס עס שטייט אים איצטער דאָ פאָר. ער האָט זיך שנעל אָריענטירט און „באַקו־מען" פלוצים אַזאַ שרעקלעכן בויך־ווייטיק אַז ער האָט געמוזט פאַרלאָזן „זיין פרויליין" און אַליין זיך צודראַפּען צו דער אויבערשטער פאַך פון זיין האַרטער פינצטערער נאַרע אויף וועלכער עס האָט שוין אַריינגעשאַרעט דער גרויער פרימאָרגן.

⁂

אָנהייב פרילינג, טויזנט ניין הונדערט פינף און פערציק.

די וואַרעמע לופט; דער ריינער הימל; די פייכטלעכע גראָזן; דאָס ערשטע קנאָספּן־בליעכץ און דער גלאַנציקער טוי — האָבן געשמעקט מיט ווידערגעבורט און באַפרייאונג. אויך די פאַריאַכטע אויסלענדישע צוואַנגס־אַרבעטער, האָבן אָנגעהויבן אָטעמען מיט באַפרייאונג. דאָס זיינען געווען די לעצטע וואָכן, די לעצטע טעג און אפשר גאָר די לעצטע שעהן, פאַרן ענדגילטיקן צוזאַמענברוך פון דעם גרויזאַמען היטלער־דייטשלאַנד.

אין דער צייט, איז חיימען צוגעטיילט געוואָרן אויסצוקערן און אויפצורוימען אין די סוף־וואָכן, די גרויסע ברייטע האַלעס, וואָס האָבן זיך געפונען הינטער די גאַנץ און האַלב־צעשטערטע פאַבריק־געביידעס.

אין אַ זייט האָט זיך געפונען אַ קליינע טריבונע, ווי להבדל

אַ באַלעמער, פון וואַנען די פּאַרטיי־פירער, עס.עס־שעפן און פּאַ־בריקס־עלטסטע האָבן פון צייט צו צייט, גערעדט, צו אַלע פאַר־זאַמלטע פאַבריקס־אַרבעטער.

אויף דער דאַזיקער טריבונע, האָט זיך געפונען אַ מין שפּיל־קאַסטן, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַן אַלטמאָדישער קירכע־אָרגל און דערנעבן, אַן אָרנאַמענטירטע שאַנק, ענלעך, טויזנט מאָל להבדיל, צו אַ יידישן ארון־קודש.

אויף די טירלעך פון דער שאַנק, איז געווען אַרויפגעקלעפּט און צוגענאָגלט שוואַרצע אייזערנע און בלעכענע סקעלעטן־קעפּ און איבער זיי, מיט גאָלד־געליישטע אותיות:

„גאָט מיט אונדז!"

אינעווייניק, אין דער שאַנק, האָבן זיך געפונען פאַבריקס־פאנען, אייזערנע און בראָנדזענע קרייצן, שווערדלעך, שטילעטן און אַנדערע האַנט־געווערן וועלכע זיינען צעשטעלט און צעהאַנגען געוואָרן ווי איקאָנעס ווי רעליקוויעס, בעת אַזאַ צונויפגשלעפּטן צוזאַמענטרעף. דעמאָלט האָט חיים געדאַרפט אויפפּאַסן אַז עס זאָל זיין ריין אין יעדן ווינקעלע; אַז עס זאָל זיך קיין שפּרענקעלע אויף דער ערד נישט געפינען.

די לעצטע צייט, נאָך די גרויסע צעשמעטערנדיקע מפּלות אויף אַלע פראָנטן, האָט מען יעדער סוף־וואָך נאָך דער אַרבעט, אָפטער ווי פריער, דאָ צוזאַמענגעשאַרט אַן אַנדער אָפּטיילונג. די אַרבעטער האָבן געמוזט שטיין שטייף און ערנסט און אויסהערן די רעדעס און תפילות בעת מען האָט געלויבט גאָט און דעם „פירער". נאָך יעדער רעדע וועלכע האָט אָפּגעקלונגען ווי אַ געצענדינסט, האָט דער „אָרגל" געשפּילט און איינער ווי אַ שמש, איז אַרויף אויפן פּיעדעסטאַל און אויסגעשריגן דריי מאָל: „הייל היטלער!" אויף דעם האָבן די אַרבעטער מיט אויפגעהויבענע הענט און אוסגעצויגענע פינגער, געמוזט ענטפערן, אויך אַזוי פיל מאָל: „הייל!". דערביי האָבן אַגענטן און שפּיצעלס אַריינגעקוקט אין די

מיילער פון די אַרבעטער, צי זיי זיינען נישט אַמאָל געבליבן פאַר־מאַכט...

אויך די אויסלענדער פון די אַפּטיילונגען האָבן געמוזט אָנ־ווענדן זיין ביי די־אַ ווערכנטלעכע צערעמאָניעס. זיי זיינען אָבער נישט מחיב געווען צו הייבן די הענט און צו שרייען „הייל". מען האָט זיי פריער געמאָלדן: אַז פאַר זיי איז עס פרייוויליק. אָבער אַזוי גוט ווי די דייטשן, האָבן זיי זיך פונדעסטוועגן געמוזט האַלטן זייער ערנסט — כאָטש כמעט אַלע האָבן זיך געמוזט בייסן די ליפּן, כדי זיי זאָלן נישט אַרויספּלאַצן מיט קיין געלעכטער...

נאָך דעם אַלעם, האָבן אַלע פאַרזאַמלטע (אַ חוץ די אויסלענ־דער) געמוזט מיטזינגען דאָס האָרסט־וועסל־ליד: „די פאַנע האָוך" און צום סאַמע סוף, אונטערן אַקאָמפּאַנימענט פונעם שפּיל־קאַסטן און „אָרגל" (שוין אַפילו מיט טרויעריקע שטימען), דעם אייביקן נאַציאָנאַלן הימן: „דויטשלאַנד, דויטשלאַנד איבער אַלעס!" — טראָץ דעם וואָס עס האָט שוין אויסגעשלאָגן די פיר און צוואַנ־ציקסטע שעה פון „טויזנט־יאָריקן רייך". אַזוי, אַז מען האָט שוין גאָר געקאָנט זינגען:

„דויטשלאַנד! דויטשלאַנד! אונטער אַלעס!"...

# קאפיטל צוויי און צוואנציק

## די באפרייאונג . . .

עס האָט זיך מיטאמאָל דערהערט אַן אויסגעשריי: „סאָל באָש!" 1) — פון הונדערטער, הונדערטער פראַנצויזן.

דאָס קליינע כיטרע אַפיצירל מיט די צוויי אָפגעהאַקטע פינגער פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, דער וועלכער האָט נאָך מיט עטלעכע טעג צוריק אַזוי האָפערדיק קאָמאַנדעוועט און ברוטאַל אַרויסגעיאָגט אַ טייל דעפאָרטירטע אויף אַן אומבאַקאַנטער עוואַקואַציע — האָט זיך איצט איינזאַם געשאַרט אַרום די צעקרוכלטע לאַגער־ווענט. ער האָט מיט חניפה־שמייכל אויף די אויסגעקרומטע ליפן, איצט באַגעגנט די באַפרייטע צוואַנגס־אַרבעטער מיט אַ הויכן: „גוט מאָיען!"

די לעצטע רעשטן פונעם „העלדישן פאַטערלאַנד" — צו וועלכן עס האָט אויך געהערט וועזערמונדע — איז געפאַלן צום אָפגרונט אין באַגלייטונג מיטן: „העלדען טאָדט פאַן פירער אַדאָלף היטלער!" — וואָס איז דערשינען מיט שוואַרצע ראַמען אין אַלע גוססדיקע דייטשע צייטונגען און מיטן צויבער־וואָרט **קאַפיטולאַציע!!!** — אויף די ראַדיאָס און הילכער, פון אַלע זיגערישע וועלט־סטאַציעס...

דער פאַרפייניקטער אינטערנאַציאָנאַל פון די דעפאָרטירטע און די מיט די קוים ביי די כוחות פאַרבליבענע קריגס־געפאַנגענע

---

1) זידל־וואָרט אויף די דייטשן.

# ק. בענעק

פון דעם לעצטן נאַציִשן פעסטונג ביים צפון־ים; זיינען אַרויס פון די באַהעלטענישן; פון די באָמבאַרדירטע היילן און לעכער.

— סאַל באַש, אַסאַסען, קרעפּיל! 1) — האָט מען געהערט נאָכן אַרויסטריט אויף דער פריי, פון אַ גרופּע פראַנצויזן, אויף דער שוועל פון זייער גאַנץ־געבליבענעם באַראַק.

— פּאַראַזיטן, קאַניבאַלן! — האָבן די רוסישע דעפּאָרטירטע צוזאַמען מיט קריגס־געפאַנגענע אַרויסגעצאַרנט.

— שוואַב! — די פּאָליאַקן.

— פּאַשיסטן! — די איטאַליענער.

— יעקישער עמלק, המן־הרשע! — די עטלעכע יידן...

אַזוי האָט יעדער איז זיין שפּראַך און אין זיין נוסח, ווי אין אַן איינשטודירטן כאָר, מעלאַדיש באַוואָרפן די „בעכטיקע" נאַציס און איצטיקע — דורך די ענגלענדער־באַשטימטע — אַר־דענונג־היטער, מיט זייערע אומשולדיקע ווייסע בענדער אויף די אָרעמס.

אַ פרייד האָט זיך אָנגעהויבן באַזעצן אויף יעדן פאַרביטערטן פּנים, אויף יעדנס פאַרשמאַכטע ליפּן און אין אַלעמענס פאַרמידטע אויסגעלאָשענע אויגן. אַ העלקייט האָט געגומען באַשיינען אַלע אָפּגעלאָזנע און איינגעפאַלענע געביידעס! אַלע אַרויסגעריסענע — ווי אויסגעברענטע אויגן־לעכער — פענצטער און טירן: אַזוי גוט ווי אויף יעדן שטיין און ביין פונעם גרויסן צווישן־פעלקער־לעכן לאַגער אויף דער צפון־זייט פון דייטשלאַנד, ביי דער גע־וועזענער שיינער האַפן־שטאָט, ווערמונדע.

דער פאַרענדיקטער צוואַנגס־לאַגער האָט געפיבערט מיט פריידיקייט און מיט אַ טראַגישן גראָטעסק...

אַלץ און אַלע — די אָפּגעסמאַליעטע הילצערנע באַראַקלעך;

---

1) שמוציקע יעקעס, מערדער.

זייערע איינוווינער: די נעכטיקע אַנאָנימע נומערן און היינטיקע שוין באַפרייטע מענטשן, אין זייער משונהדיקן הולך: הינקעגדיקע אויף זייערע געשוואָלענע פיס פון די דייטשע שאַרסקע האָלץ־שיך; הוסטנדיקע פון פאַרקילונג. דאָס אַלץ צוזאַמען מיט די זיך וואַלגערנדיקע פאַרבלאָטיקטע פאַפּירענע "היטלערס", "געריננגס", "געבבעלס" צונויפגעמישטע און צוזאַמענגעפּלאָכטענע מיט נייע שוין ווידער־צעריסענע האָקן־קרייץ־פענער, די אַרויסגוואָרפענע "רעזערוון" דורך די דעפּאַרטירטע פון די הפקר־געוואָרענע נאַצי־ביורעס. אַט־אָ, דאָס אַלץ, האָט אויסגעזען ווי אימפּראָוויזירטע סצענעס צו אַ גרויסן סענסאַציאָנעלן פילם־ספּעקטאַקל, וואָס מען הייבט נאָר וואָס אָן צו דרייען...

אַט פירט מישקאַ, דעם צעהורגטן, רויט־פּנימדיקן, לאַגער־פירער זייבעם:

— איך האָב קיין רחמנות נישט אויף דיר, דו ווילדע בעס־טיע! — שלעפּט ער אים ביים קאַרק — דערמאָן זיך וויפל אונד־זעריקע דו האָסט געשיקט צו דער געשטאַפּאָ און צום טויט!

דאָס פאַרפּלאָמטע פּרצוף, פּרובירט זיך פּחדנותדיק פאַר־ענטפערן מיט אַ פאַרכליניען:

— איך בין נישט שולדיק, כ'האָב אויסגעפירט באַפעלן!

מישקאַ גיט אים אַ שטויס אַריין אין זיין אייגענער לאַגער־פירער־ביוראָ, זאָגנדיק צו אים מיט סאַרקאַזם:

— קום! איך וועל דיר נאָך פאַרבאַנדאַזשירן דיין עקלדיקע מאָרדע איידער עס קומט דיין סוף!

אַרויסגייענדיק פון דער ביוראָ, טרעפט ער אָן דאָס קליינע כיטרע אַפּיצירל, דאָס מאָל, מיט אַ ווייסן באַנד אויפן אָרעם. דאָס אַפּיצירל, דערזעענדיק מישקאַן, ווערט נאָך קלענער. זיינע דאַרע ליפּן שטאַמלען אַרויס:

— הער סאַניטאַר, איר זעט, אַ דאַנק מיר האָט מען אייערע נישט עוואַקוירט; איר זייט אַלע דאָ געבליבן ביז צו אייער באַפריי־אונג!

— זיכער, הער אָפיציר! — ענטפערט אים מישקאַ מיט אַן עלנבויגן — ווּהין האָט איר אונדז דאָס געזאָלט עוואַקויִרן? צו די ענגלענדער, צו די אַמעריקאַנער, צו די סאָוויעטן? ווען מען האָט אויסגעצאַפּט אונדזער בלוט דאָ אונטער אייער קאָמאַנדע, האָט איר אויך אַזוי געדרשנט? און דעם בראַנדזענעם קרייץ — גיט ער אַ צעטרעט די פאַרשידענע „קרייצן" וועלכע וואַלגערן זיך ביי זייערע פיס — דעם נאַצישן אויסצייכענונג וואָס האָט נאָך ביז נעכטן באַצירט אייער ברוסט; איז עס אפשר געווען צוליב אייער הומאַניזם?

די באַפרייערישע פילם־לענטע, וויקלט זיך און דרייט זיך אַן אויפהער.

אַלע גרייטן זיך מקבל־פּנים זיין דאָס אַלירטע מיליטער, וואָס דאַרף לויטן קאַפּיטולאַציע־אָפּמאַך, אַריינמאַרשירן אין דער שטאָט צוויי אַזייגער נאָך מיטאָג.

דער גרויסער נאָך אַרומגעצוימטער הויף, זעט איצט אויס ווי אַ רוישיקע „קערמעס"־פאַרווײַלונג, ערגעץ לעבן אַ פּאַריזער פאָר־שטאָט.

עס פלאַטערן זיך מעלאָדיעס און טענער פון האַנט־ און מויל־האַרמאָניקעס צוזאַמענגעמישט מיט „הוראַס" און „וויוואַטס", אין אַלע ווינקעלעך פון די באַפרייטע רחבותדיקע לאַגער־הייף.

מיטאָג־צייט, וואַקסן מיטאַמאָל אויס פאַרשידענע נאַציאָנאַלע פענדלעך אויף די שפּיצן פון די אָפּגעריזשעטע פאַרבליבענע באַראַק־קוימענס.

פאַרן פראַנצויזישן לאַגער, זינגט מען מיט צעהעלטע שטימען „מאַ בלאָנדע". פאַרן צונויפגעשטיקעוועטן רוסישן באַראַק: „וואָלגאַ, וואָלגאַ". פאַרן איטאַליענישן: „אַוואַנטי פּאָפּאָלאָ". פאַרן פּוילישן: די וואַרשאַוויאַנקאַ". — — — און די דריי יידן האָבן זיך צוזאַמענגעגענומען אין אַ מזומן, און אין אַ ווינקל אויסגעזונגען די „התקוה"...

עס האָט זיך באַוויזן מיטאַמאָל — מען האָט נישט געוווּסט פון וואַנען — וואָדקאַ און שאַמפּאַן. אַלע האָבן געמאַכט אַ כוסה פון דער פלאַש...

נאַכן „באַנעצן זיך די ליפּן”, ווערן באַשטימט די צוויי יונגסטע פון די דעפּאַרטירטע, אַז זיי זאָלן אויפהענגען די אַלירטע פענער, פאַרן לאַגער־טויער, אויפן סאַמע שפּיץ פון די העכסטע עלעקטרישע דראַט־סלופּן.

אַ פייף פון אויבן און „הורראַס” פון אונטן — און זיי פענער פלאַטערן שוין ביים אַריינגאַנג פונעם לאַגער...

מיטאַמאָל פליען אַן עטלעכע דייטשע ווייס־בענדלדיקע אָרדע־נונגס־היטער אויף זייערע ביציקלעטן. זייער שעף כאַפּט אַרויס אַ טאַשן־זייגער און מיט אַן איינגעהאַלטענער רוגזה וואָס בלעזלט אַרויס פון אים, פרעגט ער:

— ווער איז ביי אייך דאַ, דער פירער?

— פון איצט אָן זיינען מיר אַלע פירער! — ענטפערט מען אים.

— איסט דען דאס מעגלעך? ניקסט צום בעגרייפען! — פאַר־ווּנדערט ער זיך טעמפּ און באין ברירה, באַשטייט ער דערויף. ער רעדט ווייטער:

— איסט דאָס זאָ?? מיינע ליבע הערן! — שטופּט ער דעם זייגער אינעם געזעמל אַריין — איצט איז עס פופצן מינוט נאָך איינס, און לויט אונדזער קאַפּיטולאַציע־אָפּמאַך, מאַרשירן די ענג־לענדער אין אונדזער שטאָט אַריין, פּינקטלעך צוויי אַזייגער נאָך מיטאָג. אַזוי, אַז פון דעמאָלט אָן האָט איר ערשט דאָס רעכט אויפ־צוהענגען אייערע פענער, און ביז דאַן: איז עס שטרענג פאַרבאָטן!

ווידער אַ סענסאַציע: מען שטופּט דעם נאַצישן פירער פון פּראָנצוויזישן לאַגער, דעם „אינטעליגענט”, דעם מיט די אייראָפּע־אישע מאַניערן, דער וואָס אַליין האָט ער נישט געשלאָגן, נאָר בלויז געכאַפּט דאָס טעלעפאָן־טרייבל ביי יעדער מינדעסטער געלעגנהייט...

צוויי פּראָנצוויזן — איינער מיט אָפּגעריבענע פּיאַטעס, דער צווייטער מיט אָפּגעשוואָלענע קני — האָבן אים אַרעסטירט ביים

אַנטלויפן, צוזאַמען מיט די פיר אויסגעפּאַשעטע חזרים, וואָס ער האָט געהאַט צו זיין פּריוואַטער דיספּאָזיציע.

דעם צוויי־פּיסיקן פון פאָרנט און די פיר־פּיסיקע פון הינטן, פירט מען מיט אַ „קאַצן־מוזיק", אונטער געלעכטער און אויס־געשריי: „פּור לע סענק קאָשאָן: היפּ־היפּ־היפּ־הורראַ!"...1) און מען טרייבט זיי אַלע פינף אינאיינעם אין דעם לאַגער־פּירערס ביוראָ אַריין...

זייענדיק אַרעסטירט מיט די פיר משונהדיקע מיט־אַרעסטאַנטן אונטער איין דאַך און אונטער אַ כסדרדיקער שמירה פון פראַנצויזן; פּרוּווט ער זיך באַקלאָגן אויף זיין נייעם גורל. ער הייבט אָן „אינ־טעליגענטיש" איינטענהן מיט די דריי פראַנצויזן וועלכע היטן אים:

— פאַרפאַלן! — זאָגט ער — אונדזער רעזשים איז צוזאַ־מענגעבראָכן, איר פראַנצויזן זייט איצט פון אויבן! דאַרף מען מיך צוזאַמענפּאָרן אַזש מיט שווינען? איר זייט דאָך אייראָפּייער; עס איז דאָך פּשוט נישט עטיש! אַך, ווען מיין מאַטילדאַ זאָל דאָס צוזען! — זיפצט ער מעלאַנכאָליש אָפּ.

דער צוזאַמענגעלאָפענער נייגעריקער עולם, הענגט און קלעפּט אויף די אויסגווייניקסטע ברייטע ביוראָ־פענצטער, און זידלט צו אים אַריין מיט אַ פעטע פראַנצויזישע אַרגאָ־שפּראַך:

„איל ס'זאָן דאָן לאַ קי..."

די וואָס האָבן מער נישט קיין פּלאַץ ביי די באַלייגטע שויבן, רייבן זיך באַצייטנס די הענט פאַר נחת, פון דעם געשמאַקן טעם וואָס עס שטייט זיי פאָר איינגיכן צו האָבן, בעת זיי וועלן קייען די שוין לאַנג, לאַנג נישט געגעסענע געבראָטענע חזרים...

— ווען מיר זאָלן זיין אַזעלכע קאַניבאַלן ווי זיי — פילאָזאָ־פירט האַלב שפּאַסיק אַ פאַרמאַטערטער בלייכער פראַנצויז — וואָלטן מיר געהאַט אַ פינפטן אַלס צולאַג...

---

1) פאַר די פינף חזרים! — חוזק־אויסרוף.

דער ערשטער טאָג פון דער באַפרייאונג פאַרענדיקט זיך. דער אָוונט פאַלט צו. די לעצטע שטראַלן פון די לעבלעכע זון פלעכטן זיך איין אין דער גאַנצער פאַרביקייט און דערגרייכן טיף, אין די אויסגעהאַקטע פענצטער־לעכער, פון די באַבלימלטע און דעקאָריר־טע באַראַק־קאַמערן.

ביי הינקענדיקע טישן, זיצן, ביי פולע, האַלבע און אויסגע־ליידיקטע גלעזער — די באַפרייטע. זיי שמועסן, לאַכן, וויצלען זיך און זינגען אימפּראָוויזירטע חוזק־לידער, אויפן חשבון פון דער נעכטיקער „העררן־ראַסע"...

ווען עס פאַלט צו די נאַכט: בלישטשען אויף עלעקטרישע לאָמפּן אויף דעם איינציק פאַרבליבענעם ברייטן טעראַסע־דאַך פונעם לאַגער.

דער צוזאַמענגעשאַפענער בלאַז־אָרקעסטער הילכט אויס טע־נער, פון די שוין לאַנג נישט געהערטער „מאַרסעליעזע". דער אָר־קעסטער גייט שנעל איבער צו די קלאַנגען פון די אויך שוין לאַנג פאַרגעסענער טאַנץ־מוזיק, אונטער וועלכער די ייִנגלעך כאַפּן טאַקע אַ לייטיש טענצל, אויך. אָבער — ווי זיי באַקלאָגן זיך, איינער פאַרן צווייטן — „נעבעך אָן פאַרטנעריגס"...

צומאָרגנס, און אין די ווייטערדיקע טעג, האָט דער לאַגער אויסגעזען ווי אַ פריידיקער יאַריד: עס איז שוין געווען יאָ לאַגער, און נישט לאַגער.

די ענגלישע אָקופּאַציע־מאַכט האָט איבערגענומען די אַפּטרופּ־סות איבער די לאַגערניקעס. זי האָט יעדן געקאָרמעט פון אירע מילי־טערישע קאָנסערוון־פּושקעס. פון די גוטע מאכלים, זיסע וואַסער־געטראַנקען און מיט די בלאַנדע פּלאַטשיקע ציגאַרעטלעך אין די מיילער, האָבן די נישט דערעסענע אויסגעדאַרטע ייִנגלעך, מיט־איינמאָל אָנגעהויבן אויסצוזען ווי אויפגעקומענע גבירים...

אין דער געל־בלאַטיקער ריבן־זופּ און אין דעם זויער־קלעפּיקן ליים־ברויט, האָבן זיי ביסלעכווייז אָנגעהויבן צו פאַרגעסן. כמעט

יעדער האָט געגומען אויף זיך וואָג און פאַרב. דער לאַנגער, שוואַר־צער, פינצטערער חלום האָט גענומען אויסניכטערן; די בייזע קאָש־מאַרן זיינען פאַרשווונדן.

פונדעסטוועגן, האָבן די פרעמדע שטיפמוטערישע גאַסן אויף וועלכע זיי האָבן שוין אַ גאַנצער וואָך פריי געטרעטן, זיי נישט דערוואָרעמט; פאַרקערט גאָר: זיי האָבן געפילט ווי אַ קעלט יאָגט זיי אויף יעדן ווינקל. עס האָט כמעט ביי אַלע אָנגעהויבן טליען נאָך אַ גרעסערע בענקשאַפט צו זייערע היימען. זיי האָבן אָנגעהויבן קוקן מיט גיריקע אויגן צו די מיליטערישע ענגלישע קאַמיאָנען, וואָס האָבן גענומען שניידן די וועגן אויף מזרח און מערב, מיט די ערשטע רעפּאַטריאירטע חברים זייערע...

די וואָס זיינען פאַרבליבן און געוואַרט אומגעדולדיק אויף זייער ריי, האָבן דערווייל אַרומגענישטערט אין די לייכט־באַוואַכטע, דייטשע מיליטערישע מאַגאַזינען, פון וועלכע זיי האָבן זיך אַרויס־געגראַבלט אַהיימצונעמען עפּעס אַ נויטיקער שטוב־זאַך אָדער אַן אַנדער נוצלעכער אַנדענק.

קיין גרויסן באַגריף פון „נעמען", אין די נאָך גאַנץ נישקשה־דיקע אָנגעשטאָפּטע מאַגאַזינען, האָבן די פּשוטע פראַנצויזישע אַר־בעטער און פויערים־ייִנגלעך, סיי ווי נישט געהאַט.

איינער האָט זיך אַרויסגעקליבן, אַן איין־און־איינציקע קאַל־דרע — פון אַ גרויסן שטויס — האַלב־וואָלענע מיליטערישע קאָצן. אַ צווייטער: אַ פּאָר יוכטענע לעדערנע שיך. אַ דריטער האָט זיך אַראָפּגענומען דעם זייגער פון דער וואַנט... אַ פערטער גאָר: דעם משונהדיק־גרויסן ראַדיאָ־אַפּאַראַט וואָס איז געשטאַנען אויף אַ טישל... אַזוי אַרום, האָט זיך יעדער אַליין „געשענקט" זיין „מתנה".

חיים, פון זיין זייט, האָט זיך אַריינגעצאַפּט פון אַן אייזערנעם פאַס אַרויס, אין פיר ליטראָוווע פלעשער אַריין — אַ העלן לויטערן בוימל. אַזאַ בוימל וואָס ער האָט שוין נישט געזען כמעט די גאַנצע לאַנגע מלחמה־צייט. ער האָט זיך נאָך צוגעשאַרט פון דער זייט,

עפּעס ביי אַ האַלבן טוץ סאַרדין־שעכטלעך פון אַ קאַסטן־אַרויס. ער האָט דאָס אַלץ אַריינגעשטופּט אין זיין געלעכערטן רוק־זאַק אַריין.

חיים האָט דאָס אָבער „גענומען" נישט מיטן זעלבן געמיט ווי זייגע חברים. ער האָט עס גענומען מיט אַ שווער האַרץ: ווער ווייסט — האָט ער דערביי געטראַכט — צי עס וועלן טאַקע געניסן די, פאַר וועמען ער וויל דעם בוימל ברענגען?

חיים האָט זיך בכלל געפילט אַנדערש ווי זיינע אַלע פראַנצויזישע חברים. די באַפרייאונג און די פרייד וואָס האָט געהערשט אַרום אים האָט אים גאָר פאַרטרויערט. די האָפענונג און די דערוואַרטונג, האָט אויף אים אַנגעוואָרפן אַ מורא. און אפשר נאָך מער ווי פריער, האָט ער איצט אַרומגעשוועבט ווי אַ בלאַסער שאָטן: אַן אַנגעזאָפּטער, פול מיט מרה־שחורה...

# קאפיטל דריי און צוואנציק

## א היים, א היים!... — „ליבערטע שערי!"

ווידער קאַמיאָנען, לאַסט־וועגענער און שווערע אויטאָמאָ־בילן; טאַקע אויך געפירט פון זעלנער, פון סאָלדאַטן אין מונדירן; אָבער נישט פון די, פאַרשטייט זיך, וועלכע האָבן זיי אַוועקגעפירט פון זייערע היימען, נאָר פון אַזעלכע, וואָס פירן זיי איצט צוריק צו זייערע היימען.

די שווערע קאַמיאָנען מיט די פאַרגרינטע אָפּגעזשאַווערטע פלעטלעך: „מעיד אין ענגלאַנד", האָבן איצט ביי די געפירטע אויסגעזען גאַנץ אַנדערש, ווי די ברוין־גרין געפלעקלטע, וועלכע האָבן זיי מיט רוגזה געפירט אַהער.

אַ חוץ די צוויי מיליטערישע שאָפערן, וועלכע האָבן זיך גע־פונען אין דער רעדל־בודקע, האָבן די געוועזענע דעפּאָרטירטע דאָס מאָל שוין נישט געזען אַרום זיך קיין שום באַוואַכטע זעלנער.

די באַפרייאונג האָט זיי באַגלייט, צווישן די מאַסיווע סקריפּנ־דיקע שנעל־לויפנדיקע רעדער און פאַר דעם פאָדערטייל פון דעם שווער־ סאָפּענדיקן וואָגאָן, וועלכער האָט מיט הימלעכקייט גע־שניטן די פאַרשעמטע און געשענדעטע לאַנדשאַפטן פון דעם שוין אויך באַפרייטן דייטשלאַנד.

אפילו דאָס געגרילץ, און דאָס כאָרכלענדיקע ברעמזן, בעתן אָפּטן אָפּשטעלן זיך פונעם וואָגאָן, האָבן די באַפרייטע איצט אויפ־גענומען כמעט ווי אַ געזאַנג: ווי אַ שירה און אַ לויב, פאַר אַ סטאַציע ווייניקער, אויפן וועג, פון זייער אויסגעבענקטער היימאַט...

אויפן וואָגן גופא האָט עס אויסגעזען ווי אַ פריילעכע עקסקור־

סיע אָדער אַ צוזאַמענטרעף נאָך אַ גרויסן מאַרק, פון וועלכן יעדער איינער האָט זיך עפּעס אַנדערש איינגעשאַפּט.

דער וואָס האָט מיט זיך געפירט דעם משונהדיקן גרויסן ראַדיאָ, האָט געהאַלטן מיטביידע הענט דעם אַפּאַראַט, אויף דער אויסנווייניקסטער זייט, נאָכן טיר־ברעטל פונעם הינטערשטן טייל, וואַגאָן. עס האָט זיך געקאָנט דוכטן, אַז ער וויל אים וועמען דער־לאַנגען, אָדער גאָר אים אַראָפּלאָזן אויפן וועג בעתן האַסטיקן גע־לויף.

אין דער אמתן אָבער, האָט ער דעם ראַדיאָ־אַפּאַראַט, פעסט געהאַלטן מיט ביידע הענט, אינעם חלל אויסערן וואַגאָן, כדי די איידעלע געדערים זיינע, זאָלן נישט ווערן באַשעדיקט, פון דעם שטאַרקן הוידן זיך אויף דעם שווערן לאַסט־אויטאָמאָביל. אַזוי האָט ער אים געהאַלטן, דעם אַפּאַראַט, אַזש ביז צו דער פראַנצויזישער גרענעץ...

דער ווידער, וואָס האָט מיט זיך געפירט דעם וואַנט־זייגער, האָט אים כסדר געהאַלטן ביים אויער... ער האָט אים אָנגעשטעלט צום קלינגען, און אָפּט געפּרעגט, אויף שטום־לשון, דעם ענגלישן שאָפער, ווי שפּעט ס'איז? — מחמת קיינער פון די פראַנצויזן האָט קיין זייגערל נישט געהאַט. אַזוי אַרום, האָט ער געוואָלט „קאָנטראָ־לירן, צי דער זייגער גייט אים גוט; צי ער האָט זיך נישט מיט אים אָפּגענאַרט...

דאַקעגן, האָט זיך אָבער איינער געפונען ווי יאָ אָפּגענאַרט — דער וואָס האָט געפירט די איינציקע קאָלדרע.

ער האָט אָפּט צוגעלייגט די נאָז צו דער „וואָלענער" קאָץ, געשמעקט צו איר, און ס'איז אים עפּעס נישט געפעלן געוואָרן... ער האָט אויסגעשפּרייט די צודעק אויף דער שויס, געצופּט די דרימען און זיי געצונדן מיט שוועבעלעך. די דרימען האָבן גע־ברענט ווי קין... מיט אַ זויערע מינע האָט ער אויסגעפונען, אַז די קאָלדרע האָט גאָרנישט צו טאָן מיט קיין וואָל: פּשוט, אַ ביינוו־לענע קאָלדרע און אפשר דאָס אויך נישט: זי איז גאָר פון ווי־

גאַניע. ער האָט זיך באַקלאָגט פאַר די חברים; אַליין זיך באַדויערט, און זיך געפילט ווי פאַרשעמט:

— ווען איך זאָל וויסן אַז עס איז נישט פון קיין וואָל — האָט ער זיך ווי פאַרענטפערט — וואָלט איך אַזאַ „סאַלאָ-פּרי״ 1) נישט גענומען!

פונדעסטוועגן, האָט ער די ביינוולנע אָדער וויגאָניענע צו־דעק, מיטגעפּירט אין זיין פאַראַרעמטן דאָרף אַריין.

חיים איז געזעסן אין אַ ווינקל, אַנגעטאָן אין זיין רוק-זעקל, מיט די בוימל־פלעשער אויף די אַקסלען. אויך ער האָט מורא געהאַט פאַר אַ שאָדן. דעריבער, האָט ער זיי געטראָגן אויף זיך. פונדעסטוועגן, האָבן די פלעשער זיך צעקלונגען ביי יעדן מינדסטן שאָקל פונעם וואָגן. אַזוי, אַז דער „זייגער-אינהאָבער״, האָט מיט חידוש געמיינט, אַז זיין זייגער קלינגט עפּעס אָן איבעריק מאָל...

אַ טייל פון די „פּאַסאַזשירן״, האָבן אַ סך גערויכערט פון די בחנומדיקע ציגאַרעטן-שאַכטלען, וואָס עס זיינען זיי כסדר צוגע־טיילט געוואָרן. אין צווישן־צייט, האָבן זיי געשניטן גרויסע פּע־נעצן פון די ווייסע ברויטן און פאַרטרונקען מיט די קאַלירטע לימאָנאַדע-פלעשלעך און ביר, וואָס דער „רויטער קרייץ״, האָט פון זיין זייט, זיי אַרויפדערלאַנגט, כמעט ביי יעדער גרעסערער אָפּשטעל-סטאַציע.

אַנדערע האָבן געשפּילט אויף מויל-האַרמאָניקעס אָדער... אין קאָרטן.

אויף די אָפּגעסמאַליעטע באַמבאַרדירטע וועגן, האָבן זיי פון צייט צו צייט, געזען ליגן, היימלאָזע דייטשע פאַמיליעס. די קינ־דער, און אויך אַ טייל פון די עלטערע, האָבן צו זיי אויסגעשטרעקט די הענט, ווי צו אַ באַגריסונג... די נעכטיקע געפאַנגענע האָבן פון וואַגאָן־אַרויס צו זיי אַראָפּגעוואָרפן, לחמות ווייס ברויט, ציגאַ־רעטן און ענגלישע צוקערקעס פאַר די קינדער.

---

1) אַ סחורה, פון אַ מיאוסן אומוועגט.

אַזוי זיינען זיי אַפּגעפאָרן וועג און וועגן, שטעט און דערפער, ביז אין אַ שאַרף־לופטיקן פריי־מאָרגן, זייגען זיי אָנגעקומען צו דער נידערלענדישער גרענעץ.

אַ שיטערע סטאַדע אויסגעמאָגערטע קי, קעלבער און שעפּסן, מיט גרויסע אומטטיקע אויגן, האָבן מיט דערשראָקנקייט זיך אַרומ־געדרייט אויפן גרענעץ־פּאַס, צווישן האָלאַנד און דייטשלאַנד. אַ טייל פון זיי האָבן טרויעריק געמעקעט און מעלי־גרהט. אַנדערע האָבן געגריזשעט די אויסגעטרוקנטע גרעזער, פון די אַזוי אַמאָ־ליקע פעטע האָלענדישע פעלדער. אויך זיי, די שאָף און רינדער, האָבן אויסגעזען ווי זיי וואָלטן געוועזן צוריקגעקומען פון דעפּאָר־טאַציע...

אין דעם פריען פרימאָרגן, האָבן ביי די ראַנד־וועגן, אַפּגע־וואַרט דעם וואַגאָן מיט די באַפרייטע ייִנגלעך, האָלענדישע פויערים און פויערטעס. טייל זיינען געווען אין די נאַכט־וועש אַרומגעהילט מיט דערעס און געטראָגן איינגעוויקלטע קינדער אויף די הענט. זיי האָבן געפּאַכעט צום לאַנגזאַם-פאָרנדיקן אויטאָמאָביל מיט ווייַ־סע און בונטע טיכלעך, מיט שאַלן, האַנטוכער און איינצלנע אפילו מיט ליילעכער. זיי האָבן געקושט זייערע אייגענע פינגער־שפּיצן און זיי געוואָרפן אויפן וואָגן אַרויף. אַנדערע האָבן זיפצנדיקע, אויף דער האָלענדישער שפּראַך, אַרויפגערעדט צו זיי. זיי האָבן זיך געצלמט און מיט די זעלבע טיכלעך און האַנטוכער, האָבן זיי זיך געווישט די אויגן. ביים אַפּפאָרן פון וואָגן, האָבן זיי געברענגט מילך, קעז און פרוכטן און עס אַרויפגעוואָרפן אויפן טראַנזיט־צוג וועלכער איז איצט אַדורכגעפאָרן זייער לאַנד.

★

אַדיע, דייטשלאַנד !... — האָט ביי די אַהיימפאָרנדיקע פּראָנ־צויזן געשפּריצט מיט געדאַנקען און זיי האָבן אַריינגעשטאָכן די בליקן אין די לעצטע רעשטלעך פון דער דייטשער פאַרהאַסטער ערד.

## ק. בענעק

די שווערע גערמאַנישע כמאַרע צוזאַמען מיט איר פאַרבלו־טיקט לאַנד, איז געבליבן פון הינטן.

די מאַסיווע רעדער פון ענגלישן מיליטערישן וואַגן, האָבן אָנגעהויבן פויזען אַרום די אָפּגעצערטע פעלדער און וועלדער, לענג־אויס, צווישן די גרענעצן פון האָלאַנד און בעלגיען.

אַ לייכטקייט, אַ גרינגקייט, האָט יעדן אַרומגענומען אויף די נייע שוין ענדגילטיק־באַפרייטער ערד. און כאָטש צווישן די פּאַסאַזשירן האָט זיך נישט געפונען קיין איינער פון בעלגישן אָדער האָלענדישן לאַנד, האָבן זיי זיך, די יינגלעך, פונדעסטוועגן זיך שוין אָנגעהויבן דאָ צו פילן ווי אין זייער אייגן לאַנד. און אָט, מיט דער־אָ לייכטקייט און גרינגקייט, האָט דער וואָגן געבערעמזט אין דער ערשטער גרויסער צפון־שטאָט פון פראַנקרייך — אין ליל.

אין ליל גופא, ווו עס האָט זיך אָנגעהויבן דער פריידיקער עפּילאָג פון זייער שווער־אַדורכגעלעבטער מלחמה־דראַמע; האָט זיך אויך אָנגעהויבן זייער צעשיידונג.

די פראַנצויזישע פּאַסאַזשיר־צוגן האָבן שוין פיל־וויניק אָנ־געהויבן פונקציאָנירן נאָרמאַלער. אַזוי, אַז יעדער האָט באַקומען זיין אומזיסטן באַן־בילעט צו פאָרן אין זיין היים־שטאָט אַריין. כמעט אַלע זיינען זיי געווען פון די דערפער און שטעטלעך פון מיטל־ און דרום־פראַנקרייך, נאָר בלויז חיים אַליין איז געווען דער איינציקער, וואָס זיין פאָר־קאַרטע איז געווען אויסגעשטעלט צו דער הויפּט־שטאָט — נאָך פּאַריז.

די יינגלעך האָבן זיך אויסגעטוישט מיט זייערע אַדרעסן און מיט קליינע פּאָטאָגראַף־בילדלעך. זיי האָבן זיך מיט טרערן אין די אויגן צעקושט איינער מיטן אַנדערן, און פאַרשוונדן אין זייערע קופּעען...

אין דער נישט ווייטער שטרעקע, פון ליל נאָך פּאַריז, איז חיים געזעסן אין זיין קאַבינע, איינער אַליין. נישט געשטערט פון קיינעם, האָט ער געהאַט גענוג צייט און געדאַנק פון אַלעם אַדורכ־צוטראַכטן:

זיי, די חברים, פאָרן זיך איצט, יעדער איינער, צו זיך אַהיים:

צו זייערע עלטערן, צו זייערע ברידער און שוועסטער, צו מיידלעך אָדער כלהס, און ער וואָהין פּאָרט ?...

ער האָט קיינעם פון די יינגלעך נישט געגעבן זיין אַדרעס. וועלכן אַדרעס אייגנטלעך ? ער האָט שוין נישט באַנומען אַז אַ מענטש דאַרף האָבן זיינס אַן אייגענעם אַדרעס... קיין פּאָטאָגראַ־פיעלע, מיט זיי זיך צו בייטן, האָט ער אויך נישט געהאַט. האָט ער ביי זיי זייערע בילדלעך צוגענומען, און פון זיין זייט, צוגעזאָגט צו שיקן פון דער "היים":

ווער וועט אים אָפּוואַרטן דאָרט, ביים אַרויסגאַנג פונעם פּאַריזער "גאַר די נאָר" — האָבן ביי אים מחשבות געעגבערט אין מוח — רחל ? שימענקע ? זיינע שוועסטער ? אָדער גאָר קיינער נישט ? ? ?

בשעתן טראַכטן, איז אים דער בליק געפאַלן אויפן געלע־כערטן רוק־זעקל וואָס האָט זיך געבאַמבלט צווישן זיינע פיס. ער האָט אַלץ געטראַכט, און מורא געהאַט צו דערטראַכטן דעם געדאַנק:

צי לעבט ווער פון זיי ?...

דאָס רוק־זעקל און דער שלעכט־איינגעפּאַקטער קלומיק, האָבן איצט אויסגעזען איבעריק ביי אים. די זאַכן, האָבן אים איצטער געקוועלט, ווי אַן ענגער כאָמעט אויפן האַלדז פון אַן אויסגעמאַ־טערט פערד.

צו וואָס דאַרף ער דען דאָס אַלץ ?

איבערן גאַנצן וועג, האָט ער זיך שוין געהאַט אַ סך אָנ געהערט וואָס די דייטשן האָבן געטאָן מיט די ייִדן.

ווי אין אַ קאָשמאַרן חלום, איז אים אין דימיון אַדורך, די אַלע געשטאַלטן און פיגורן פון זיינע נאָענטסטע און אייגענע וועלכע ער האָט איבערגעלאָזן:

זיינע עלטערן, די שוועסטער, ברידער, זייערע מענער, פרויען און קינדער: זיינע פריינט, באַקאַנטע און אַלע אַנדערע ייִדן פון פּוילן און פראַנקרייך ?...

מיט באַוווּנדער, און שיער נישט מיט קנאה, האָט ער געזען, מיט וואָס פּאַראַ אינטערעס זיינע פראַנצויזישע חברים האָבן מיט

זיך אַהיימגעפירט די מיטגענומענע זאַכן: פאַר וואָס איז ער עפּעס אַן אויסנאַם פון זיי? איצטער האָט ער בחוש נאָכאַמאָל באַנומען, אַז אפילו אין צרות און אין ליידן, זיינען אויך נישט אַלע גלייך...

אין קאָפּ האָט ביי אים גענומען רוישן, די שלייפן האָבן זיך ביי אים געדרייט; אַ שווייס האָט ביי אים אַרויסגעשלאָגן פון פנים: עס איז אים געוואָרן ענג, ענג.

ער האָט זיך באַמיט אָפּצושלאָגן די אַלע פאַרפּלאָנטערטע פינצטערע מחשבות. צו וואָס טראַכט ער דאָס אַלץ? מען דאַרף דאָך פונדעסטוועגן אָנהייבן אַ ניי לעבן!

נאָענט פון באַרימטן צפון־וואָקזאַל פון פּאַריז, האָט ער דער־הערט געזאַנגען. די „הוראַס". די „וויוואַטן" און דאָס פלאַטערן פון די פראַנצויזישע נאַציאָנאַלע פאָנען, האָט ביי אים פאַרווישט זיינע ביז איצטיקע שלעכטע רעיונות. — אויף אַזאַ אופן, האָט מען אין די דאָזיקע טעג אויפגענומען די אָפּוואַרטנדיקע צוגן מיט די אָנקומענדיקע פון דייטשלאַנד לעבנגעבליבענע דעפּאָרטירטע און קריגס־געפאַנגענע.

ווען דער צוג האָט זיך ענדגילטיק אָפּגעשטעלט אויף דעם רוישנדיקן וואָקזאַל־פּעראָן, האָט חיים דערזען אַ מאַסע מענטשן, מיט ווילד־גלאַנציקע אויגן, זיי האָבן זיך אַרויפגעכאַפּט אויף די באַן־טרעפּלעך, זיך אָנגעהאָנגען אין די וואַגאָן־פענצטער און מיט וואַנזיניק־פאַרצווייפלטע זשעסטן אין וועלכע עס האָט דאָך גע־טליעט אַ פונק פון האָפענונג — האָבן זיי גענישטערט מיט די בליקן און געזוכט זייערע אייגענע, ווען זיי האָבן מיט פאַרבי־סענע ליפּן, מיט פאַרקריצטע ציין און מיט רויט־געשוואָלענע אויגן, טעג און נעכט, דאָ אָפּגעוואַרט.

גאַנץ זעלטן האָט מען געזען, ווי פאַרקראַמפּטע הענט נעמען זיך אַרום ווי פאַרהלשטע, צום האַלדזן און קושן זיך. אָבער די גרעסטע טייל וואַרטנדיקע, האָבן מיט רעזיגנאַציע און יאוש אַראָפּ־געלאָזן די קעפּ און ווידער אָוועקגעשטעלט זיך וואַרטן, אויף דעם אַזוי געגאַרטן, אויסגעקוקטן, פרישן אָנקומענדיקן צוג.

●

חיים האָט זיך געשלייכט מיט זיין קלומיקל און רוק־זעקל, אין דעם גרויסן וואָקזאַל-הויף דורך וועלכן ער איז מיט אַן ערך צוואַנציק יאָר צוריק, אָנגעקומען פון זיין געבוירן־שטעטל אין פּוילן. דעמאָלט — ווי אַ סך יונגעליים פון די פּוילישע שטעטלעך — איז ער אָנגעקומען אַן אומלעגאַלער. אָבער פול מיט האָפענונג, דער־וואַרטונג און גלויבן.

ער האָט זיך דערמאָנט אין די מעכטיקע וואָקזאַל־טויערן; אין די מאַסיווע שטיינערנע ווענט און אין די דיקע הויכן קאָלאָנען וועלכע, ווי ער געדענקט, האָבן עפּעס דעמאָלט אויסגעזען אין זיי־נע אויגן פרישער. יונגער, העלער און היימלעכער. איצטער אָבער, ביי זיין צווייטן אָנקומען, האָט ער זיי געזען פאַרעלטערט, טונ־קעלער און שוואַרצער...

אַרויסגייענדיק פון די וואָקזאַלנדיקע ברייטע אומרו־טויערן — אויך מיט אַזאַ קלומיקל ווי איצט — האָט אים דעמאָלט — מיט אַ צוואַנציק יאָר צוריק — אָפּגעוואַרט עפּעס אַ פרעמדער פאַר־שמייעטער ייִד, מיט אַ שוואַרץ „טואַלעטל" הינטערן אָרעם. דער ייִד האָט אים היימעשלעך אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן אַקסל, און אים אַריינגעשעפּטשעט אין אויער:

— אפשר וואָלט איר געוואָלט יונגערמאַן, אַריין-נייען „דוב־לעלעך" הינטער דאַמען־מאַנטלען?

איצטער אָבער, האָט אים קיינער נישט אָפּגעוואַרט.

ער איז געבליבן שטיין איינער אַליין, אָנגעלענט מיט די פּליי־צעס אויף דער דרויסנדיקער קאַלטער וואָקזאַל-וואַנט, אָנגעלאָדנט מיט עלנטקייט — אַ פאַרטראַכטער.

# אינהאלט


קאַפּיטל איינס — די היטלער־אַרמיי אין פּאַריז 11
קאַפּיטל צוויי — „גרינע צעטלען" 18
קאַפּיטל דריי — דאָס ערשטע באַהעלטעניש 21
קאַפּיטל פיר — דער „שוואַרצער דאַנערשטיק..." 35
קאַפּיטל פינף — דאָס צווייטע באַהעלטעניש 48
קאַפּיטל זעקס — דער אַרעסט פון מאַטעס דעם שניידער 67
קאַפּיטל זיבן — אויפן וועג צו דער „פרייער זאָנע" 73
קאַפּיטל אַכט — סאַלין־לע־לאַק 80
קאַפּיטל ניין — ביי די ברעגן פון בלויען ים... 94
קאַפּיטל צען — צוריק ביי מאַדאַם ווידאַל 109
קאַפּיטל עלף — די אַבלאַווע אין האָטעל „ספּלענדיט" 114
קאַפּיטל צוועלף — איבער די בערג 127
קאַפּיטל דרייצן — דער אַרעסט פון מרדכי־מענדלען און חיימען 137
קאַפּיטל פערצן — אין לאַנד פון וויין און... שטיינער 153
קאַפּיטל פופצן — אין דער שטאָט פון שיך 162
קאַפּיטל זעכצן — אויף דער שוועל פון גיהנום 176
קאַפּיטל זיבעצן — „אַך, ווי עס שמעקט די היימאַט!"... 189
קאַפּיטל אַכצן — אין אַ דייטשן אַרבעטס־לאַגער 200
קאַפּיטל ניינצן — מען אַרבעט ווידער... 209
קאַפּיטל צוואַנציק — מען שיקט חיימען נאָך קוקסהאַווען 218
קאַפּיטל איין און צוואַנציק — דאָס לעבן אין די שלאָף־באַראַקן 224
קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק — די באַפרייאונג... 237
קאַפּיטל דריי און צוואַנציק —
אַ היים, אַ היים!... „ליבערטע שערי!" 246

## פון זעלבן מחבר:

פאַריזער אַבאַזשורן, רעפּאָרטאַזשן און בילדער פאַריז 1938

אונטער די פאַריזער הימלען, דערציילונגען און נאָוועלן, פאַריז 1957